STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09808

MOYSHELEKH, YOSELEKH, YISROELIKLEKH

Janusz Korczak

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאַנוש קאָרטשאַק

משהלעך, יאָסעלעך, ישׂראליקלעך

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

63

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף בוך

יאַנוש קאָרטשאַק

משהלעך, יאָסעלעך, ישׂראליקלעך

יידיש: יהושע פּערלע

מיט איינלייטונגס־ווערטער פון:
שלום אַש, יצחק גרינבוים און מאַרק טורקאָוו
צייכענונגען פון ס. ליפשיץ

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN
בוענאָס־איירעס, 1950

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

JANUSZ KORCZAK

MOISZELECH, JOSELECH, ISRULIKLECH

★

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

BUENOS AIRES, 1950
AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN
Hecho el depósito que marca la Ley 11.723

אינהאַלט

קאַפּ.		זייט
	דער הייליקער דאָקטאָר — שלום אש — — — — — — — — —	7
	זכרונות וועגן יאַנוש קאָרטשאַק — יצחק גרינבוים — —	11
	יאַנוש קאָרטשאַקס לעבנס־ווערק — מאַרק טורקאָוו — —	17
1	אויפן וואָקזאַל שטעלן די אויפזעערס אויס די קינדער פּאָרנוויז און פירן זיי אַריין אין די וואַגאָנען — — — —	51
2	די קינדער גיבן איבער אין וואַגאָן צו באַהאַלטן דאָס געלט און די פּאָסט־קאַרטלעך. — אין דאָרף טוען זיי זיך איבער אין ווייסע מלבושימלעך פון דער קאָלאָניע — — — — — —	55
3	לייבעלע רעכטלעבן בענקט, — לייבעלע רעכטלעבן וויינט —	60
4	די פּעסטונג. — דער פּיינקוכן. — דער שטורעם. — די פּייערלעשער — — — — — — — — — — — — — — —	63
5	דאָס געריכט פון דער קאָלאָניע. — ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסן. — פּסק־דינים — — — — — — — — — —	69
6	אַ פרימאָרגן. — גוטע און שלעכטע וואַסער־קראַנען. — דאָס אויפבעטן די בעטן. — רייפּטלעך פון ברויט — — — — —	78
7	די קוויטשערס. — אַ נאַרישער מענטש. — חלומות וועגן אַ פּיש־קאַפּערל און וועגן אַ פּאַלאַנט — — — — — — — — —	82
8	אהרן ניימייסטער. — העמדער אויסצוואַקסן און אַ מעשה מיט אַ שלעכטן קייסער — — — — — — — — — — —	88
9	דער מיטאָג. — דער שענסטער גאָפּל. — בלעטער, וואָס בייסן. — אַ גאָרטן אויף וואַטע — — — — — — — — —	93
10	דער לאָמער וויינרויך. — קאָנקורס פון דאַמקע־שפּיל. — טאַמרעס דער זיגער. — זייט געזונט קאָלאָניעס — —	97
11	בריוו פון דער היים. — צי האָט יאָסעלע נישט געוויינט וועגן די הויזן־טרעגער. — די לעצטע קאַרטלעך — — — — — —	100
12	חיים און מרדכי. — די קוקו, די וועווערקע און אַ מעשה מיט אַ זומער־פייגעלע. — מרדכין רופט מען — מאַטשעק — —	104
13	די צייטונג „מיכאַלוועק". — פּאַרוואָס רעדן די קינדער שלעכט פּויליש? — „סמוטנאַ איז אויף יידיש — אויך „סמוטנע" — — — — — — — — — — — — — —	108

קאַפּ. זייט

14 די מלחמה. — די שלאַכט ביים ערשטן פּאָרט. — דאָס פאַר־
נעמען דעם צווייטן פּאָרט. — אַ זעלנער, וואָס גראַבלט זיך
אין דער נאָז און וואָפנשטילשטאַנד — — — — — — — — 114
15 דער פּרינץ קרוק און זיין ברודער. — קיישעלעך פון וואַסער־
גראָז. — פּאַרוואָס איז בער־לייב קרוק אַ פּרינץ — — — — 125
16 די דאגות פון די אויפזעער. — אַ גענעראַל, וואָס ווערט אַ
פערד. — ווי אַזוי שעפּסן האָבן אויסגעלערנט אַ מענטש שכל 128
17 די קאָלאָניע — אַ הייל פון גזלנים. — די גרויסע אויספאָר־
שונג און דער עדות פון פּריצישן הויף. — דאָס מוחל זיין — 133
18 אַ שנעק (שלימאַק), אַ זשאַבע. — דער קליינער אַדאַמסקי
הרגעט אַ מוטער־בין. — דער גאַסטפריינטלעכער באַלעבאָס.
דער גרויסער אויספלוג אין אָרלאָווער וואַלד אריין — — 137
19 דער מיאוסער אַנשל. — ווער ס'האָט דער ערשטער איינגע־
פלאָכטן אין בלומען־קראַנץ — בלעטער. — דער קראַנקער
שיקאָרע — — — — — — — — — — — — — 144
20 אָונט־קאָנצערטן. — אַ סאָסנע ־ אַ זקנה. — דער פידלער
גראָזאָווסקי און אונדזערע זינגער — — — — — — — — 148
21 דער קליינער דיזשורנע וויל — מען זאָל אים האַלטן בכבוד,
און וואָס פון דעם איז אַרויסגעקומען. — אַ פאַלשער פסק־דין
און אַ מעשה מיט אַ באָרד, מיט זייף און מיט אַ בריטווע — 153
22 די שענסטע פאַרווײלונג אויף דער וועלט און דער גרעסטער כוח
פון אַ לעקעכל. — אַ טערקין דערציילט מעשיות. — לעבעדיקע
בילדער — — — — — — — — — — — — — 158
23 צייכנס פאַר אויפפירן זיך. — גרינבוימען איז מוחל דער הונט.
בראָמבערג קריגט אויך אַ פינף — — — — — — — — — 164
24 עוזר־פּאָעט. — אַ ליד וועגן אַ שוסטער, וועגן אַ שמיד און
וועגן פאָרן צוריק אַ היים — — — — — — — — — — 173
25 די קינדער גרייטן־צו אַ סורפּריז. — דער לעצטער זון־אונ־
טערגאַנג און דאָס לעצטע מעשהלע — — — — — — — — 177

ביכער־רשימה — — — — — — — — — — — — — 181

פּרעסע־שטימען — — — — — — — — — — — — — 183

שלום אש

דער הייליקער דאָקטאָר

געלויבט זאָל זיין דער מענטש, וואָס האָט געמאַכט די אָרימקייט שמייכלען. אַ צניעותדיקע גליקלעכקייט האָט אויף אַ מינוט אַרויסגעלויכטן פון די טיף־איינגע־גראָבענע לעכער-אויגן, און אַ רירענדיקער שמייכל האָט ווי אַ ליכט־שטראַל באַלויכטן די אָן־ציינענדיקע ליפּן.

און די טיפע קארבן־קנייטשן אויף די פּארמעט־פּנימער זענען אויסגעפּילט געוואָרן מיט אַ שטומער נחתדיקייט.

דאָס איז געווען אויף דעם מוראַנאָווער וואָקזאַל אין וואַרשע. אויף דער באַנהויף, וואָס האָט געפירט אויף דער אָטוואָצקער ליניע, ביים יידישן שפּיטאָל, וואָס איז שפּע־טער געוואָרן די „סטאַנציע", וואָס האָט געפירט צו דער ליניע פון די גאַז־קאַמערן.

דער מיט האָלץ־באַקלאַפּטער, אייביק פּראָוויזאָרי־שער, אייביק־בלאָטיקער סטאַנציע־זאַל איז געווען פול מיט יידישע מאַמעס און טאַטעס, וועלכע זענען געקומען באַגלייטן זייערע קינדער צו דער „וויטשעטשקע"*),

*) אויספלוג

וואָס דער „משוגענער דאָקטאָר", ווי מען האָט עס גע־רופן דעם ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק, נעמט אַרויס די קינדער אויף „פרישע לופט" אין „קראָפּלאַ מלעקאַ" — אויף אַ טראָפּן מילך, דער נישט־היימישער, קאַלטער און נאַ־סער סטאַנציע-זאַל, וואָס איז פאַרהילכט געוואָרן פון גע־זאַנג פון קינדער־שטימען, וועלכע האָבן, ווי דאָס געזאַנג פון פייגעלעך, אָנגעפילט דעם גאַנצן חלל. טאַטע־מע־מע האָבן געהאַלטן די קינדערלעך ביי די הענט און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך נישט באָדן אַליין און זאָלן נישט עסן קיין רויע אַגרעסט.

די קינדערלעך זענען געווען אָנגעטון אין זייערע „שבתדיקע" בגדימלעך, מישטיינס־געזאָגט — וואָס האָבן אויסגעמאַכט פּאָר טייל יינגלעך אין נייע קאַשקעטלעך, אָפּגעשמירטע שטיוועלעך און אויסגעפּליקטע אַרבל, וואָס די מאַמע האָט שפּעט ביינאַכט אויסגעריכטעט. נאָר אין פאַרעכטע הייזעלעך. די גאַנצע בידנע מערכה פון דער אָרימקייט האָט אַראָפּגעשיינט פון דעם אָנטועכץ פון די מיידעלעך.

פון וואַנען האָבן די מוטערס גענומען די שטאָפן?

מאַנטעלעך איבערגעאַרבעט פון דער מאַמעס „שול־פירן" סאַמעטענעם קאַפּטן. קליידעלעך פון די רעשטן פון דער מאַמעס חופּה־קלייד. האָבן די שטאָפן געשיינט, דערציילט פון אַמאָליקער כלהקייט און חתונה־פרייד.

מעשה בראשית פון יעדער משפחה איז געלעגן אין די קאַפּטעלעך, אין די קליידלעך. פאַרפּוצט די צעפּלעך

מיט רויטע און גלאַטע בענדעלעך, מיט קירשן איי־געלעך, בלומען ליפּעלעך, צווייגעלעך — הענטלעך און פיסעלעך, האָבן די קינדער, מיט זייער זיסער זמירה־קולעכלעך, אין זומער־פייגלדיקע קאָלירן, פאַרוואַנדלט דעם רעקרוטן באַנהויף אין אַ פרילינג־גאָרטן. נעבן זיי, אין וואָכעדיקער אָנטועכץ, טאַטע־מאַמע מיט שבת און יומטובדיקע פּנימער, האָבן געהאַלטן אין איין גלעטן און צערטלען די יינגל־פּיאות און מיידלעך־צעפּלעך.

דענסטמאָל האָב איך דערזען, דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן, אויף דעם פּנים פון דער אָרימקייט, דעם שמייכל פון נחת.

דער — וואָס האָט דעם שמייכל פון נחת אַרויסגערופן אויף די פּנימער פון דער יידישער אָרימקייט, איז געווען ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק, אָדער ווי מען האָט אים גערופן דער „משוגענער דאָקטאָר״, דערפאַר, וואָס ער האָט נאָך מיט פופציק יאָר צוריק, ווען נאָך אַלע אַרום אים, זיין גאַנצע סביבה, האָבן נאָר געקלערט פון די משיח־צייטן, וואָס וועלן קומען נאָך דער רעוואָלוציע און נאָך דער באַ־פרייאונג פון פוילן, האָט ער געווידמעט זיין לעבן פאַר טראָפּנס גליק, וואָס ער האָט געבראַכט אין יידישע שטובן יעדן טאָג מיט טראָפּנס פון זיין אייגענעם לעבן.

געלויבט זאָל זיין דער אָנדענק פון דעם, וואָס האָט געהייליקט גאָטס נאָמען נישט דורך זיין טויט, נאָר אויך דורך זיין לעבן!

מיאמי, דעצעמבער 1949.

יצחק גרינבוים

זכרונות וועגן יאַנוש קאָרטשאַק

פון בוך „בימי חורבן ושואה"
אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון העברעאיש
דורך חיים בראַקאַזש

זיין ווירקלעכער נאָמען איז געווען ד"ר הענריק גאָלדשמיט, א זון פון אַ וואַרשעווער אַסימילאַטאָרישער משפחה. דער פסעוודאָנים איז לויטער פוילישע ראָמאַנטיק — די משפחה טראַדיציע. מיט דעם דאָזיקן נאָמען, וואָס איז גענומען געוואָרן אין די אַרכיוון פאַר געשיכטע פון די מלחמות פון פוילישן פאָלק, איז גאָלדשמיט אַריין אין דער יידישער עפנטלעכקייט און אין יידישן דערציאונג-וועזן, און שטאַרבנדיק צווישן און צוזאַמען מיט די קינדער, וואָס ער האָט דערצויגן, האָט ער געהייליקט זיין נאָמען און עס האָט זיך פאַר אים געעפנט דער היכל פון די קדושים און גבורים פון יידישן פאָלק.

איך האָב מיך באַגעגנט מיט הענריק גאָלדשמיט, ווען מיר זענען ביידע געווען סטודענטן אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען צופעליק אין איינער פון די קליינע „צוקערניעס", וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען קעגנאיבער דער אוניווערזיטעט. מיר האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס, וואָס האָט זיך פאַרצויגן אויף שעהען. מיר האָבן גערעדט וועגן כלערליי זאַכן און צווישן זיי, פאַרשטייט זיך, אויך

מכּוח יידישע ענינים אויף דער אוניווערזיטעט און אין דער וועלט. גאָלדשמיטס רייד זענען געווען דורכגעדרונגען מיט גיפטיקן שפּאָט. איך האָב מער געשוויגן ווי גערעדט. איך האָב מיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די רייד פונעם דאָזיקן יונגנמאַן, וועלכער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַן אַלטן דערפאַרענעם מאַן, וואָס ווייסט, אַז עס איז ניט כּדאי זיך צו פייניקן די נשמה מיט די אַלע זאַכן, וועלכע מען איז געוווינט אָנצורופן אידעאַלן; אַז אַלדינג איז פּוסטע מעשׂיות. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז אַ שלייער, אין וועלכן יונגעלייט פון פאַרמעגלעכע אַסימילאַטאָרישע משפּחות פלעגן זיך איינהילן, כּדי צו פאַרדעקן זייער נאַקעטקייט, די פּוסטקייט אין זייערע נשמות. דאָס גרינגשעצן זייער נאָענטסטע סביבה און דאָס נישט קענען אויסגעפינען פאַר זיך אַ גייסטיק פאָטערלאַנד, כּדי זיך צו דערנענטערן צו די ברייטע מאַסן פון זייער פאָלק, צו וועלכע עס האָט זיי טיילמאָל באַהאַלטענערהייט געצויגן. דאָס איז געווען דער סקאַרבאָווער נוסח ביי די בעסערע צווישן די מיטגלידער פון אַסימי־ליאַטאָרישע רייכע משפּחות, וואָס האָבן אַליין געזען דאָס צעפּוילט־קייט אין זייער לעבן, פון וועלכן די שיינקייט איז נאָך אויסערלעך נישט געווען פאַרטונקלט. אויף מיר און אויף מיינע חברים, וואָס זענען געווען אַריינגעטון אין דער וועלט פון התלהבות, וואָס האָבן זיך באַוווּסטזיניק און אונטערבאַוווּסטזיניק געקוויקט מיט דעם גייס־טיקן יידישן פאָטערלאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן אין דער גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ, האָט דער דאָזיקער נוסח גע־מאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק: ער האָט אָפּגעשטויסן און צוגעצויגן. מיר האָבן אין אים געשפּירט עפּעס אַ מין דערהויבנקייט פון מענטשן, וואָס קוקן אַראָפּ פונדערהייך פון זייערע ביטערע דערפאַרונגען אויף אונזערע אָנשטרענגונגען, שוין פון פאָראויס וויסנדיק, וואָס פון זיי וועט אַרויסקומען. גלייכצייטיק אָבער האָבן מיר אויך געוווּסט, אַז מיר שטייען אין קאַמף, אַז מיר שמידן אונזער צוקונפט — די צו־

קונסט פון אונזער פֿאָלק. האָבן מיר טיילמאָל רחמנות געקריגן אויף די דאָזיקע גיפֿטיקע אָפּלאַכער, די געפֿאַנגענע פון זייער פֿוסטער וועלט.

נאָך דער דאָזיקער ערשטער באַגעגעניש זענען פֿאַרביי יאָרן און מיר האָבן זיך מער נישט געטראָפֿן. איך האָב פֿאַרלאָזט דעם מעדיצינישן פֿאַקולטעט און גאָלדשמיט איז דאָרט געבליבן און געענדיקט אַלס מעדיקער. איך האָב זיך אינגאַנצן אַריינגעטון אין דער ציוניסטישער וועלט, וועלכע איז געווען אַזוי ווייט פֿון גאָלדשמיטס באַנעם און געפֿילן. און אָט איז גאָלדשמיט פּלוצלינג נתגלה געוואָרן נישט בלויז ווי אַ טאַלאַנטפֿולער פּוילישער שריפֿטשטעלער, נאָר אויך ווי אַ באַזונגער פֿון דעם יידישן קינד — פֿון די משהלעך און ישׂראליקלעך, צו וועלכע ער האָט זיך דערנענטערט און מיט וועלכע זיין נשמה איז געבליבן פֿאַרקניפּט ביז צום טאָג, ווען ער איז זיי פֿאָראויס געגאַנגען צום טויט.

קאָרטשאַק איז געווען אַ פּעדאַגאָג פֿון דער נאַטור. ער האָט געקענט דעם קינדס נשמה און זיין וועלט. און זיין מעטאָדע איז געווען צו דערציילן דעם קינד וועגן דער דאָזיקער וועלט זיינער און נישט קיין אויסטראַכטענישן פֿון אַ פֿרעמדער וועלט. ער האָט געשאַפֿן אַ נייעם טיפּ פֿון אַ קינדער־צייטונג, אין וועלכער די קינדער האָבן אַליין געשריבן פֿון זייערע טראַכטענישן, פֿון דעם לעבן אין זייער באַזונדער וועלטל, וועגן זייערע באַדערפֿענישן און שטרעבונגען, וועגן אַלעם וואָס זיי זעען און הערן. ער האָט מיט זיי מיטגעלעבט זייער לעבן און זיך געהיטן אַריינצוברענגען דערין עפּעס פֿון דעם לעבן פֿון די דערוואַקסענע. ער האָט זיי נישט דערצויגן לויטן מוסטער פֿון די דערוואַקסענע, נאָר איז אַריינגעדרונגען אין זייערע הערצער, ער האָט געעפֿנט אַ טיר צו זייערע נשמות און איז זיי נאָכגעגאַנגען מיט גרויס ליבשאַפֿט, מיט ליבשאַפֿט פֿון אַ דערציער און אַ חבר, פֿון אַ פֿאָטער און אַ פֿריינט און אַזוי אַרום האָט ער געווונען די קינדערישע הער־

צער און איז באַרימט געוואָרן פאַר אַ דערציער וואָס ברענגט דורך נייע וועגן אין דערציאונג־וועזן.

איך האָב פונדערווייטנס געהערט זיין רום, געהערט דערציילן וועגן זיין אַרבעט אין דעם בית יתומים פאַר יידישע קינדער און איך פלעג טיילמאָל לייענען זיינע שריפטן, זיינע דערציילונגען וועגן די משהלעך און ישראליקלעך, פאַר וועלכע ער „איז געווען די כפרה".
איך האָב אים נישט באַגעגנט אין יענער עפּאָכע. ערשט אין יאָרן אַרום נאָענט פאַר דעם מלחמה־אויסברוך, ווען איך בין געהאַט געקומען קיין וואַרשע, האָט ער מיך באַזוכט, כדי זיך מיט מיר צו באַראַטן וועגן אַוועקפאָרן קיין ארץ ישראל. ער איז שוין געהאַט געווען אין לאַנד, שוין געהאַט געלעבט אין אַ קיבוץ און זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין און ליב צו האָבן די פאַרשידענע טשעקאַווע טיפּן, וועלכע מען טרעפט דאָרט. ער האָט מיר געזאָגט מיט אַ פאַרלעגנהייט, וועל־כע ער האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן, אַז ער האָט בדעה זיך צו באַ־זעצן ערגעץ אין אַ וויטן קיבוץ און לעבן דאָרט אָפּגעזונדערט. ער וויל נישט אַריינטרעטן אין דעם לעבן פונעם ישוב, זיך מיטבאַטיי־ליקן אין קינדער־דערציאונג. ער וויל זיך אָפּזונדערן, זיך דערווייטערן פון דעם שאַפונג־טומל פון נייעם לעבן, ער וויל אָבסערווירן, לערנען און מעדיטירן אין איינזאַמקייט. איך האָב אים צוגעזאָגט צו טון אַלץ, וואָס איך וועל קענען, כדי צוצואיילן זיין עליה. אָבער דאָס איז געווען אין אָנהייב אויגוסט 1939 און אין ערשטן סעפּטעמבער איז דאָס דייטשע מיליטער באַפאַלן פוילן און אָקופּירט דאָס לאַנד אין משך פון עטלעכע טעג.

קאָרטשאַק איז געבליבן אין פוילן. ער האָט נישט געוואָלט אַוועקפאָרן אין יענער צייט, אין יאָר 1940, ווען אַנדערע זענען גע־פאָרן. ער איז געבליבן מיט זיינע קינדער, מיט זיין בית יתומים אויף דער שעננאַ גאַס. ער האָט מיט זיי געלעבט און זיי באַשיצט. עס זע־נען מיר נישט באַקאַנט די איינצלהייטן פון יענעם לעבן, אָבער ס'איז

נישט שווער זיך אויסצומאָלן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען אין יענער צייט פון הונגער, פייניקונגען און דערנידערונג, וועלכע די דייטשן האָבן דורכגעפירט פאַר דער פאַרטיליקונג. קאָרטשאַק האָט אָפּגע־היטן זיינע קינדער, די יידישע קינדער, וואָס מען האָט אים אָנפאַר־טרויט. ער איז פאַר זיי געווען אַ פאָטער און אַ ברודער, אַ חבר און אַ באַשיצער. ביז עס איז געקומען דאָס יאָר 1942, דאָס יאָר פון פאַר־טיליקונג. עס איז געקומען די ריי אויף די קינדער, אויף די קינדער פון בית יתומים, וואָס קאָרטשאַק איז געווען זייער וועגווייזער און דערציער. ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען, לויט מען דערציילט, נאָר ער האָט נישט געוואָלט. אפשר האָט ער גאָר־נישט געוווּסט וועגן דער מעגלעכקייט. זי האָט אים זיכער נישט אינ־טערעסירט. איז דען מעגלעך געווען צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז הענ־ריק גאָלדשמיט, אַז יאַנוש קאָרטשאַק וועט איבערלאָזן זיינע קינדער און זיי וועלן גיין צום טויט אָן אים? איז ער געגאַנגען זיי פאָראויס און אין איין האַנט האָט ער געטראָגן אַ קליין קינד און געטוליעט עס צום האַרץ און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרעסער קינד און עס געפירט, און הינטער אים — די רעשט קינדער מיט אויפגעהויבענע קעפּ און קיין איינס פון זיי האָט נישט געוויינט און נישט געקלאָגט. ווארום מיט זיי איז געווען זייער לערער און דערציער, זייער חבר און זייער פריינט. און ער איז געווען פאַר זיי אַ קוואַל פון קראַפט און גבורה.

אַזוי זענען זיי געגאַנגען צום טויט־צוג, וואָס האָט זיי געזאָלט אַוועקפירן קיין טרעבלינקע. קאָרטשאַק האָט אַריינגעפירט זיינע קינדער אין וואַגאָן און אַליין איז ער אַרויף דער לעצטער. אַ דייט־שער אָפיציר האָט אין דער לעצטער מינוט געפרוווט קאָרטשאַקן איבערצייגן, אַז ער זאָל זיך אַליין ראַטעווען. האָט קאָרטשאַק זיך געפילט געטראָפן און אים שאַרף אַריינגעזאָגט. ער איז אַרויף אויף די טרעפּ פון וואַגאָן און פאַרשוווּנדן געוואָרן. מער האָט מען אים שוין נישט געזען.

און אָט דאָס הייליקע בילד פון קאָרטשאַקן, ווי ער גייט אַרויף אויף די טרעפּ פון דעם טויט־וואַגאָן, אויפן אָרעם האַלטנדיק אַ קליין קינד און ביי דער האַנט פירנדיק אַן אַנדער קינד — וועט אויף אייביק בלייבן איינגעקריצט אין האַרץ פון יידישן פאָלק.

ירושלים, 1945.

מאַרק טורקאָוו

יאַנוש קאָרטשאַקס לעבנס־ווערק

ווי מאָדנע הייבט זיך אָן דאָס דאָזיקע בוך, דאָס איינציקע, דאכט זיך, וואָס יאַנוש קאָרטשאַק האָט געשריבן דירעקט אויף אַ יידישער טעמע.

אין דעם ערשטן קאַפּיטל שילדערט ער דאָס בילד, ווי די אויפזעער שטעלן אויס די קינדער פאַרנווייז און פירן זיי אַריין אין די וואַגאָנען.

אָט אַזוי שילדערט עס יאַנוש קאָרטשאַק:

„דער צוג גייט ערשט אין אַ שעה ארום, און שוין דרייען זיך ארום אויפן וואָקזאַל צענדליקער קינדער, וואָס שאָקלען מיט זייערע לייוונטענע זעקלעך און וואַרטן מיט אומגעדולד, מען זאָל זיי שוין אָנהייבן אויסשטעלן שורות־ווייז און אַריינפירן אין די וואַגאָנען.

ווער עס וועט זיך פאַרשפּעטיקן, דער וועט נישט מיטפאָרן. היט מען זיך טאַקע שטאַרק — אי די קינדער, אי די קינדערס עלטערן".

דאָס זענען געווען וואַגאָנען פון קינדישער פרייד, ווייל אין זיי האָט קאָרטשאַק געפירט די קינדער אויף פרישער לופט, אויף שפּיל און פאַרווייַלונג, אויף זון און וואַלד, אויף ראַטעווען זייערע אָפּגעשוואַכטע לונגען, אויף אָפּרוען זיך פון די אָרימע קעלער און בוידעם־שטיבלעך פון דער סמאָטשע, קראָכמאַלנע און אַנדערע גאַסן פון דער וואַרשעווער יידישער אָרימקייט.

און מאָדנע קלינגט איצט די דאָזיקע שילדערונג פון דעם פריי־דיקן מאַרש פון די אָרימע יידישע קינדער אין די וואַגאָנען, ווייל מיט אַן ערך צוויי צענטליק יאָר שפּעטער האָט יאַנוש קאָרטשאַק ווידער באַגלייט זיינע ליבע קינדער אין וואַגאָנען, וואָס האָבן די קינדער שוין געפירט אין זייער לעצטן וועג, צום טויטן־לאַגער אין טרעבלינקע.

אין זיין בוך זכרונות וועגן חורבן וואַרשע*) דערציילט יאָנאַס טורקאָוו פאָלגענדיקע פּרטים וועגן דעם דאָזיקן לעצטן מאַרש:

„צווישן די געקומענע זענען געווען די וווּנדערבאַרע קינדער פון יאַנושש קאַרטשאַקס יתומים־הויז (שעננע 16). זיי זענען געגאַנ־גען, די ליכטיקע קינדער, אין זייערע יום־טובדיקע קליידעלעך, אין די זעלביקע, וואָס כ'האָב זיי נישט לאַנג צוריק געזען פריי־לעכע, צעשטראַלטע אויף דער בינע פון טעאַטער „פּעמינא", דער־מאָלט איז געווען זייער יום־טוב, דער יום־טוב פון „חודש פונעם קינד", — די צוקונפט פון אונדזער פאָלק... היינט גייען זיי, די זעלביקע יום־טובדיקע אויסגעפּוצטע קינדערלעך, האַלטנדיק זיך פאַר די הענטלעך צו אַן אומבאַקאַנטן וועג, וואָס פירט דורך דעם אומשלאַגפּלאַץ. ווהין פירט דער וועג? — נישט איין קינ־דיש קעפּל טראַכט איצט אוודאי וועגן דעם, אָבער איז איבער־צייגט, אַז צו קיין שלעכטס זיכער נישט, וואָרום קען דען זייער לערער און זייער פאָטער, ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק, זיי פירן אויף אַ שלעכטן וועג? און הגם יאַנוש קאָרטשאַקן האָט דער תלין בראַנדט געוואָלט אַרויסציען פון אומשלאַגפּלאַץ, האָט ער נישט געוואָלט זיך צעשיידן מיט זיינע איבער אַלעם געליבטע קינדער און איז צוזאַמען מיט זיי אַריין אין וואַגאָן און צוזאַמען מיט זיי אָפּגעפאָרן קיין טרעבלינקע..."

---

*) זע: יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען (חורבן וואַרשע), באַנד 27 פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום".

אין דעם אַריינפיר-קאַפּיטל צום בוך „חורבן און אויפשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע"*) שרייבט מלך ניישטאַדט, אַז:

„די מיטגלידער פון „יודען-ראַט" האָבן ארויסבאַקומען פאַר קאָרטשאַקן אַ באַפרייאונג פון גירוש, אָבער ווען דער דייטשער ס. ס.-מאַן איז געקומען צו דער באַן אים מעלדן וועגן זיין באַ-פרייאונג, האָט אים דער אַלטער קאָרטשאַק געענטפערט: „טראָג זיך אָפּ, דו הונט, זעסטו דען נישט ווי אַזוי יידישע קינדער גייען דעם טויט אַנטקעגן?!" און ער איז מיט אַ שפּרונג אַריין אין דער טויט-באַן".

יאַנוש קאָרטשאַק האָט באַגלייט די אָרימע יידישע קינדער אין זייערע פריידיקע נסיעות, ער האָט זיי אָבער נישט פאַרלאָזן, נאָר מיט זיין אייגענעם ווילן אויך באַגלייט אין זייער לעצטער נסיעה — צו זייער טראַגישן סוף.

***

דאָס לעבנס-ווערק פון יאַנוש קאָרטשאַק וואַרט אויף זיין ביאָ-גראַף. די גרויסע רעפאָרמען אויפן געביט פון קינדער-דערציאונג, וואָס יאַנוש קאָרטשאַק האָט אַריינגעבראַכט אין דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק, — און וואָס ער אַליין האָט אין אַ גרויסער מאָס רעאַ-ליזירט אין דער פּראַקטיק, — וואַרטן אויף דעם אויפקלערער און פּאָפּולאַריזאַטאָר, וואָס זאָל די אידעען אַנאַליזירן און זיי אויפקלערן פאַרן ברייטן עולם. אפשר וועט עס מיט דער צייט טון עמעצער פון זיינע צאַלרייכע תלמידים און מיטאַרבעטער, וואָס זענען צע-זייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט.

יאַנוש קאָרטשאַקס לעבנס-געשיכטע וואַרט אָבער אויך אויף אַ קינסטלער, וואָס זאָל אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם שילדערן דעם דאָזיקן באמת אומגעוויינלעכן מענטש, וואָס קומענדיק פון די סאַ-לאָנען פון דעם אַסימילירטן וואַרשעווער קליינבירגערטום, האָט ער זיין לעבן דערהויבן צו די העכסטע הייכן פון קדושה, און עס גע-

*) זע: מלך ניישטאַדט: חורבן און אויפשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע", יידי-שע אויסגאַבע, תל-אביב 1948.

ווידמעט די אָרימסטע פון אַלע אָרימע — די יידישע און פּוילישע קינדער, בפרט די יתומים-קינדער, פאַר וועלכע ער איז געווען נישט בלויז אַ דאָקטאָר און אַ לערער, אַ דערציער און אָרגאַניזאַטאָר, נאָר אויך אַ פאָטער און אַ ברודער.

יאַנוש קאָרטשאַק, וועמענס אמתער נאָמען איז געווען ד״ר הענריק גאָלדשמידט, איז געקומען צום יידישן לעבן, צו זיין קר-בנות-פּולן לעבן און שאַפן פאַרן יידישן קינד, פון אַ פאַרפרעמדטער סביבה.

געבוירן און דערצויגן ביי פאַרמעגלעכע עלטערן, איז ער שוין אין זיינע יוגנט-יאָרן אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אַקטיוון קאַמף, וואָס דער פּוילישער סאָציאַליזם האָט אַנטוויקלט קעגן דעם צאַרישן רעזשים, פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון דעם אונטערדריקטן פּוילישן פאָלק. ציוניזם, יידישער סאָציאַליזם, וואָס זענען אויפגעקומען אין דעם לעצטן יאָרצענטליק פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט און באַהערשט די יידישע מאַסן — האָבן קאָרטשאַקן נישט אינטערעסירט. אפילו די יידישע סעקציע פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן בכדי אָפּצוציען די יידישע אַרבעטער פון דעם יידישן סאָציאַליזם, נאָר זיי האַלטן אונטער די פליגל פון די אַסימילאַטאָרישע פירער פון דעם פּוילישן סאָציאַליזם, איז פאַר קאָרטשאַקן געווען פרעמד. ער האָט געהאַלטן, אַז ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט זיגן, דער צאַריזם וועט פאַלן און פּוילן וועט באַפרייט ווערן, וועט במילא נישט נויטיק זיין קיין סעפּאַרירונג צווישן די יידישע און פּוילישע אַרבעטער. אַלע וועלן זיין גלייך, אַלע וועלן זיין ברידער, די פּראָ-לעטאַריער פון אַלע לענדער און פעלקער וועלן זיך פאַראייניקן. די צעטיילונג פון אַרבעטער אויף יידישע און פּוילישע סאָציאַליסטן האָט קאָרטשאַק באַטראַכט פאַר אַן אויסדרוק פון נאַציאָנאַליזם, וואָס איז שעדלעך פאַר די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע און ער האָט זי באַקעמפט. אין בעסטן פאַל איז ער געווען גלייכגילטיק דערצו און געשטאַנען ווייט פון די אַלע פּראָבלעמען. זיי זענען אים געווען פרעמד. בעסער געזאָגט, ער האָט זיך באַמיט צו זיין ווייט און פרעמד דערצו.

יאנוש קאָרטשאַק, וועלכער האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין סאָציאַלער טעטיקייט געשאַפן די גרונט־פּרינציפּן פאַר דער מאָדערנער קינדער־דערציאונג, איז בדרך כלל, פון דער נאַטור זיי־נער, נישט געווען קיין טעאָרעטיקער. ער איז געווען אַ פּראַקטי־שער דורכפירער פון זיינע אידעען, און ערשט שפּעטער, אויפן סמך פון דער פּראַקטיק, האָט ער געשאַפן די באַגרינדונגס־טעאָריעס.

אַט האָט ער, צום ביישפּיל, געהאַלטן, אַז מען קען נישט זיין קיין גוטער סאָציאַליסט און אַן אמתער רעוואָלוציאָנער, ווען מען שטאַמט פון אַ היים פון רייכע טאַטע־מאַמע, ווען מען איז דער־צויגן געוואָרן אין מאַטעריעלער זאָרגלאָזיקייט, און מען קען די פּראָבלעמען פון דעם פּראָלעטאַריאַט נאָר אויפן סמך פון ביכער, טעאָרעטישע אויספירונגען, פון געהערטע רעדעס און גלייענטע פּראָקלאַמאַציעס. מען דאַרף קענען די פּראָבלעמען אַ סך גרינט־לעכער און דאָס קען געשען נאָר דאַן, ווען מען לעבט צווישן דעם אַרבעטער, מען מאַכט דורך זיין פּראַקטישן קאַמף פאַר דער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ, מען דערפילט אויפן אייגענעם קערפּער זיי־נע אַלע זאָרגן, מען פרייט זיך מיט מיט זיינע באַשיידענע פריידן און מען ליידט מיט זיינע ביטערע ליידן.

ווען אַנדערע פון זיין פּאָליטישער סביבה האָבן זיך טאַקע גע־ווידמעט טעאָרעטישער אַרבעט, האָט יאנוש קאָרטשאַק, דאַן אַ סטודענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט פון דער וואַרשעווער אוני־ווערזיטעט, זיך אָנגעדונגען ווי אַ פּשוטער אַרבעטער אין אַ פאַב־ריק. נישט פאַרראַטנדיק זיין אָפּשטאַם און נישט זיין אַקאַדעמישע בילדונג, האָט ער אויף אַזאַ אופן מיטגעלעבט מיט די פאַבריקס־אַרבעטער אַלע זייערע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען און ערשט שפּע־טער וועגן זיי געשריבן און גערעדט אויפן סמך פון זיין פּערזענלע־כער דערפאַרונג און פּערזענלעכע איבערלעבונגען.

דאָס זעלביקע איז אויך געשען אויפן געביט פון דער קינדער־דערציאונג, אין וועלכער קאָרטשאַק האָט געפּרעדיקט — און אַליין איינגעפירט — ממש רעוואָלוציאָנערע רעפאָרמען, וואָס האָבן גע־דינט אַלס מוסטער פאַר דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק, נישט בלויז אין פּוילן, נאָר ווייט־ווייט איבער די גרענעצן פון דעם לאַנד.

אויך דאָ האָט יאַנוש קאָרטשאַק פריער געזוכט פּראַקטישע דערפאַרונגען, איידער ער איז אַרוים אין דער עפנטלעכקייט מיט טעאָרעטישע באַגרינדונגען, בעיקר דורך זיינע ליטעראַרישע ווערק.

אַנטוישט פון זיינע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע חלו־מות, צוליב די דערפאַרונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון דעם רעאַקציאָנערן רעזשים, וואָס זיינע געוועזענע סאָציאַליסטישע חברים מיט פּילסודסקין בראש האָבן איינגעפירט אין דעם באַ־פרייטן פּוילן, האָט קאָרטשאַק זיך דערווייטערט פון יעדער פּאָלי־טישער אַרבעט און זיך געווידמעט אויסשליסלעך די פּראָבלעמען פון דער קינדער־דערציאונג און קינדער־הילף.

***

נאָכן ענדיקן די וואַרשעווער אוניווערזיטעט האָט יאַנוש קאָר־טשאַק זיך געווידמעט דער מעדיצינישער פּראַקטיק אַלס קינדער־דאָקטאָר. הויפּטזאַכלעך טאָקע אַלס מעדיקער פון אָרימע קינדער. צו קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן איז קאָרטשאַק געגאַנגען נאָר אין אויסנאַם־פאַלן: דאַן, ווען ער האָט נויטיק געהאַט געלט, בכדי צו העלפן די אָרימע קינדער מיט מעדיצינישע מיטלען, בעסערע באַ־שפּייזונג אד״גל.

אַז קיין האָנאָראַר ביי זיינע קליינע אָרימע קראַנקע האָט ער נישט גענומען, איז איבעריק צו זאָגן. ער פלעגט קומען צו די אָרי־מע קראַנקע קינדער נישט בלויז דאַן, ווען דער צושטאַנד זייערער איז געווען אַזאַ, אַז מען האָט אים שוין געמוזט רופן. ער פלעגט באַזוכן זיינע קליינע פּאַציענטן אויך נישט גערופענערהייט. ער פלעגט אַליין קומען, ווען ער האָט געוואָלט געוויר ווערן, וואָס דער קליינער פּאַציענט מאַכט אָדער ווען ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס קינד מוז נאָך אַמאָל אונטערזוכט ווערן. דערביי פלעגט ער די קינ־דער ברענגען שפּילצייג און נאַשוואַרג און פלעגט נישט אָפּקומען מיט דעם אַזוי־גערופענעם „דאָקטאָר־וויזיט״. נאָר פלעגט פאַר־ברענגען מיט די קינדער אַ לענגערע צייט, זיך שפּילן מיט זיי, שמועסן מיט זיי און פאַרברענגען מיט זיי. ער האָט אַזוי אָרום

געזוכט אריינצודרינגען אין דעם קינדס נשמהלע, עם בעסער פאר־שטיין, עם נענטער פילן.

עס איז איבעריק צו זאגן, אז קארטשאקס פאפולאריטעט צווי־שן די ארימע מאסן פון די ענגע און חושכדיקע ווארשעווער געס־לעך איז געוואלדיק געוואקסן. מען האט אויף אים געקוקט ווי אויף א ווילטעטער, ווי אויף א מלאך, ווי אויף א צדיק. נישט בחינם האבן די יידן פון דער ווארשעווער ארימקייט אים באטראכט פאר א למד־וואווניק... „א שאד בלויז, וואס ער איז נישט פרום און קען נישט רעדן יידיש"... — פלעגן זיי מיט א טיפן קרעכץ באדויערן.

יאנוש קארטשאק איז טאקע געווען אן אומגעווענלעכע דער־שיינונג פון זיין צייט.

די פאלקס־באצייכענונג פון א למד־וואווניק — אזוי ווי די פאלקס־לעגענדע פארשטייט די דאזיקע פאלקס־באצייכענונג — איז גארנישט איבערטריבן.

ער איז באמת געווען א צדיק פון אונדזער דור.

***

זיין לעבנס־ווערק אויפן געביט פון דער פעדאגאגיק האט יא־נוש קארטשאק אנגעהויבן אין דער קאלאניע פאר פוילישע ארבע־טער־קינדער אין פרושקאוו (ביי ווארשע), וואס די פוילישע סאציא־ליסטישע פאראייניגען האבן געגרינדעט אויף זיינע באמיאונגען. גלייכצייטיק האט ער געשאפן זומער־קאלאניעס פאר ארימע יידי־שע קינדער, וואס ער שילדערט טאקע אין זיין ווערק „משהלעך, יאסעלעך, ישראליקלעך".

אבער די קרוין פון זיין לעבנס־ווערק איז געווען זיין טעטיקייט אלס אנפירער פון דעם בית־יתומים פאר יידישע קינדער אין ווער־שע, אויף קראכמאלנע 92, שאפנדיק דארט, פונקט ווי פאר די פוילישע ארבעטער־קינדער, א זעלבסטשטענדיקע קינדער־רעפוב־ליק.

ער אליין האט געוווינט מיט זיינע יידישע יתומים־קינדער אויף קראכמאלנע גאס, געלעבט מיט זיי, געארבעט מיט זיי, געשפילט

זיך מיט זיי, זיי געלערנט (צוזאַמען מיט זיין טרייער מיטהעלפּע־רין סטעפאַניאַ ווילטשינסקי), זיי דערצויגן, חתונה געמאַכט, גע־זאָרגט אויך נאָך זייער פאַרלאָזן דעם יתומים־אַנשטאַלט און ווען דער חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געקומען, האָט ער די געבליבענע מיט אים קינדער באַגלייט — פריער אין דעם נייעם יתומים־הויז אין קליינעם געטאָ און שפּעטער — צום טויט. גע־לעבט מיט זיי צוזאַמען און אַוועק מיט זיי צוזאַמען מיט אַ טויט פון טהורים און קדושים.

אַזוי הייליק און ריין ווי ער האָט געלעבט, פּונקט אַזוי הייליק און ריין איז ער אומגעקומען.

***

אין וואָס איז אייגנטלעך באַשטאַנען די רעוואָלוציאָנערע רע־פאָרם, וואָס יאַנוש קאָרטשאַק האָט איינגעפירט אויפן געביט פון דער קינדער־דערציאונג און וואָס האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל ווי־דערשטאַנד אין די קאָנסערוואַטיווע פּעדאַגאָגישע קרייזן?

יאַנוש קאָרטשאַק האָט געהאַלטן, אַז די דערוואַקסענע, סיי על־טערן, סיי דערציער, פאַרשטייען נישט די פּסיכאָלאָגיע פון די קינ־דער.

ער האָט געקעמפט צו באַווייזן, אַז דער חסרון פון דער קינדער־דערציאונג באַשטייט דערין, וואָס די דערוואַקסענע האַלטן, אַז זיי ווייסן אַלץ בעסער, אַז זיי זענען קליגער און אינטעליגענטער, ווי די קליינע נישט־דערפאַרענע קינדער. דעריבער דאַרפן די קינדער טון דאָס, וואָס די דערוואַקסענע הייסן זיי.

אין דער אמתן אָבער האָבן די קינדער זייער אייגענע וועלט־אָנשויאונג, זייער אייגענעם געדאַנקען־גאַנג, אויפפאַסונג פון עני־נים — פּונקט ווי זיי האָבן זייערע אייגענע געפילן, זייער אייגע־נע נשמה.

עס איז נישט ריכטיק די שטעלונג פון דערוואַקסענע — פון די עלטערן און דערציער — אַז בכדי צו פאַרשטיין אַ קינד, דאַרף מען זיך אַראָפּלאָזן צו דער קינדישער פּסיכאָלאָגיע, נאָר אין קעגנ־

ד ע ר ה ו י ב ן מען זיך דאַרף אַ קינד צו פאַרשטיין בכדי טייל, צו זיי, צו דער ריינקייט פון דער קינדישער נשמה, צו דער ער־נסטקייט פון די קינדישע געפילן, צו דער אויפריכטיקייט פון דער קינדישער ליבע.

דער גרויסער חסרון פון די דערוואַקסענע איז, וואָס זיי האָבן אין דער אמתן קיין געדולד נישט צו קיין קינדער, פאַר זיי איז אַ קינד בלויז אַ שפילעכל, אַ פאַרגעניגן צו פאַרברענגען און צו שפּילן זיך מיטן קינד אַ קורצע צייט, אַ פליכט צו זאָרגן דערפאַר, אָבער זיי ווילן זיך גאָרנישט אַנשטרענגען אַריינצודרינגען אין דער אייגנ־אַרטיקער פסיכאָלאָגיע פון דעם קינד, עס צו פאַרשטיין און זיך אָפּצולערנען עפּעס פון דעם קינד.

יאָ, קאָרטשאַק האָט געהאַלטן, אַז דערוואַקסענע קענען זיך אָפּלערנען אַ סך גוטע און נוצלעכע זאַכן פון די קינדער, וועלכע קענען נאָך נישט קיין פאַלשקייטן און אָפּנאַרעריי, ווייל די אַלע שלעכטע זאַכן לערנען זיך אָפּ די קינדער פון די דערוואַקסענע.

אין זיין וווּנדערבאַרער עכט פילאָזאָפישער און טיף פסיכאָלאָ־גישער דערציילונג „ווען איך וועל ווידער זיין קליין", זאָגט קאָר־טשאַק, אַז אין דער מאָנאָטאָנעקייט פון דעם לעבן פון אַ דערוואַק־סענעם מענטש טראַכט ער אָפט וועגן די פּרעכטיקע יאָרן פון זיין קינדהייט, נאָך וועלכע ער בענקט שטענדיק. און נישט נאָר קאָר־טשאַק האָט געבענקט נאָך די דאָזיקע קינדישע יאָרן, נאָר אַ סך דערוואַקסענע מענטשן טוען עס אָפּט. זיי זענען זיך אָבער דערצו נישט מודה, ווי דאָס האָט יאָ געטון יאנוש קאָרטשאַק.

דעריבער האָט קאָרטשאַק געהאַלטן, און דאָס איז דער גרונט־יסוד פון זיין דערציאונגס־פּרינציפּ, אַז מען דאַרף די קינדער לאָזן זיך אויסלעבן אין זייער אייגענער וועלט, מיט אַ וואָס קלענערער השפּעה און אַריינמישונג פון די דערוואַקסענע מענטשן. בלויז אַזעלכע דערציער, וואָס קענען זיך צופּאַסן צו דער ריינער קינדער־פסיכאָלאָגיע, וואָס קענען זיך פריי איינלעבן אין דער קינדערישער וועלט־אַנשויאונג, מעגן זיין אין זייער סביבה. אַלע אַנדערע זענען שעדלעך פאַר דער מאָדערנער קינדער־דערציאונג.

איך געדענק אַ קליינעם, אָבער זייער כאַראַקטעריסטישן עפּי־
זאָד:

אין יאָר 1928, אין די צייטן פון אומאויפהערלעכע אַנטי־
יידישע עקסצעסן אין פּוילן, ווען די אַנטיסעמיטישע העצע פון דער
פּוילישער רעאַקציע איז געשטיגן צו אַ גאָר הויכער מדרגה, זענען
אין וואַרשע, לויט דער איניציאַטיוו פון דעם געוועזענעם פּוילישן
פּרעמיער און פילמאָליקן בילדונגס־מיניסטער, פּראָפעסאָר אַנטאָני
פּאַניקאָווסקי, אָרגאַניזירט געוואָרן אַ רייע פאַרזאַמלונגען וועגן די
פּויליש־יידישע באַציאונגען.

אין די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָבן זיך באַטייליקט באַקאַנטע
פּוילישע און יידישע עסקנים, וויסנשאַפטלער, קינסטלער, פּאָליטי־
קער, שרייבער און זשורנאַליסטן, פון פאַרשידענע ריכטונגען און
וועלט־אָנשויאונגען. עס האָט נישט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון
אַ וועלכער עס איז פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, אָן נאָטיצן און באַ־
ריכטן אין די צייטונגען, נאָר פּשוט אַ ריין־פּריוואַטן, סאָציאַלן און
פריינטשאַפטלעכן כאַראַקטער.

אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען, וואָס פלעגן זיך פאַרציען ביז
שפּעט אין דער נאַכט, האָט מען געמיטלעך געשמועסט וועגן דער
פּויליש־יידישער פראַגע, וועגן די סיבות פון די אָנגעשטרענגטע
באַציאונגען, וועגן דעם מאַנגל פון אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדי־
קונג און מען האָט זיך באַמיט צו זוכן אַ מעגלעכקייט ווי אַזוי
משפּיע זיין די עפנטלעכקייט צו נאָרמאַליזירן די לאַגע צווישן דער
פּוילישער און יידישער באַפעלקערונג. די פאַרזאַמלונגען זענען
פאָרגעקומען אין גרעסערע אָדער קלענערע צייט־אָפּשניטן אין משך
פון אייניקע יאָר און הגם זיי זענען לויט זייער אינהאַלט, הויכן ני־
וואָ פון די דיסקוסיעס און הויכער קוואַליטעט פון די אָנטיילנע־
מער, געווען זייער באַלערנד און אינטערעסאַנט, האָבן זיי אָבער
קיין שום פּראַקטישן רעזולטאַט נישט געגעבן. ווייטער ווי פון גע־
מיטלעכע קלוב־שמועסן איז עס נישט געגאַנגען.

צו דער ערשטער פאַרזאַמלונג, טאַקע אין דער וווינונג פון דעם
איניציאַטאָר פּראָפעסאָר פּאַניקאָווסקי, איז אויך איינגעלאַדן גע־
וואָרן ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק.

מיך און נאָך אייניקע פריינד האָט געקאָסט אַ סך מי צו פּועלן ביי קאַרטשאַקן, אַז ער זאָל די איינלאַדונג אָננעמען. ער פלעגט זייער זעלטן גיין ביינאַכט אויף פאַרזאַמלונגען. וווינענדיק צוזאַמען מיט די קינדער אין דעם יתומים־אַנשטאַלט אויף קראָכמאַלנע 92, האָט ער געהאַט אַ פּרינציפּ זיך צו לייגן שלאָפן דאַן, ווען די קינ־דער האָבן געדאַרפט גיין שלאָפן און אויפשטיין זייער פרי, אויך צוזאַמען מיט די קינדער.

— איך וויל נישט געבן קיין שלעכטן ביישפּיל די קינדער, אַז מען מעג זיך לייגן שפּעט שלאָפן — האָט ער אונדז דערקלערט.

דאָך איז אונדז געלונגען צו פּועלן, אַז ער זאָל קומען צו דער דערמאָנטער פאַרזאַמלונג.

איך מוז מודה זיין, אַז הגם ביי דער פאַרזאַמלונג זענען אָנ־וועזנד געווען פיל אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, מיט באַרימטע נעמען אין פּוילן און אין אויסלאַנד, איז אָבער די אַטראַקציע פון דעם אָוונט געווען די אָנוועזנהייט פון קאָרטשאַקן. אַלע האָבן גוט געקענט זיין נאָמען, אָבער ווייניק פון די אָנוועזנדיקע האָבן אים געקענט און געזען פּערזענלעך, פּונקט ווי דאָס איז געשען אַן אַנדער מאָל, ווען אין אַזאַ פאַרזאַמלונג האָט זיך באַטייליקט שלום אַש.

פּראָפ. פּאַניקאָווסקי, אַלס גאַסטגעבער, האָט געעפנט דעם אָוונט און דערקלערט דעם ציל און אויפגאַבן פון די צוזאַמענקונפטן. ער האָט באַדויערט דעם וווקס פון אַנטיסעמיטיזם, בפרט צווישן דער פּוילישער אינטעליגענץ און שטודירנדיקער יוגנט, פּרובירט אַנאַליזירן די סיבות דערפון און פאָרגעלייגט אַרויסצוזאָגן מיינונ־גען וועגן דעם אָנגעוויטיקטן פּראָבלעם.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע. פאַרשידענע רעדנער, סיי יידן (ד"ר יצחק שיפּער, ד"ר יהושע גאָטליב, דעפּו־טאַט א. האַרטגלאַס א"א), סיי פּאָליאַקן (דער היסטאָריקער פּראָפ. יוזעף שעמיענסקי, דער געוועזענער קונסט־מיניסטער פּראָפ. יאַן סקאָטניצקי, פּראָפ. וואָינאַ, דער געוועזענער פּרעמיער־ און אויס־סערן־מיניסטער אַלעקסאַנדער סקזשינסקי א"א), האָבן אַרויסגע־זאָגט זייערע מיינונגען. די יידן האָבן אָנגעגריפן די אַנטוויקלונג פון די אַנטיסעמיטישע געשעענישן אין פּוילן, באַשולדיקט די רעגירונג,

די פּוילישע פּרעסע און די פּוילישע אינטעלעקטועלע פירער, אַז זיי האָבן נישט קיין מוט צו רעאַגירן ווי געהעריק קעגן דעם, די פּוילישע רעדנער, הגם זיי האָבן נישט באַרעכטיקט די געשעעניש, האָבן אָבער געזוכט צו פאַרענטפערן די לאַגע אא״וו, אא״וו.

פיל רעדנער, כמעט אַלע אָנוועזנדיקע, האָבן עפּעס געזאָגט, נאָר איין קאָרטשאַק איז די גאַנצע צייט געזעסן און געשוויגן. ער האָט זיך צוגעהערט צו די דעבאַטן מיט אַ געוויסער לאַנגווייליקייט, הגם די דעבאַטן, סיי לויטן אינהאַלט, סיי לויטן ניוואָ, זענען געווען באמת אינטערעסאַנט. אָבער ער האָט בלויז געשמייכלט איראָניש און עקשנותדיק געשוויגן. וויפיל מאָל פּראָפ. פּאַניקאָווסקי האָט אים געפרעגט, צי ער וויל עפּעס זאָגן, האָט ער געדאַנקט פאַרן כבוד. ערשט צום סוף פון דעם אָוונט, ווען מען איז פּשוט צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג, האָט ער געזאָגט מער-ווייניקער פאָלגענדיקע ווערטער:

— איך פאַרשטיי באמת נישט נאָך וואָס איר פאַרלירט אַזעלכע וווּנדערבאַרע אָוונטן אויף פּוסטע רייד. ווייזט אויס, אַז עס פעלט אייך וואָס צו טון, טראַכט איר אויס אַזעלכע פאַרזאַמלונגען. איך האָב געזאָגט מיינע פריינד, וואָס האָבן מיך געשלעפּט אַהער, אַז איך וויל בעסער גיין שלאָפן מיט די קינדער און נישט פאַרלירן קיין אָוונטן אויף דיסקוסיעס. וואָס רעדט מען דאָ אַזוי פיל וועגן אַנטי-סעמיטיזם. יידן זענען אַליין שולדיק, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען. די שולד באַשטייט אין דעם, וואָס יידן קומען רעדן מיט פּאָליאַקן וועגן אַנטיסעמיטיזם אַנשטאָט אַליין צו רעאַגירן קעגן דעם. מען שלאָגט יידן דערפאַר, ווייל זיי לאָזן זיך שלאָגן. ווען יידן וואָלטן פאַר איין קלאַפּ צוריקגעגעבן צוויי קלעפּ, וואָלטן די כוליגאַנעס אויפגעהערט מיט זייער ווילקיר-אַרבעט. מיך אַרט גאָרנישט, אַז אַ פּויליש לאָבוסל באַפאַלט אַ יידיש יינגל און שלאָגט אים. מיך אַרט נאָר, ווען דאָס יידישע יינגל דער-שרעקט זיך פאַרן לאָבוסל, הויבט אָן וויינען און אַנטלויפט, נישט געבנדיק דעם אָנפאַלער צוריק קיין קלעפּ. איך לערן מיינע קינדער צו שלאָגן צוריק, ווען עמיצער באַפאַלט זיי. אַזוי דאַרף מען לער-נען און דערציען די יידישע קינדער. און דאַן וועט מען זיי אויפ-

הערן באַפּאַלן און שלאָגן. מישט אײַך װײניקער אין די ענינים פֿון די קינדער. װען זײ װערן געבױרן און זענען קלײן, װײסן זײ נישט פֿון קײן שום שלעכטס. דאָס אַלדע בײזע לערנען זײ זיך פֿון די דערװאַקסענע, װען זײ װערן אַביסל עלטער. װאָרצלט אױס דאָס שלעכטע בײ די דערװאַקסענע, װעט איר זען װי גוט די קינדער װעלן זײן...

אין זאַל, װאָס איז געװען פֿול מיט מענטשן האָט געהערשט אַ טױטע שטילקײט, נישט נאָר װען קאָרטשאַק האָט געװאָרפֿן זײנע געדאַנקען, נאָר אױך אַ לאַנגע װײלע נאָכדעם, װי ער האָט געענדיקט רעדן. דער אײנדרוק פֿון זײנע װערטער איז געװען אומגעהױער גרױס.

מער אין דאָזיקע דיסקוסיע־אָװנטן האָט זיך יאַנוש קאָרטשאַק נישט געװאָלט באַטײליקן.

**
*

דאָס לאָזן די קינדער מיט זיך אַלײן, לאָזן זײ זיך אױסלעבן אין זײער אײגענער װעלט, אָן דער אַרײנמישונג פֿון דערװאַקסענע, איז געװען דער הױפּט יסוד פֿון קאָרטשאַקס דערציערישן סיסטעם.

דאָס קומט בולט צום אױסדרוק אין זײנע ליטעראַרישע װערק, מיר געפֿינען דערפֿון אַ געטרײַ בילד אין דעם בוך „משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך", דאָס האָט ער אױך דורכגעפֿירט דורך אַ ספּעציעלער קאָנסטיטוציע, װאָס ער האָט געשאַפֿן (שטענדיק מיט דער אַקטיװער מיטאַרבעט פֿון די קינדער גופֿא) פֿאַר זײן „קינדער רעפּובליק".

די „קינדער רעפּובליק" פֿון יאַנוש קאָרטשאַקן האָט זיך געהאַט איר אױטאָנאָמע זעלבסטפֿאַרװאַלטונג, װאָס איז געװען געװײלט דורך די קינדער און פֿאַראַנטװאָרטלעך פֿאַרן פּאַרלאַמענט (אָדער גענעראַל־פֿאַרזאַמלונג) פֿון די קינדער.

די קינדער רעפּובליק האָט געהאַט אַלע נױטיקע פֿאָרשריפֿטן, געזעצן, רעגולאַמינען און אַפֿילו אַ שטראָף־קאָדעקס װאָס דאָס קינדער־געריכט האָט געדאַרפֿט אָנװענדן לגבי די חברים, װאָס האָבן עובר געװען אױף די געזעצן פֿון דער „קינדער רעפּובליק".

אין דעם אַריינפיר צום קאָדעקס פון קינדער־געריכט זאָגט זיך:*)

אויב עס האָט ווער געטון שלעכטס, איז דאָס בעסטע אים מוחל צו זיין.

אויב ער האָט געטון שלעכטס דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געוווּסט, וועט ער שוין איצט וויסן.

אויב ער האָט געטון שלעכטס אומגערן, וועט ער שוין אויף ווייטער זיין פאָרזיכטיקער.

אויב ער האָט געטון שלעכטס, ווייל עס איז אים שווער זיך צוצוגעוווינען, וועט ער זיך פון איצט אָן באַמיען.

אויב ער האָט געטון שלעכטס, ווייל עמיץ האָט אים דערצו אָנגערעדט, וועט ער שוין מער אַזעלכעס נישט האָרכן.

דאָס געריכט מוז פאַרטיידיקן די שוואַכע, אַז זיי זאָלן נישט ליידן פון די שטאַרקערע.

דאָס געריכט מוז פאַרטיידיקן ערלעכע און ארבעטסזאַמע, אַז זיי זאָלן נישט ליידן פון אָפּגעלאָזענע און פוילע.

דאָס געריכט מוז זאָרגן, אַז עס זאָל זיין אָרדענונג, ווייל פון אומאָרדענונג ליידן אַממייסטן די גוטע, רואיקע און ערלעכע.

דאָס געריכט איז אפשר נישט גאָר יושרדיק, אָבער עס מוז שטרעבן צו יושר.

דאָס געריכט איז אפשר נאָך נישט דער פולער אמת, אָבער עס מוז שטרעבן צום אמת.

די ריכטער קענען זיך טועה זיין.

די ריכטער קענען באַשטראָפן פאַר פאַרברעכנס, וועלכע זיי אַליין באַגייען.

אַ חרפה איז אָבער, ווען אַ ריכטער גיט אַרוים באַוווּסטזיניק אַ נישט ערלעכן פסק־דין.

---

*) דעם טעקסט פון דעם קאָדעקס פון דעם קינדער־געריכט, וואָס ווערט געבראַכט אין דער דאָזיקער איינלייטונג, האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם קאָלעגע זלמן וואָסערצוג, וועלכער גרייט אָנגב צו אַ גרעסערע אַרבעט וועגן יאַנוש קאָרטשאַקן וועמענס תלמיד און מיטאַרבעטער קאָלעגע וואָסערצוג איז געווען. — מ. ט.

דער קאָדעקס פון דעם גערעכט איז איינגעטיילט אין קאַפּיט־לען און יעדעם קאַפּיטל האָט זיך זיינע פּאַראַגראַפן.

אין דעם ערשטן קאַפּיטל רעדט זיך וועגן פאָלגענדיקע פאַלן, „ווען דאָס גערעכט זאָגט זיך אָפּ צו משפּטן”:

פּאַראַגראַף 1. דאָס גערעכט שטעלט פעסט, אַז ראובן האָט צוריקגעצויגן זיין אנקלאגע און איז אים מוחל.

פּאַראַג. 2. דאָס גערעכט זעט איין, אַז עס איז נישט ווערט זיך צו פאַרנעמען מיט אַזעלכע ענינים.

פּאַראַג. 3. דאָס גערעכט ווייסט נישט, ווי אַזוי די זאַך איז געשען, ווייסט נישט ווער עס איז גערעכט, און דעריבער זאָגט עס זיך אָפּ פון ארויסגעבן אַן אורטייל.

פּאַראַג. 4. דאָס גערעכט דריקט אויס זיין מיינונג, אַז אַזעל־כעס וועט שוין מער זיך נישט איבערחזרן, און דעריבער זאָגט עס זיך אָפּ פון ארויסגעבן אַן אורטייל.

פּאַראַג. 5. דאָס גערעכט זאָגט זיך אָפּ צו באַטראַכטן די אָנ־קלאַגע, ווייל עס זעט פּאַר, אַז מיט דער צייט וועט די באַשול־דיקונג אַליין פאַרשווינדן.

פּאַראַג. 6. דאָס גערעכט לייגט אָפּ דאָס באַטראַכטן די אָנ־קלאַגע אויף אַ וואָך אָדער ביז אַ געוויסער צייט.

פּאַראַג. 7 דאָס גערעכט נעמט צו קענטעניש אַ געוויסע אָנקלאַגע.

פּאַראַג. 8. דאָס גערעכט באַטראַכט די אָנקלאַגע פּאַר נישט ריכטיק.

פּאַראַג. 9. דאָס גערעכט באַטראַכט די אָנקלאַגע פּאַר פאַר־עלטערט.

דאָס קינדער גערעכט איז נישט בלויז צום באַשטראָפן, נאָר אויך צו אָנערקענען גוטע האַנדלונגען פון די קינדער, ווען די אָנ־קלאַגע קעגן עמיצן פון זיי איז נישט קיין גערעכטע. דאָס צווייטע קאַפּיטל פון דעם שטראָף־קאָדעקס ווערט טאַקע באַצייכנט מיטן טיטל: „דאָס גערעכט טראָגט אַרויס אָנערקענונג פאַר אַ האַנדלונג”.

מיר ברענגען דאָ בלויז די כאַראַקטעריסטישע פּאַראַגראַפן פון דעם קאַפּיטל:

פּאַראַג. 10. דאָס געריכט געפינט נישט איין קיין שום שולד אין ראובנס האַנדלונג, נאָר אַ מוסטער פון בירגערלעכן מוט (העלדישקייט, גערעכטיקייט, גוטער ווילן, חברישקייט, איבערגעגעבנקייט א. אַ. וו.).

פּאַראַג. 11 דאָס געריכט דאַנקט ראובנען דערפאַר, וואָס ער האָט אַליין געמאָלדן וועגן זיין שולד.

פּאַראַג. 12. דאָס געריכט באַדויערט דאָס געשעענע (אומגליק, שאָדן א. אַ. וו.), אָבער באַשולדיקט נישט ראובנען.

פּאַראַג. 13. דאָס געריכט אָנערקענט, אַז ראובנס אָנקלאַגע איז אַ גערעכטע.

פּאַראַג. 14. דאָס געריכט אָנערקענט, אַז ראובן האָט בלויז דערפילט זיין פליכט.

פּאַראַג. 20. דאָס געריכט אָנערקענט, אַז ראובן האָט געהאַט אַ רעכט אַזוי צו טון אָדער צו זאָגן.

פּאַראַג. 21. דאָס געריכט אָנערקענט, אַז ראובן האָט נישט באַליידיקט שמעונען.

פּאַראַג. 22. דאָס געריכט אָנערקענט, אַז ראובן האָט געזאָגט דעם אמת.

פּאַראַג. 23. דאָס געריכט אָנערקענט, אַז ראובן האָט נישט געקענט אַנדערש האַנדלען.

פּאַראַג. 24. דאָס געריכט וואַרפט די שולד אויף די פאַרשידענע אָדער צופעליקע באַדינגונגען; צופאַל, נויטווענדיקייט א. אַ. וו., נישט באַשולדיקנדיק דערפאַר ראובנען.

פּאַראַג. 25. פיל אַנדערע טוען דאָס זעלביקע און דעריבער וואָלט נישט געווען יושרדיק צו באַשולדיקן בלויז אַן איינצלנעם, ווען אַלע טוען דאָס זעלביקע אומבאַשטראָפט.

פּאַראַג. 30. דאָס געריכט מאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר ראובנס האַנדלונג שמעונען.

דאָס קינדער־געריכט האָט נישט די אויפגאַבע אַריינצוברענ־גען שנאה צווישן די צעקריגטע קינדער, נאָר אין קעגנטייל, דאַרף זאָרגן, אַז זיי זאָלן זיך איבערבעטן. און דעריבער איז דער דריטער קאַפּיטל באַטיטלט מיטן נאָמען „דאָס געריכט בעט מוחל צו זיין די שולד" און אַנטהאַלט פאָלגענדיקע פּאַראַגראַפן:

פּאַראַג. 40. דאָס געריכט זעט איין, אַז ראובן דאַרף זיך נישט בייזערן אויף שמעונען.

פּאַראַג. 41. דאָס געריכט בעט ראובנען מוחל זיין שמעונען.

פּאַראַג. 42. דאָס געריכט בעט ביידע צדדים, זיי זאָלן זיך איבערבעטן און פאַרגעסן.

דאָס קינדער־געריכט משפּט נישט בלויז מיט מידת־הדין נאָר אויך מיט מידת הרחמים. דעריבער רעדט זיך אין דעם פערטן קאַ־פּיטל פון דעם קינדער־קאָדעקס, אַז „דאָס געריכט איז מוחל, ווייל עס זעט נישט איין דערין קיין שלעכטע כוונות". די פּונקטן פון מוחל זיין זענען:

פּאַראַג. 50. דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, וועלכער האָט געקענט נישט וויסן, אַז מען טאָר דאָס נישט טון אָדער זאָגן. דאָס געריכט דריקט אויס די האָפענונג, אַז געוואויר ווערנדיק, פאַרשטיי־ענדיק בעסער, וועט ער שוין אַזעלכעס נישט טון אָדער זאָגן.

פּאַראַג. 51. דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, וועלכער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער טוט, אָדער וואָס ער זאָגט. דאָס געריכט דריקט אויס די האָפענונג, אַז ראובן וועט שוין אַזעלכעס מער נישט איבערחזרן.

פּאַראַג. 52. דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, ווייל ער האָט נישט געוווּסט, אַז עס וועט אַזוי שלעכט אַרויסקומען, און דערי־בער האָט ער געטון נישט פליסיק, נישט פאַרזיכטיק — דורך אַ טעות אָדער צוליב פאַרגעסן.

פּאַראַג. 53. דאָס געריכט איז מוחל ראובנען דערפאַר, ווייל עס איז געווען אַ שפּאַס (אַ נאַרישער שפּאַס).

דער זעלביקער פּרינציפּ פון מידת הרחמים, ווערט אָנגעווענ־דעט אין דעם פינפטן קאַפּיטל פון דעם קאָדעקס, וו עס רעדט זיך,

אַז „דאָס געריכט איז מוחל, נעמענדיק אין אַכט די באַדינגונגען, וואָס פאַרקלענערן די שטראָף":

דאָס געריכט איז מוחל ראובנען דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַנדלט (אָדער געזאָגט) זייענדיק אין כעס, אין אַ דענערווירטן, נישט מיושבדיקן צושטאַנד.

דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, ווייל ער האָט עס געטון צוליב עקשנות, אָבער ער זוכט דעם חסרון צו באַקעמפן.

דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, ווייל ער האָט עס געטון צוליב אַ פאַלשער אַמביציע אָדער איינרעדעניש, אָבער ער וועט זיך שוין פאַרבעסערן.

דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, ווייל ער איז אַ כעסן, אָבער זאָגט צו זיך דערפון אויסהיילן.

דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, ווייל ער האָט עס געטון אוים מורא פאַר פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָבער ער וועט שוין איצט זיין דרייסטער.

דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, ווייל ער איז שוואַך (נאָך אַ קראַנקהייט).

דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, ווייל אַנדערע האָבן אים אויסגעטיילט און ער האָט געמוזט אַזוי טון.

דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, ווייל ער האָט עס געטון ניש פאַרטראַכטנדיק זיך איבער דעם פריער.

פאַראַן אין דעם זעקסטן קאַפּיטל פון דעם קאָדעקס נאָך אַ רייע מאָטיוון, פאַרוואָס דאָס געריכט איז מוחל דעם אָנגעקלאָגטן. דאָס זענען פאָלגענדיקע פאַלן:

דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, ווייל ער האָט שוין באַקומען זיין שטראָף פאַר זיין טאַט.

דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, ווייל ער האָט חרטה אויף זיין טאַט.

דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, ווייל ער האָט זיך אויסגעבעסערט.

דאָס געריכט וויל דורך זיין משפּטן אַ קינד נישט זוכן אים באַשטראָפן נאָר משפּיע זיין אים, אַז ער זאָל זיך אויסבעסערן. דע־ריבער זאָגט זיך אין דעם זיבעטן קאַפּיטל:

דאָס געריכט איז מוחל ראובנען, ווייל עס איז אין דער מיינונג, אַז אויסבעסערן קען מען נאָר דורך גוט באַגיין זיך מיט אים.

דאָס געריכט איז מוחל, נישט פאַרלירנדיק די האָפענונג, אַז ראובן וועט זיך אויסבעסערן.

אין דעם אַכטן קאַפּיטל ווערן אָנגעוויזן די אויסנאַם־פאַלן, ווען דאָס געריכט באַפרייט דעם אָנגעקלאָגטן:

דאָס געריכט איז מוחל דעם אָנגעקלאָגטן זיין שולד, באַ־טראַכטנדיק, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט זייער שטאַרק געוואָלט זיך אָפּהאַלטן פון באַגיין די טאַט, נאָר עס האָט אים פאַרפעלט מוט דערצו.

דאָס געריכט איז מוחל, ווייל ראובן געפינט זיך דאָ ערשט אַ קורצע צייט און ער פאַרשטייט נאָך נישט, אַז עס קען זיין אָרדענונג אָן שטראָף.

דאָס געריכט איז אים מוחל, ווייל עס פאַרשטייט, אַז דאָס גוטע באַגיין זיך מיט אים, דאָס צערטלען אים, האָט אים געמאַכט ערגער.

דאָס געריכט נעמט אין אַכט די הייסע בקשה פון ברודער, שוועסטער אָדער פריינט און איז אים מוחל.

דאָס געריכט איז מוחל, ווייל צווישן די ריכטער איז געווען איינער, וואָס האָט עס שטאַרק פאַרלאַנגט.

דאָס געריכט וואָרנט, אַז אַלע זענען גלייך פאַרן געזעץ.

דאָס נײַנטע קאַפּיטל פון דעם קאָדעקס נעמט אַרום די שטראָפן, וואָס דאָס געריכט ווענדט אָן לגבי די שולדיקע אין באַ־גיין אַ שלעכטע טאַט. די שטראָפן גייען לויט אַ סדר, פון מילדקייט ביז גענוג שטרענגע און קענען דערגיין ביז אויסשליסן אַ שלעכט קינד פון דעם אַנשטאַלט.

דאָס געריכט אָנערקענט די שולד פון אָנגעקלאָגטן און איז אים נישט מוחל.

דאָס געריכט אָנערקענט, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט גע־האַנדלט נישט יושרדיק.

דאָס געריכט אָנערקענט, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט שלעכט געטון.

דאָס געריכט אָנערקענט, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט זייער שלעכט געטון.

דאָס געריכט אָנערקענט, אַז ער האָט זייער שלעכט געטון. דער אורטייל ווערט פאַרעפנטלעכט אין דער וואַנט־צייטונג.

דאָס געריכט אָנערקענט, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט זייער שלעכט געטון. דער אורטייל ווערט פאַרעפנטלעכט אין דער צײַ־טונג און אויף דער טאָוול.

דאָס געריכט אָנערקענט, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט זייער שלעכט געטון. דער אורטייל דאַרף פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער צייטונג, אויפן טאָוול און עס דאַרף וועגן דעם געמאָלדן ווערן דער משפּחה.

דאָס געריכט נעמט צו ביים אָנגעקלאָגטן אַלע רעכט אויף אַ וואָך צייט. מען פאַרעפנטלעכט דעם אורטייל אין דער צייטונג און מען פאַרשטענדיקט זיך וועגן דעם מיט דער משפּחה.

דאָס געריכט באַשליסט דערווייטערן דעם אָנגעקלאָגטן פון דעם אַנשטאַלט.

צום סוף פון דעם קאָדעקס פון דעם קינדער־געריכט קומען נאָך פאָלגענדיקע צוגאָבן:

דאָס געריכט דאַנקט דעם אָנגעקלאָגטן פאַרן מודה זיין זיך.

דאָס געריכט דריקט אויס די פאַרוואונדערונג פאַר וואָס דער אָנגעקלאָגטער האָט אַליין נישט מודיע געווען וועגן זיין שולד.

דאָס געריכט בעט, אַז אַזעלכעס זאָל זיך מער נישט איבער־חזרן.

דאָס געריכט בעט די אָרדענונג־קאָמיסיע, אַז זי זאָל פאַר־היטן פון ענלעכע געשעענישן אין דער צוקונפט.

דאָס געריכט בעט די געריכט־אינסטאַנצן, אַז זי זאָל דערלויבן דעם אורטייל נישט אויסצופירן.

דאָס געריכט דריקט אויס די מורא, אַז דער אָנגעקלאָגטער וועט אויסוואַקסן אַ שעדלעכער מענטש.

דאָס געריכט דריקט אויס די האָפענונג, אַז פון אָנגעקלאָגטן וועט אויסוואַקסן אַ נוצלעכער מענטש.

אויסרעכענען אויפן טאָוול די צאָל באַמערקונגען, וואָס זענען דעם אָנגעקלאָגטן געמאַכט געוואָרן, זיינע שטערונגען און פאַלן פון אָפּגעלאָזנקייט.

צוויסן געבן און וואָרענען די משפחה.

איך מיין, אַז דער אינהאַלט פון דעם שטראָף-קאָדעקס פון דעם געריכט אין דעם יתומים-אַנשטאַלט, וואָס איך האָב דאָ געבראַכט אין זיינע וויכטיקסטע אויסצוגן, פאָדערט נישט מער קיין שום קאָמענטאַרן און באַווייזט גאַנץ קלאָר דעם גייסט, מיט וועלכן יאַנוש קאָרטשאַק האָט אָנגעפירט זיין דערציאונגס-אַרבעט.

* *
*

ער איז געווען נישט נאָר אַ וווּנדערבאַרער מענטש, יאַנוש קאָרטשאַק, נאָר אויך אַ משונהדיקער. נישט קיין וווּנדער, וואָס מענטשן האָבן זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי צו זיינע רעפאָרמיסטישע דערציאונגס-מעטאָדן, און מען האָט אים אפילו באַקעמפט, ביז צו דער צייט, ווען מען האָט זיך איבערצייגט, אַז זיינע אידעען און זיין ווערק שטייגט איבער דעם באַנעמונגס-פאַרנעם פון אונדזער דור. ער איז טאַקע געווען אַ זעלטענע דערשיינונג, אַ יחיד במינו אין דער טראַגישער צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט און אין וועלכער ער איז אומגעקומען על קידוש השם.

יאַנוש קאָרטשאַק איז שוין ביי זיין לעבן דערשינען ווי אַ הייליקע געשטאַלט, וואָס טיילט זיך אויס פון זיין אַרום און פון זיין צייט.

ער איז געווען אַ שריפטשטעלער מיט דיכטערישן שוווּנג און פילאָזאָפישן באַנעם, סיי אין זיינע דערציילונגען סיי אין זיינע סצעניש ווערק. די אַבסאָלוטע מערהייט פון זיינע ליטעראַרישע זענען אויף קינדער-טעמעס, אָבער אויך די געציילטע ווערק

זיינע, וואָס זענען נישט קיין ספּעציעלע קינדער־טעמעס, זע־נען אויך געווען געווידמעט די פּראָבלעמען פון אונדזער צייט. צו די דאָזיקע ווערק געהערט טאַקע זיין דראַמע „דאָס משוגעים־הויז״, וואָס איז בשעתו אויפגעפירט געוואָרן דורך אירענא סאָלסקי און סטעפאַן יאַראַטש, צוויי רעוואָלוציאָנערע גרויסע פּוילישע טעאַטער־קינסטלער, און האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין די פּוילישע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע קרייזן, צוליב דער דרייסטקייט פון די באַרירטע פּראָבלעמען. אויפצופירן יאַנוש קאָרטשאַקס אַ ווערק האָט מען געדאַרפט האָבן אַ רעוואָלוציאָנער טעאַטער און רעוואָלוציאָנערע קינסטלער, ווייל אַן אַנדער טעאַטער, פון דעם בירגערלעכן שניט, האָבן אַזעלכע ווערק נישט געוואַגט אַרויפצוברענגען אויף זייערע בינע־ברעטער.

דערביי דאַרף דערמאָנט ווערן פאָלגענדיקער קאָמישער עפּיזאָד, וואָס איז פאַרבונדן מיט קאָרטשאַקן און מיט זיין ליטעראַרישן שאַפן.

דער ברייטער עולם אין פּוילן און אין דער וועלט האָט נישט געוווּסט, אַז דער שרייבער מיט אַזאַ נאַציאָנאַל־פּוילישן נאָמען ווי עס איז „יאַנוש קאָרטשאַק״ איז אַ ייִד. ביז אַ געוויסער צייט האָבן עס אַ סך ייִדן אַפילו נישט געוווּסט. קאָרטשאַק האָט וואָס אַן אמת קיינמאָל זיין ייִדישקייט נישט געלייקנט, ער האָט אָבער אויך זיך קיינמאָל דערמיט נישט רעקלאַמירט. בפרט נאָך אין יענע יאָרן, ווען ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ הונדערט־פּראָצענטיקן פּוילישן סאָציאַליסט.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אין די יאָרן 1937 און 1938, ווען צווישן דער פּוילישער רעגירונג, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דער קליקע פון מאַרשאַל רידז־שמיגלי און מיניסטער יוזעף בעק, איז געפירט געוואָרן אַ שטאַרקער פלירט מיט דער היטלער־רעגירונג. נישט בלויז וואָס די פּוילישע און נאַצישע מיניסטאָרן פלעגן זיך קעגנזייטיק אָפט באַזוכן און האַלטן פריינטשאַפט־דרשות, נאָר מען האָט אויך דורכגעפירט אַ קולטור־דערנענטערונג צווישן פּוילן און נאַצי־דייטשלאַנד, וואָס איז באַשטאַנען אין קעגנזייטיקן שיקן קינסטלער און זשורנאַליסטן־עקספּעדיציעס, אין דעם מאַכן בשות־

פּותדיקע פילמען און אין אַרויסגעבן ביכער פון שרייבער פון ביידע לענדער.

איך ווייס נישט גענוי, ווער עס האָט צוגעגרייט די רשימה פון די ווערק פון די פּוילישע שרייבער, וואָס האָבן געדאַרפט דערשיינען אין דייטשלאַנד. אַ פאַקט איז נאָר, אַז די שרייבער האָבן געדאַרפט זיין צוגעפּאַסט צו די פּרינציפּן פון דער אַרישער „ראַסן־ריינקייט". ווי גרויס איז אָבער געווען דער סופּריז, ווען מען האָט פאַרעפנטלעכט מצד דער דייטשער קולטור־פּראָפּאַגאַנדע, אַז צווישן די ווערק, וואָס די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע דאַרף אַרויסגעבן, געפינט זיך אויך אַ בוך פון דעם שרייבער מיט אַזאַ כשר־פּוילישן נאָמען ווי עס איז „יאַנוש קאָרטשאַק". ווען מען האָט וועגן דעם מודיע געווען קאָרטשאַקן, האָט ער גלייך טעלעגראַפירט קיין בערלין, אַז אַלס ייד און אייניקל פון דעם פּרעדיקער פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע וויל ער נישט, אַז זיין כשרע יידישקייט זאָל פאַראומריייניקט ווערן דורך דעם, וואָס די נאַציס וועלן אַרויסגעבן זיינס אַ בוך. אויף וויפל איך געדענק, האָט ער דאַן אויך פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע אַ דערקלערונג אין דעם דאָזיקן גייסט.

***

צו די משונהדיקייטן פון יאַנוש קאָרטשאַקן האָט אויך געהערט דאָס אַבסאָלוטע אויסמיידן זיך צוזאַמענצוטרעפן מיט דערוואַקסענע, נישט בלויז אויף פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען, נאָר אפילו מיט יחידים, אויסער — פאַרשטייט זיך — דעם קליינעם, אינטימען קרייז פון זיינע נאָענטע פריינט.

אויף פאַרזאַמלונגען איז ער נאָר געגאַנגען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּראָבלעמען פון קינדער אָדער ער האָט געדאַרפט האָבן הילף פאַר „זיינע" קינדער.

כמעט יעדן טאָג אין דער פרי האָט מען אים דערפאַר געקענט טרעפן אין דעם קאַפע־הויז אויף עק זשעלאַזנע און כלאָדנע, וואָס האָט זיך געפונען נאָענט פון דעם יתומים־אַנשטאַלט אויף קראָכמאַלנע, טרינקען דאָרט זיין קאַווע און לייענען די צייטונגען. ער איז געווען אַ קורצזיכטיקער און פלעגט זיך דעריבער אַריינטון מיטן

קאַפּ אין דער ציימונג און נישט זען קיינעם און נישט וועלן זען.
אָבער, אַז מען האָט זיך שוין צו אים צוגעזעצט און אויב מען האָט
נאָר נישט געוואָלט רעדן וועגן קיין פּאָליטיק אָדער בעטן אַן אינ־
טערוויו פאַר דער ציימונג, פלעגט ער געמיטלעך שמועסן, אָפטמאָל
מאַכן זיינע בייסיקע, איראָנישע באַמערקונגען וועגן פאַרשידענע
פּראָבלעמען און מענטשן און דערציילן מעשהלעך, וואָס מען האָט
געקענט הערן אָן אַ סוף.

אויסער די באַגעגענישן אין דעם קאַפע־הויז, ווו איך פלעג פון
צייט צו צייט ספּעציעל גיין בכדי צו טרעפן קאַרטשאַקן, פלעג איך
מיך מיט אים אָפט באַגעגענען אין דער וווינונג פון אונדזער אַ
געמיינזאַמען פריינט, קאַרטשאַקס חבר פון דער שול־באַנק און
פון דער אוניווערזיטעט און שפּעטער פון דער געמיינזאַמער מילי־
טער־דינסט אין דער רוסישער אַרמיי בעת דער ערשטער וועלט־
מלחמה, דעם באַקאַנטן וואַרשעווער לונגען־ספּעציאַליסט ד"ר וולאַ־
דיסלאַוו פּזשיגאָדא און זיין פרוי העלענא.

ד"ר פּזשיגאָדא און זיין פרוי זענען האַרציקע, וווּנדערבאַרע
מענטשן, מיט אַ סך יוגנטלעכן ברען, לעבנס־לוסטיק, פול מיט הו־
מאָר און גוטן געמיט. עס איז שטענדיק געווען פריילעך ביי זיי אין
דער וווינונג, פריער אויף גראַניטשנע 4 און שפּעטער אויף היפּאָ־
טעטשנע גאַס, פול מיט מענטשן ביז די שפּעטע אָוונטן, וואָס מען
פלעגט דאָרט פאַרברענגען. אָבער ווען קאַרטשאַק האָט אָנגעזאָגט
זיין באַזוך אָדער די פּזשיגאָדאס פלעגן אים איינלאַדן צו זיך, האָט
קיין „המון" נישט געטאָרט דאָן זיין ביי זיי אין שטוב. נאָר יחידי־
סגולה האָבן געמעגט ביי זיין די אינטימע צוזאַמענקונפטן, בעת
וועלכע מען האָט זיך ווידער דערציילט מעשהלעך, דערמאָנט די
אַלטע סטודענטישע יאָרן אָדער די מלחמה־יאָרן אין רוסישן מילי־
טער.

פון די דאָזיקע מלחמה־יאָרן האָט מיר ד"ר פּזשיגאָדא דער־
ציילט פאָלגענדיקן עפּיזאָד וועגן דעם ד"ר יאַנוש קאַרטשאַק:

זיי האָבן ביידע געדינט אַלס אָפיצירן־מעדיקער אין די לאַזאַ־
רעטן אויפן רוסיש־דייטשן פראָנט. הגם זייערע פונקציעס אין דער
אַרמיי זענען דאָך געווען ריין־הומאַניטאַרע, אָן שום דירעקטער באַ־

טיילקונג אין די קריגס-אָפּעראַציעס, איז קאַרטשאַק אַרומגעגאַנגען ווי אַ ווילדער, זייענדיק בייז, וואָס ער, אַ סאָציאַליסט און פּאַצי־פיסט, מוז דינען אין מיליטער, און נאָך דערצו, אַלס שטאַרקער פּוי־לישער פּאַטריאָט און קעמפּער קעגן צאַריזם, מוז טראָגן דעם מונ־דיר פון דער אַזוי געהאַסטער צאַרישער אַרמיי און שווערן טריי־הייט דעם צאַר ניקאָליי. אָבער זייענדיק שוין, באין ברירה, אין דער אַרמיי און אויפן פראָנט, האָט זיך קאַרטשאַק פאַרנומען מיטן פירן פּאַציפיסטישע פראָפּאַגאַנדע צווישן די זעלנער, מיטן בונטעווען זיי, אַז זיי זאָלן נישט גיין צוריק אויפן פראָנט פאַרגיסן מענטש־לעך בלוט, ריזיקירנדיק דערביי מיט זייער אייגענעם לעבן. בכדי דאָס די זעלנער צו דערמעגלעכן, האָט קאַרטשאַק אַלס אָנפירער פון אַ מיליטערישן לאַזאַרעט, געהאַלטן ביי זיך די פאַרוואונדעטע זעל־נער וואָס לענגער, זיך נישט געאיילט מיטן אויסשרייבן זיי, כדי זיי זאָלן נישט צוריקגעשיקט ווערן אויפן פראָנט און שטענדיק, ווען ער האָט נאָר געהאַט דערצו אַ געלעגנהייט, פלעגט ער געבן די געז־ונט-געוואָרענע זעלנער לאַנג-טערמיניקע אורלויבן, אַז זיי זאָלן קענען פאָרן אַהיים צו זייערע פאַמיליעס.

ווען די צאָל באַפרייאונגען איז שטאַרק געשטיגן, איז דער ענין געוואָרן אויפפאַלנד דער מיליטערישער מאַכט און מען האָט אָנגעהויבן אונטערזוכן דעם ענין. קיינעם פון די צארישע שטאַב־אָפיצירן איז נישט איינגעפאַלן, אַז יאַנוש קאַרטשאַק טוט עס צוליב אידעאישע מאָטיוון, מען האָט אים פשוט חושד געווען אין באַ־פרייען די זעלנער פאַר געלט, ווי דאָס איז געווען דער שטייגער אין דער צאַרישער אַרמיי. זיי האָבן אגב אויך נישט געוווסט, אַז דער מיליטערישער דאָקטאָר, קאַפּיטאַן הענריק גאָלדשמידט, האָט אַ שייכות מיטן פוילישן שרייבער און פאַציפיסט יאַנוש קאַרטשאַק.

בעת דעם פאַרהער דורך דער מיליטערישער מאַכט האָט קאַר־טשאַק רואיק געענטפערט, אַז ער באַפרייט די פאַרוואונדעטע זעל־נער, בכדי זיי זאָלן זיך קענען אויסרוען אין דער היים און שפּעטער ווידער קענען גוט דינען דעם „צאַר און פאָטערלאַנד”. מעדיקאַ־מענטן באַקומט מען אויפן פראָנט ווייניק און די וואָס מען באַקומט יאָ טויגן נישט אויסצוהיילן פולשטענדיק די זעלנער, האַלט ער דע־

ריבער, אַז דאָס געבן די זעלנער לאַנג-טערמיניקע אורלויבן אַהיים, פאַר דעם בעסטן היול-מיטל.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז קאָרטשאַק איז פון לאַזאַרעט-לייטער געוואָרן דעגראַדירט צום אַמט פון אַ געהילפס-דאָקטאָר.

אַזעלכע עפּיזאָדן וועגן קאָרטשאַקן האָב איך זיך אין פאַרשידענע צייטן אָנגעהערט אָן אַ סוף. קאָרטשאַק אַליין פלעגט פון זיינע אויפטועןן נישט גערן רעדן. דאָס האָבן געטון זיינע פריינט, וואָס האָבן די עפּיזאָדן בייגעוווינט.

עס געדענקט זיך אַזאַ עפּיזאָד:

איך האָב אַמאָל בייגעוווינט אַ חנוכה-פייערונג אין קאָרטשאַקס יתומים-אַנשטאַלט אויף קראָכמאַלנע 92. עס איז געווען אַ יום-טוב צו וועלכן מען האָט איינגעלאַדן אַ סך געסט, פאַרמעגלעכע דאַמען האָבן צוגעגרייט פּאַפּירענע בייטעלעך מיט נאַשוואַרג אַלס מתנות פאַר די קינדער און עס איז אויך געווען צוגעגרייט אַ פאַסיקער פּראָגראַם. צום דאָזיקן יום-טוב איז אויך געקומען דער דעמאָלטיקער מיניסטער פאַר סאָציאַלער שוץ פון פּילסודסקיס רעגירונג, גענעראַל הוביצקי, אַ חבר און פאַרערער פון קאָרטשאַקן, צוזאַמען שטודירט אויף דער אוניווערזיטעט און צוזאַמען זיך באַטייליקט אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעט אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן פון דעם אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט.

דער מיניסטער הוביצקי האָט געהאַלטן אַן ענטוזיאַסטישע רעדע וועגן קאָרטשאַקן, וועגן זיין אַרבעט אויפן פּעדאַגאָגישן געביט, וועגן זיינע פאַרדינסטן פאַר פּוילן, געזאָגט — ווי דער שטייגער איז — אַז עס איז אַ כבוד פאַר פּוילן צו האָבן אַזאַ גרויסן מאַן אא״וו, אא״וו. דערביי האָט מיניסטער הוביצקי איבערגעגעבן קאָרטשאַקן אין נאָמען פון דער רעגירונג דעם אָפיצירן-קרייץ פון דעם אָרדן „פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ", מיט וועלכן די רעגירונג האָט אים אויסגעצייכנט פאַר זיין טעטיקייט אַלס פּוילישער פרייהייטס-קעמפער, פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער.

קאָרטשאַק האָט באַדאַנקט פאַרן כבוד און דערביי איראָניש געזאָגט, אַז ווען די רעגירונג גיט דעם יתומים-אַנשטאַלט אַ גרעסערע סובווענץ, וואָלט עס פאַר אים געווען אַ בעסערע מתנה, ווי

צו באַקומען אַ בלעכל, וואָס קאָסט דער מלוכה אַ סך געלט און איז פּאַקטיש קיין גראָשן נישט ווערט. קאָרטשאַקס בייסיקע באַמער־קונגען, אין וועלכע עס האָט אייגנטלעך געשטעקט ביטערע אי־ראָניע און סאַרקאַזם, זענען אָבער אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אַזאַ מייסטערהאַפט וויציקער פאָרם און מיט אַזויפיל חן, אַז מען האָט זיי נישט געקאָנט אויפנעמען ווי באַליידיקונגען.

ווען נאָך דעם אָפיציעלן טייל פון דעם אַקט איז מען צוגעגאַנ־גען צו קאָרטשאַקן און אים באַגריסט פאַר דער הויכער אויסצייכע־נונג, וואָס די רעגירונג האָט אים צוגעטיילט, האָט קאָרטשאַק ווי־דער מיט אַ גייסטרייכער איראָניע געזאָגט, אַז די אויסצייכענונג וועט נאָר אַרויסרופן בייז בלוט ביי די קינדער, פאַרוואָס ער האָט עס יאָ באַקומען און זיי נישט. ער באַדויערט, וואָס מען האָט אים נישט געגעבן אַ פּאָר צענדליק אַזעלכע אויסצייכענונגען, וואָלט ער זיי געגעבן די קינדער, אַז זיי זאָלן זיך דערמיט צעטיילן, ווען זיי שפּילן זיך אין סאָלדאַטן. אים קען דאָס בלעכל קיין נוצן נישט ברענגען און די קינדער וואָלטן באמת געקענט דערפון הנאה האָבן.

⁂

זיין קאָנטאַקט מיט דעם יידישן קינד האָט קאָרטשאַקן אויך דערנענטערט זיך צו אינטערעסירן מיט יידישע פּראָבלעמען. הגם ער איז קיינמאָל נישט געוואָרן נאַציאָנאַל געשטימט, אין דעם פולן זין פון דעם באַגריף, הגם ער איז אַלע זיינע יאָרן געבליבן קולטו־רעל אַסימילירט, בלייבנדיק אַ פּולשטענדיק פּאָלאָניזירטער ייד, האָט ער אָבער פולשטענדיק פאַרלאָזט זיינע אַמאָליקע אַסימילאַ־טאָרישע פּרינציפּן, מיט וועלכע ער איז געווען דורכגעדרונגען אין די יאָרן פון זיין באַהעפטונג מיטן פּוילישן סאָציאַליזם.

דער ערשטער שריט צו זיין אַקטיווער דערנענטערונג צום יידישן נאַציאָנאַלן לעבן איז געווען דאָס איבערנעמען דורך אים די רעדאַקציע פון דעם „מאַלי פּזשעגלאָנד" (דער קליינער איבער־זיכט), די קינדער־ביילאַגע פון דער פאַרשפּרייטער נאַציאָנאַלער יידישער צייטונג אין דער פּוילישער שפּראַך „נאַש פּזשעגלאָנד"

(אונדזער איבערזיכט). ער האָט רעדאַגירט די דאָזיקע קינדער־ביילאַגע אין משך פון אַ רייע יאָרן און אַריינגעצויגן אַלס מיטאַר־בעטער קינדער, וואָס פלעגן שרייבן אין דער ביילאַגע. געווען צווישן זיי אויך אייניקע תּלמידים זיינע פון דעם יתומים־אַנשטאַלט אויף קראָכמאַלנע, און אייניקע פון זיי זענען שפּעטער געוואָרן באַ־גאַבטע שרייבער און זשורנאַליסטן אין דער פּוילישער שפּראַך.

קאָרטשאַק האָט זיך די לעצטע יאָרן אויך פאַראינטערעסירט מיט דער יידישער ליטעראַטור, באַדויערט, וואָס ער קען זי נישט לייענען אין יידישן אָריגינאַל, נאָר מוז זיך באַגנוגענען מיט איבער־זעצונגען אין אַנדערע שפּראַכן און פלעגט גערן שמועסן וועגן דער יידישער ליטעראַטור מיט יידיש־שרייבנדיקע ליטעראַטן און זשור־נאַליסטן.

גאָר אַ שטאַרקן אינטערעס האָט קאָרטשאַק די לעצטע יאָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרויסגעוויזן פאַר דעם אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל. אמת, דער ציוניזם אַלס פּאָליטישע באַוועגונג פאַר דער שאַפונג פון אַ יידישער מדינה האָט אים אויך דאַן נישט אינטערעסירט. עס האָבן אים אָבער געוואַלדיק אינטערע־סירט די קיבוצים, דאָס איבערבויען דאָס יידישע לעבן אויף חלוצי־שע יסודות.

יאַנוש קאָרטשאַק האָט אייניקע מאָל באַזוכט ארץ־ישראל און פאַרבראַכט וואָכן לאַנג אין די קיבוצים. ער פלעגט צוריקקומען פון ארץ־ישראל אַן אויפגעפרישטער און ענטוזיאַזמירטער. די אויגן זיינע פלעגן אים ממש לייכטן, ווען ער האָט גערעדט וועגן די אויפ־טוען פון די חלוצים, וועגן זייער פּיאָנערטום, וועגן זייער לעבנס־אַרט, וועגן דעם סיסטעם פון דער קאָלעקטיווער אַרבעט און וועגן דער קינדער־דערציאונג אין ארץ־ישראל.

תּל־אביב האָט ער נישט ליב געהאַט. אפילו ירושלים איז אים געווען גלייכגילטיק. אַזאַ משונהדיקן צוגאַנג האָט ער געהאַט צו די ענינים פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס.

נאָך זיין צוריקקומען אַמאָל פון ארץ־ישראל, האָב איך גע־וואָלט מאַכן מיט אים אַן אינטערוויו פאַרן „מאָמענט". קיין אינ־

טערוויז האָט ער נישט געוואָלט געבן, אָבער מיר האָבן דאָן לענ־
גער געשמועסט וועגן זיינע איינדריקן פון ארץ־ישראל. תל־אביב
האָט ער גענוג אין וואַרשע, ווען ער איז אויף די נאַלעווקעס און
ירושלים איז געשיכטע, פאַרגאַנגענהייט. ער האָט נישט קיין גע־
פיל פאַר דער פאַרגאַנגענהייט און אינטערעסירט זיך נישט מיט
קיין געשיכטע — האָט ער מיר געזאָגט. די קיבוצים זענען די צו־
קונפט.

ער האָט וועגן די קיבוצים גערעדט מיט ממש אַ קינדישן ענ־
טוזיאַזם סיי אין זיינע פּריוואַטע שמועסן מיט מענטשן, סיי אויך
אין זיינע עפנטלעכע רעפעראַטן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין וואַר־
שע. ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט דער זעלביקער ליבע און מיטן
זעלביקן ענטוזיאַזם ווי בעת ער פלעגט רעדן וועגן „זיינע" קינדער.

אין דעם חלוצישן דור האָט יאַנוש קאָרטשאַק געפילט דעם ייד
און דעם מענטש פון מאָרגן.

עס איז געווען אַ גרויסע און זייער אָנגענעמע איבערראַשונג
פאַר דעם נאַציאָנאַלן יידנטום אין פּוילן און אַ גרויסער און זייער
אומאָנגענעמער סורפּריז פאַר די אַסימילאַטאָרן, ווען אונטער אַן
אויפרוף פון דער יידיש־פּוילישער אינטעליגענץ צו שטיצן דאָס
ווערק פון קרן־קימת לישראל איז דערשינען יאַנוש קאָרטשאַקס אונ־
טערשריפט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס יאַנוש קאָר־
טשאַק האָט אונטערגעשריבן אַן אויפרוף פון אַ יידיש נאַציאָנאַלן
כאַראַקטער.

אַ דאַנק קאָרטשאַקס אונטערשריפט האָבן דעם אויפרוף אויך
אונטערגעשריבן אַ רייע אַנדערע באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן פון
דעם אַסימילאַטאָרישן לאַגער. צווישן זיי זענען געווען דער באַרימ־
טער אַדוואָקאַט און געוועזענער פירער פון די נעאָ־אַסימילאַטאָרן
לעאָן בערענסאָן און דער אַקטיווער אַסימילאַטאָרישער טוער אַד־
וואָקאַט איגנאַצי באַומבערג.

ווי עס דערציילט יצחק גרינבוים אין זיינע קורצע זכרונות
וועגן קאָרטשאַקן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט אין דעם דאָזיקן בוך,
האָט קאָרטשאַק מיט אים גערעדט וועגן באַזעצן זיך אין ארץ־יש־
ראל. פאַרשטייט זיך אין אַ קיבוץ, ווייט פון דעם שטאָטישן טומל.

דאָס איז זיכער אַ נייעס פאַר אַ סך, וואָס האָבן קאָרטשאַקן גע־קענט. עס איז אָבער אויך זיכער, אַז דאָס איז נישט קיין פּועל־יוצא פון אַ וועלכער עס איז פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אַ דירעק־טער פּועל־יוצא פון קאָרטשאַקס גרויסער איבערלעבונג בעת זיין באַזוכן די קיבוצים און פון זיין טיף אַריינדרינגען אין דער ווירקלעכקייט פון דעם יידישן לעבן, וואָס דער חלוצים־דור בויט אויף.

***

ווען די נאַצים האָבן אין וואַרשע געהייסן, יידן זאָלן אָנטון די אָפּצייכענונגען מיטן מגן־דוד, האָט זיך יאַנוש קאָרטשאַק אָפּגע־זאָגט דאָס צו טון און איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף זעקס חדשים תפיסה.

קאָרטשאַק האָט זיכער עס נישט געטון דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געשעמט מיט דער יידן־אָפּצייכענונג. ער האָט עס געטון, ווייל זיין רעוואָלוציאָנערע און פילבאַרע נשמה האָט אים נישט דערלאָזט זיך אונטערוואַרפן געזעצן, וואָס זענען אויסן צו באַליידיקן די מענטשלעכע ווירדע.

ער איז געווען אַ באַשיידענער מענטש, וואָס האָט זיך אויסגע־לעבט אין דער וועלט פון זיינע אייגענע אידעען און געדאַנקען, וואָס זענען אינגאַנצן געווען געווידמעט דער וועלט פון קינד, דער צו־קונפט פון דער מענטשהייט.

און ווען מען האָט די דאָזיקע קינדער געוואָלט אומברענגען, ווען מען האָט געוואָלט פאַרניכטן די צוקונפט פון דער וועלט, האָט ער נישט געוואָלט בלייבן אַליין, נאָר איז מיט זיין אייגענעם ווילן אַוועק אין דער אייביקייט צוזאַמען מיט זיינע געליבטע קינדער.

ריכטיק זאָגט שלום אַש אין זיין דיכטערישער הקדמה צום דאָזיקן בוך, אַז קאָרטשאַקס נאָמען איז געהייליקט נישט בלויז דורך זיין טויט על קידוש השם, נאָר אויך דורך דעם ווערק פון זיין לעבן.

עס איז אַ זכיה צו האָבן געלעבט אין אַ דור, וואָס האָט אַרויס־געגעבן אַ יאַנוש קאָרטשאַק.

בוענאָס־איירעס, יאַנואַר 1950.

דאָס דאָזיקע ווערק פֿון יאַנוש קאָרטשאַק אין דער אויטאָריזירטער יידישער איבערזעצונג פֿון דעם שרייבער־קדוש יהושע פּערלע, איז דערשינען צום ערשטן מאָל אין וואַרשע אין יאָר 1922 אין פֿאַרלאַג „די צייט" (פֿון ש. י. לאַנדינסקי). מיר דרוקן איבער דאָס בוך פֿון דעם זעלטענעם עקזעמפּלאַר, וואָס געפֿינט זיך אין דער צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק ביים ייוואָ אין בוענאָס־איירעס.



יאַנוש קאָרטשאַק

מיט אַ גרופּע יידישע יתומים פֿון זיין
דערציאונגס־אַנשטאַלט
(דאָס בילד שטאַמט פֿון יאָר 1938)

אַ גאַנץ קליינע הקדמה

אין וואַרשע, אויף דער שווענטאָ־קשיסקע גאַס, שטייט אַ נידעריק אַלט הויז מיט זייער אַ גרויסן הויף. אויף דעם דאָזיקן הויף קלייבן זיך צוזאַמען קינדער, וואָס דאַרפן אַרויספאָרן אויפן דאָרף. אין אַלטן הויז, ווידער, געפינט זיך די געזעלשאַפט, וואָס שיקט אַרויס די קינדער אויף זומער־קאָלאָניעס.

די קינדער פאָרן אַרויס אונטער דער השגחה פון אויפזעערס, אין פאַרשידענע דערפער אַריין, און פון יעדן דאָרף באַזונדער וואָלט מען געקענט אַ גאַנץ בוך אָנשרייבן.

איך וויל נאָר איצט דערציילן, ווי אַזוי יידישע קינדער האָבן פאַרבראַכט אין דאָרף „מיכאַלווּעק“. איך בין אַ גאַנצע צייט געווען זייער אויפזעער. פון קאָפּ טראַכט איך מיר גאָרנישט אויס — כ׳וועל נאָר דערציילן ד אָ ס, וואָס כ׳האָב געזען און געהערט.

און די מעשה וועט זיין אַ שיינע.

דער מחבר.

קאַפּיטל איינס

אויפן וואָקזאַל שטעלן די אויפזעערס אויס די קינדער פּאָרנווייז און פירן זיי אַריין אין די וואַגאָנען

דער צוג גייט ערשט אָפּ אין א שעה אַרום, און שוין דרייען זיך אַרום אויפן וואָקזאַל צענדליקער קינדער, וואָס שאָקלען מיט זייערע לייוונטענע זעקעלעך און וואַרטן מיט אומגעדולד, מען זאָל זיי שוין אָנהייבן אויס־שטעלן שורות־ווייז און אַריינפירן אין די וואַגאָנען.

ווער ס׳וועט פאַרשפּעטיקן, ד ע ר וועט נישט מיטפאָרן. היט מען זיך טאַקע זייער שטאַרק — אי די קינדער, אי די קינדערס עלטערן.

נעכטן האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אויפן הויף פון שוויענטאָ־קשיסקע גאַס, דערפאַר ווייסט מען שוין, צו וועלכער גרופּע און צו וועלכן אויפזעער יעדער וועט געהערן, און פון וואָסער העפּט מען וועט אַרויס־לייענען די נעמען.

שטייט מען און מען וואַרט. און אַז מען האָט נישט וואָס צו טון, באַטראַכט מען דערווייל דעם אויפזעער: וואָס א שטייגער מענטש ער איז, צי איז ער א גוטער, צי א שלעכטער, צי וועט מען מעגן קלעטערן אויף די ביימער, צי וועט מען מעגן וואַרפן שטיינער אויף די וועוויערקעס, און צו וועט מען מעגן אַרומוואַנדערן אויפדערנאַכט אין גרויסן זאַל.

אַזוי, פאַרשטייט זיך, קלערן נאָר יענע קינדער, וואָס זענען שוין געווען אַמאָל אויף די זומער־קאָלאָניעס.

די אויפזעערס באַטראַכטן אויך די חברה און ווייסן דערווייל נישט,

פּאַרוואָס טייל קינדער זענען אַרומגעוואַשן ריין, אָנגעטון קלאָר, און טייל — ברודיק און פאַרלאָזט; פּאַרוואָס רעדן טייל הויך, קוקן זיך אַרום מיט פרייַלעכע, פרייע בליקן, און טייל טוליען זיך מיט מורא צו די מאַמעס פאַרטעכער, אָדער שאַרן זיך גאָר אַוועק אין אַ ווינקל. מען ווייסט נישט, פּאַרוואָס מיט אייניקע קינדער זענען מיטגעקומען טאַטע־מאַמע, שוועסטערלעך, ברידערלעך, פּאַרוואָס מען גיט זיי מיט לעקעכלעך, און מיט אַנדערע איז קיינער נישט געקומען און קיינער גיט זיי גאָרנישט מיט.

אין אַ צוויי, דריי טעג אַרום, ווען מיר וועלן זיך געזעגענען באַקענען, וועלן מיר שוין אַלץ געוואָר ווערן.

דערווייל שטעלט מען זיך אויס.

— די ערשטע פּאָר: ג ו ר ק ע וו י ט ש און ק ר ו י ז ע.

קיינער רופט זיך נישט אָן.

—נישטאָ — ענטפערט עמיצער פון חברה.

און שוין בעט עפּעס אַ פּאַטער, מען זאָל אויפן אָרט פון יענעם צונעמען זיין קינד. עס איז, נעבעך, אַזוי אויסגעדאַרט, אַזוי שוואַך.

נישט אַלע קינדער, אָבער, קאָנען אַרויסגעשיקט ווערן אויפן דאָרף, ווייל אויסגעדאַרטע און קראַנקע איז דאָ אַ סך מער, ווי ס'איז דאָ אָרט אויף דער זומער־קאָלאָניע. זון און וואַלד וואָלט פאַר זיי נישט געפעלט, עס פעלט אָבער דער געזעלשאַפט מיטלען אויף צו קויפן מילך און ברויט.

— די צווייטע פּאָר: ס אָ ב אַ ל און ר ע כ ט ל ע ב ן.

— כ'בין דאָ — שרייט אויס ס אָ ב אַ ל און שטופּט זיך אַדורך אַ פאַררויטלטער דורך דעם גאַנצן המון מענטשן, שטעלט זיך אַוועק מיט אַ לאַכנדיק פּנים און מיט אַ פּאָר פרעגעדיקע אויגן.

— ביסט אַ ווילער יונג, ס אָ ב אַ ל!... זאָג דעם אמת: ביסט אַ לאַבוס, צי ניין?

— כ'בין אַ לאַבוס — ענטפערט ער מיט אַ געלעכטער, און אויסדרייענדיק זיך צו דער שוועסטער, וואָס האָט אים אַהערגעבראַכט, גיט ער איר אַ באַפעל: „שוין, קאָנסט שוין אַהיימגיין".

אַן אַכטיעריק יינגל, וואָס פֿאָרט צום ערשטן מאָל אַרויס אין אַ דאָרף, וואָס קאָן זיך אַדורכשטופּן דורך אַזוי פּיל דערוואַקסענע מענטשן און אַוועקשטעלן זיך אַ ריינער, אַ שמייכלדיקער, גרייט יעדע מינוט אין וועג אַריין, מוז אוודאי זיין אַ טייערער יונג און אַ ליבלעכער שטיפער.
אַזוי איז טאַקע געווען. ער האָט זיך דער ערשטער אויסגעלערנט אויפֿבעטן דאָס בעט, שפּילן אין דאָמינע — אים איז קיינמאָל נישט קאַלט געווען, — ער האָט זיך אויף קיינעם נישט געקלאָגט, — פֿלעגט זיך אויפֿוועקן אַ שמייכלדיקער און אַנטשלאָפֿן ווערן אויך אַ שמייכלדיקער.

— פֿ י ש ב י י ן און דער עלטערער מ י ל ע ר , — די דריטע פּאָר.

— ר'איז דאָ — האָט גיך געענטפֿערט פֿישביינס פֿאָטער, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן.

ביידע זענען זיי געשטאַנען נאָענט איינער נעבן אַנדערן. זיי האָבן געמוזט קומען זייער פֿרי; ווייזט אויס, אַז דעם פֿאָטער איז שטאַרק געגאַנגען אין לעבן — זיין קינד זאָל אַרויספֿאָרן אין דאָרף אַריין.

דער קליינער מ י ל ע ר און א י נ אָ . ע ל וו י נ ג און פּ ל אָ צ ק י .

דערווייל קומען אָן די פּאַרשפּעטיקטע.

ג ו ר ק ע וו י ט ש האָט געוואָלט אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפֿן — ער זאָל נישט פֿאַרשפּעטיקן. אינדערפֿרי, אָבער, האָט אים די מוטער קוים געקענט דערוועקן, און אַ האַלב־פֿאַרשלאָפֿענעם האָט זי אים אַהערגעבראַכט צו דער באַן.

איז ער טאַקע געווען דער איינציקער פֿון דער גאַנצער גרופּע, וואָס איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן אויפֿן וועג.

— די אַכטע, די ניינטע, די צענטע פּאָר.

עס הייבט זיך אָן אַ שטופּעניש, אַ לױפֿעניש און צום סוף דאָס געזעגענען זיך.

— נישט צעגיין זיך, באַלד פֿאָרן מיר.

עס דערהערט זיך אַ קלונג.

אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר, אַ גרופּע נאָך אַ גרופּע גייען מיר דורך דעם וואָקזאַל, און זעצן זיך איין אין די וואַגאָנען. ווער ס'איז געשיקטער דער פאַרכאַפּט דאָס בעסטע אָרט ביים פענצטער און שמייכלט נאָך אַרויס צו טאַטע־מאַמע.

דער צווייטער און דער דריטער קלונג.

די עלטערע זינגען לידלעך פון וואַלד, פון די פרייליכע מינוטן, וואָס מען האָט פאַראיאָרן אַזוי טייער פאַרבראַכט אויפן דאָרף; און דער צוג רירט.

— די היטלען האַלטן פעסט אויפן קאָפּ!

תמיד מוז ווער פאַרלירן אַ היטל. אַזאַ מנהג שוין, ווען מען פאָרט אַרויס אויף די זומער־קאָלאָניעס.

קאַפּיטל צוויי

די קינדער גיבן איבער אין וואַגאָן צו באַהאַלטן דאָס געלט און די פּאָסט־קאַרטלעך. — אין דאָרף טוען זיי זיך איבער אין ווייסע מלבושימלעך פון דער קאָלאָניע

— נישט אַרויסבייגן זיך! — נישט שטופּן זיך! — נישט אָנמוי־שעווען אויף דער ערד!

אין די ערשטע עטלעכע טעג הערן די קינדער כסדר דאָס וואָרט „נישט”, ביז זיי דערוויסן זיך, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. שפּעטער אַריין ווערט אַלץ ווייניקער — מען טאָר נישט — און אַלץ מער — מען מעג.

אפילו ווען דער אויפזעער זאָל וועלן, קאָן ער אויך נישט פאַרווערן צו שפּילן זיך, ווי עס פאַרווערט, למשל, די מאַמע, דער טאַטע, די באָבע, די מומע, אָדער די לערערין, צי גאָר דער גוווערנער אין די הייזער פון רייכע קינדער; ס'פעלט אים פּשוט צייט אויף באַמערקונגען און אויף עצות.

איז טאַקע די קינדער אויף דער קאָלאָניע אַ סך פרייליכער, ווי זייערע רייכע חברים אין די בעדער, וווּ יעדן קליינעם קינד שטערן אַזוי־פיל דערוואַקסענע מענטשן צו שפּילן זיך.

דערווייל איז אויף דער צווייטער ליניע פאַרבייגעלאָפן אַ צוג.

די קינדער האָבן זיך דערשראָקן און אָוועקגעשפּרונגען פון פענצ־טער. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום — אַ גדולה, אַ פרייד.

איינעם איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ זעמל מיט פּוטער — ווידער אַ גדולה.

— זעטס נאָר, וואָס פֿאַר אַ קליין פֿערדל! — שרייען אויס עטלעכע און אַלע שטופּן זיך צום פֿענצטער — זען דאָס אויסערגעוועגלעכע וואונדער.

ס'איז אַ פּשוט גרויס פֿערד, נאָר עס שטייט ווייט אויף דער לאָנקע, דערפֿאַר זעט עס אויס אַזוי קליין.

אַ סטאַציע. ווידער זינגט מען און ווידער פּאַקעט מען מיט די טיכלעך, און ס'צעקלינגט זיך דאָס געלעכטער פֿון דער קאָלאָניע — דאָס וואונדערבאַרע, יונגע געלעכטער, וואָס היילט בעסער, ווי די בעסטע רפֿואות און דערציט שענער, ווי די קליגסטע לערער.

— קינדער, אַצינד זאָל יעדער פֿון אייך אָוועקגעבן דאָס געלט, וואָס ער האָט און די פּאָסט־קאַרטלעך. — דער ערשטער איז פֿאַרשריבן — ג ו ר ק ע וו י ט ש. וויפֿל פּאָסט־קאַרטלעך האָסטו?

ג ו ר ק ע וו י ט ש גיט צו באַהאַלטן צען גראָשן און פֿיר קאַרטלעך: אַלע וואָך וועט ער שרייבן אַהיים, אַז ער איז געזונט און שפּילט זיך.

ביידע ברידער ק ר ו ק האָבן צוזאַמען צוואַנציק גראָשן. יעדער פֿון זיי האָט געקריגן צו פֿיר גראָשן פֿון טאַטן, פֿון דער מאַמען און צו זעקסערם פֿון זיידן.

— לערער, ס'וואָר, אַז קאַרטאָפּל וואַקסן אין דער ערד?

— אוודאי, וואָס איז דען?

— וואָרן ער האָט, דורכן פֿענצטער, געוויזן אויף עפּעס בלעטער דאָרט און זאָגט, אַז דאָס זענען קאַרטאָפּל. און קאַרטאָפּל וואַקסן דאָך גאָר אין דער ערד, ווי אַזוי קאָן מען זיי זען?

— שפּעטער וועט איר שוין אַליין זען, ווי עס וואַקסן קאַרטאָפּל. — אַצינד איז קיין צייט נישטאָ. פ ר י ד מ אַ ן, וויפֿל קאַרטלעך האָסטו?

— נישט מער ווי צוויי. די מאַמעשי האָט געזאָגט, אַז ס'איז גענוג. קיין געלט האָט ער אינגאַנצן נישט.

פ ר י ד מ אַ ן האָט געלייקנט: ער האָט באַהאַלטן אַ פּירער, וואָס דער עלטערער ברודער האָט אים מיטגעגעבן ביים געזעגענען זיך.

פ ר י ד מ אַ נ ס טאַטע איז שוין אויסגעפאָרן אַ וועלט: געווען אין פּאַריז, אין לאָנדאָן — ער האָט געזאָלט אפילו קיין אַמעריקע אויך פאָרן, נאָר אומעטום איז אים געגאַנגען שלים־שלימזל און ער האָט גע־מוזט צוריק אהיימקומען, אוועקשטעלן זיך באַקן זעמל פאַר פרעמדע און אליין נישט האָבן קיין שטיקל ברויט צו דער זעט, נישט פאַר זיך און נישט פאַר ווייב־און־קינד.

ווער ווייסט, אין וועלכער פון יענע גרויסע שטעט דער קליינער זון פון בעקער האָט זיך אויסגעלערנט נישט צו גלייבן קיין מענטשן און נישט אָנצופאַרטרויען זיי זיינע עטלעכע קופּערנע מטבעות.

ערשט אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אוועקגעגעבן צו באַהאַלטן זיין קליין פאַרמעגן — און תמיד האָט ער געהאַלטן אין איין פרעגן: „ס'וואָר, אַז דער לערער האָט מיין פּירער?״

— נאָך ווייט? — פרעגן די קינדער מיט אומגעדולד.

עפּעס געדויערט עס אַזוי לאַנג. און דאָ האָט מען נישט קיין צייט. מען איילט זיך צום וואַלד, צום טייך, צו די לאָנקעס, וועגן וועלכע עס דערציילן אויסטערלישע וווּנדער יענע קינדער, וואָס זענען שוין געווען פאַראיאָרן אויף דער קאָלאָניע.

אויף דער קאָלאָניע איז דאָ אַ גרויסע וועראַנדע: וואָס, אַ שמייגער, קאָן דאָס זיין אַזעלכעס, די דאָזיקע וועראַנדע?

אויף דער קאָלאָניע זענען פאַר אַלע הונדערט און פופציק קינדער נישטאָ מער, ווי פיר שטיבן. — וואָס פאַרא שרעקלעך־גרויסע שטיבן מוזן דאָס זיין?

מיר פאָרן דורך אַ בריק. די בריק זעט גאָר אַנדערש אויס, ווי יענע דאָרט אין וואַרשע, דורך וועלכער מען פאָרט קיין פּראַגע. דאָ איז זי שענער. אַ סך, אַ סך שענער.

— קינדער, מיר גייען באַלד אַראָפּ. צי האָבן אַלע די זעקלעך מיט די היטלען?

— אַלע — ענטפערט מען מיט איינמאָל.

אויפן וואָקזאַל וואַרטן שוין אויף אונדז צוועלף לייטער־וועגן. אויס־געבעט מיט היי און מיט שטרוי.

— פּאָרזיכטיק דאָרט אויף די פורן, ס'קאָן נאָך עמיצנס אַ פוס אַריינקריגן זיך צווישן די רעדער.

— לערער, איך וועל היטן.

— גוט, היט. נו, אַ סוף, געפאָרן זאָל ווערן!

די זון איז פריילעך מקבל־פּנים די אויסגעבלייכטע, קליינע חברותא.

אַ דאַנק דיר, — גוטע, שיינע זון, אַ דאַנק דיר — גרינער, פרישער וואַלד און דיר — פריילעך־לאַכנדיק פעלד. אַ דאַנק אייך, ליבע קינדער־לעך פון דאָרף, וואָס איר לויפט אַרויס פון אייערע הייזלעך און מיט אַ שמייכל אויפן פּנים באַגריסט איר אונדזערע פורן.

— ס'איז נאָך ווייט, לערער?

— יאָ, דאָרט טונקלט זיך שוין אונדזער וואַלד. אָ, מען זעט שוין אונדזער שטיקל פעלד. אָט שטייט די מיל, די הויפישע הייזלעך און אָט איז אונדזער קאָלאָניע.

— וויוואַט! זאָל לעבן די קאָלאָניע „מיכאַלאָוועק". — אהא, אַזוי, הייסט עס, זעט אויס אַ ווערענדע.

די קינדער טרינקען גלייך אויס צו טעפּלעך מילך און מען נעמט זיך באַלד צו דער אַרבעט.

אַלע וואַשן זיך און טוען־אָן די ווייסע מלבושימלעך פון דער קאָלאָ־ניע. מען רוישט, מען וויצלט זיך; נאָר דאָס גרעסטע געלעכטער רופן אַרויס די ווייס־לייוונטענע היטלען. מאָדנע היטלען זענען עס עפּעס. אינגאַנצן ענלעך צו יענע, וואָס עס טראָגן גויעשע בעקערס.

אַצינד זען אַלע אויס אַלצאַיינס. די קלענערע, ווידער, שטאָלצירן מיט די הויזן־טרעגערס (שעלקעס), וואָס זיי האָבן געקריגן.

— לערער, ווען וועט מען קריגן טיכלעך צו דער נאָז?

— מאָרגן. און אַצינד פאַרפּאַקט אין די זעקלעך אייערע אייגענע

מלבושימלעך. די זעקלעך אויף זיי פּלייצעס און — היידאַ אין דער פּאַק־קאַמער אַריין.

— איינס, צוויי, איינס, צוויי...

דאָרט אין דער פּאַק־קאַמער וועלן זיי זיך אויסרוען גאַנצע פיר וואָכן.

קאַפּיטל דריי

לייבעלע רעכטלעבן בענקט, — לייבעלע רעכטלעבן וויינט

עפּעס איז אַלץ אַזוי מאָדנע, אַזוי ניי. עפּעס אַזוי נישט ענלעך צו דער גענשע, קראָכמאַלנע און סמאַטשע גאַס.

אַ קליין הייזל אין וואַלד. נישטאָ קיין הויף, נישט קיין רינשטאָק. עפּעס אויסטערלישע ביימער — נישט מיט קיין בלעטער, נאָר מיט נאָדלען. די בעטן שטייען נישט ביי דער וואַנט, נאָר שורות־ווייז, און נישט — אין קיין קליין שטיבל, נאָר אין אַ גרויסער, גרויסער, גרויסער שטוב, ענלעך צו יענע, ווו מען מאַכט חתונות. אויף מיטאָג האָט מען געגעבן עפּעס אַן אויסטערלישע, גרינע זופּ, און נאָך מיטאָג — מילך. היטלען פון לייוונט און שעלקעס צו די הויזן. אויפדערנאַכט וואַשט מען די פיס אין אַ לאַנגער, בלעכענער מילטער. שלאָפן דאַרף מען איינער אַליין אין אַ בעט, אויף אַ קישעלע אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי. ביינאַכט זענען גאָר די פענצטער אָפן. אַ גנב קאָן נאָך אַריינקריכן. און דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען אַזוי ווייט.

האָט טאַקע לייבעלע ר ע כ ט ל ע ב ן באַלד אין ערשטן אויפדערנאַכט זיך צעוויינט.

אמת, נישט לאַנג האָט געדויערט דאָס וויינען, וואָרום ווי אַזוי ווערט מען נישט אַנטשלאָפן נאָך אַזאַ טאָג און נאָך אַזויפיל וואונדערלעכע געשעענישן?

צומאָרגנס, אָבער, ווען ס'איז געבליבן אַביסל פרייע צייט, האָט לייבעלע ווידער אָנגעהויבן וויינען.

— כ'וויל אַהיים.

פאַרוואָס וויל ליבעלע אַהיים? אפשר איז ער הונגעריק? ניין, ר'איז נישט הונגעריק. — אפשר איז אים קאַלט? — ניין, ס'איז אים נישט קאַלט. — אפשר האָט ער מורא אַליין צו שלאָפן? — אויך נישט. — אפשר האָט ער אינדערהיים מער שפּילעכלעך? ניין. קיין שפּילעכלעך האָט ער אינגאַנצן נישט.

ליבעלע ווייסט, אַז דאָ איז גוט. ס'האָט אים דערציילט זיינס אַ שוועסטערקינד און די קינדער פון הויף. נאָר אינדערהיים איז דאָך די מאַמע.

נו גוט: ליבעלע פאָרט אַהיים. נאָר ערשט מאָרגן. וואָרן היינט איז שבת און שבת טאָר מען נישט פאָרן.

זונטיק, אָבער, האָט ליבעלע אויך נישט געקאָנט פאָרן. ס'איז נישט געווען קיין פורל. מאָרגן אָבער וועט ער שוין געוויס פאָרן.

צומאָרגנס האָט שוין ליבעלע נישט געוויינט, אָבער אַהיימפאָרן האָט ער ווייטער געוואָלט.

— גוט, נאָך מיטאָג וועסטו פאָרן. וואָס וועט אָבער זיין? די מאַמע וועט דאָך האָבן עגמת־נפש.

—פאַרוואָס וועט די מאַמע האָבן עגמת־נפש?

— ווייל זי וועט מוזן באַצאָלן פאָרן פאָרן.

און גראָד האָט דער טאַטע נישט קיין אַרבעט — דער מייסטער איז אַוועקגעפאָרן, — און די מאַמע איז קראַנק, ווייל ס'איז געבוירן געוואָרן אַ קליין שוועסטערל און דער דאָקטאָר האָט אַ סך געלט צוגענומען.

ליבעלע האָט טיף אָפּגעזיפצט און מסכים געווען צו שפּילן אין דאָמינאָ.

אויפדערנאַכט האָט ליבעלע ווידער אָנגעהויבן אַ ביסל צו וויינען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אויפן וואָקזאַל אין וואַרשע האָט ער געהאַט אַ נייעם קאַפּעליוש, האָט דער טאַטע געוואָלט דעם קאַפּעליוש אַהיימנעמען. ווייזט אויס, אַז דער טאַטע האָט אים פאַרלוירן. און דער קאַפּעליוש האָט געקאָסט אַ גאַנצן האַלבן רובל.

פון גרויס צער האָט לייבעלע געגומען דיקטירן אַ בריוו אַהיים, אַז ער וויינט נישט, אַז ער וויל נישט אַהיימקומען, אַז ער בענקט גאָרנישט, ווייל ער וויל זיין געזונט, און דער טאַטע זאָל זיך נישט מצער זיין. דער עיקר, אָבער, וואָס איז געוואָרן מיטן נייעם קאַפּעליוש?

דער טאַטע האָט געענטפערט, אַז דעם קאַפּעליוש האָט ער נישט פאַרלוירן, און אַז ער וועט אים מיטברענגען אויפן וואָקזאַל.

לייבעלע האָט אַ סך מאָל גענומען דעם בריוו און האָט אים צוריק־געגעבן צו באַהאַלטן; און האָט שוין אינגאַנצן אויפגעהערט צו קלייבן זיך אַהיים, ווייל וואָס אַ טאָג איז אים דאָס דאָרף מער געפעלן.

איינמאָל נאָך האָט לייבעלע געהאַט גרויס עגמת־נפש: ער האָט פאַרלוירן דאָס טיכל פון דער נאָז. ווי אַזוי האָט ער עס נישט געקאָנט פאַרלירן, אַז ער האָט געהאַט אַ פולע קעשענע מיט שישקעס און מיט שטיינדלעך? נאָר דאָס טיכל איז אין גיכן געפונען געוואָרן.

און נאָך אַמאָל איז לייבעלע געווען פאַרזאָרגט, נאָר דאַסמאָל איז ער שוין אַליין שולדיק געווען. ער האָט געפייפט און צוגעקנאַקט מיט די פינגער אויפדערנאַכט אין שלאָפזאַל.

צומאָרגנס, ביים אָנבייסן, ווען מען האָט געפרעגט, ווער ס'האָט נעכטן ביינאַכט געפייפט, האָט זיך לייבעלע גלייך מודה געווען.

— און כ'האָב געקנאַקט מיט די פינגער — האָט ער צוגעגעבן און געוויזן, ווי אַזוי ער האָט עס געטון.

לייבעלע האָט זיך אָפּגעברענט אויף דער זון און ס'איז אים צוגע־קומען גאַנצע דריי פונט; און ווען ער איז סוף כל סוף אַהיימגעפאָרן, האָט ער צוגעזאָגט, אַז איבעראַיאָר וועט ער ווידער קומען און וועט שוין קיין איין מאָל נישט וויינען.

קאַפּיטל פיר

די פעסטונג. — דער פיינקוכן. — דער שטורעם. — די פייערלעשער

דאָרט, וווּ ס'איז דאָ הונדערטאונפופציק יינגלעך, דאָרט מוז זיין אַ מלחמה. און דאָרט, וווּ ס'מוז זיין אַ מלחמה, מוז אויך זיין אַ פעסטונג.

פון דער אַמאָליקער פעסטונג, אויף יענער זייט וואַלד, איז שוין קיין זכר נישט געבליבן, ווייל זי איז געווען נידעריק און קליין.

אַצינד מוז מען אויפשטעלן פיר נייע, זייטיקע פאָרטן, אַ הויכן וואַל פאַר אַ שפּיטאָל, אַן אָרט פאַר געפאַנגענע און אַקאָפּעס פאַרן אַבאָז.

די צוויי הויפּט־וואַלן, וואָס דאַרפן באַשווערן דעם צוגאַנג צו דער פעסטונג, מוזן זיין כאָטש פיר איילן אין דער הייך.

סך־הכל פאַרמאָגן מיר צוועלף לאָפּאַטעס. די, וואָס נעמען זיך גראָבן, וואַרפן־אַראָפּ פון זיך די בלוזעס, פאַרשאַרצן די אַרבל ביז איבערן עלנבויגן און שטעלן זיך אַוועק צו דער אַרבעט.

יעדע צען מינוט ווערן די אַרבעטער געטוישט.

קאַרצאַזש, דער גבור, מיטן עלטערן פּרעסמאַן נעמען זיך צום ערשטן פאָרט; הערצמאַן מיט פּרידנזאָן, פּלאָצקי מיט קאַפּלאַןביים צווייטן פאָרט; גראָזאָווסקי, מרגליות, ראַשער און שידלאָווסקי גראָבן די פעסטונג.

די יינגערע און שוואַכערע בויען די קלענערע פאָרטן.

דער לאָמער ווינרויך, וואָס גייט אויף אַ קוליע, טוט

אַכטונג אויף דעם לינקן טייל פון שטח. ער היט — ב י ע ד א זאָל זיך נישט צעשלאָגן מיט די חברים, וואָרום ביי דער אַרבעט טרעפט עס זיך גאַנץ אָפט.

וועגעלעך האָט אונדז געמאַכט יוזעף: ער האָט צעשניטן אַ ברעט אויף שטיקער, אויסגעבויערט לעבער און אדורכגעצויגן שטריק.

מען זאָל זאָגן, אז עס זענען געווען גאָר שיינע וועגעלעך, דאָס קאָן מען נישט. פאַר דאָס אָבער — שטאַרקע.

אונדזער באַלעבאָסטע, ווידער, די גוטע פרוי פ א פ י ע ז ש, האָט געגעבן עטלעכע קובלעס אויף זאמד.

אַלע שישקעס לייגט מען, דערווייל, אריין אין איין גרוב. שפּעטער וועט מען זיי צעטיילן אויף צוויי חלקים, פאַר בײדע מלחמה־האַלטנדיקע צדדים.

פון דאָרף קומען אָן: דער קליינער יאַשעק מיט זאָשקע און מאַניע מיטן העלן סטאַך. זיי העלפן קלייבן שישקעס.

— איינס, צוויי, איינס, צוויי...

דאָרט ווו די אַרבעט געדויערט צו לאַנג — קומט צו הילף אַ פרישע פּאַרטיע אַרבעטער.

פּלוצלינג — מען טרומייטערט: ס׳האָבן זיך געענדיקט צען מינוט — מען טוישט די אַרבעטער.

אַרומצוקלאַפּן די ערד באַנוצט מען שטיינער. די ריכטונג פון די גריבער, זייער לענג און זייער ברייט דערקענט מען לויט די שטריקלעך, וואָס זענען אָנגעבונדן אויף אַריינגעקלאַפּטע פּלעקלעך אין דער ערד. אַ לאַנג ברעט דינט אויסצוגלייכן די בערגלעך ערד, וואָס ווערן ארויסגעוואָרפן פון די גריבער: מען לייגט אַוועק דאָס ברעט אויף דער פּלאַטשיקער זייט און מען רוקט עס אַזוי — דאָ ארויף, דאָ אַראָפּ; דאָס ברעט שניידט דאָס זאמד, ווי אַ שאַרף מעסער. די רעשט טרעט מען צו מיט די פיס.

די לאָפּאַטעס הייבן זיך וואָס אמאָל גלייכער און פאַלן צוריק אַראָפּ.

— האַלט! — — — אָפּרוען...

מען ברענגט דעם לעצטן טראַנספּאָרט שטיינער, מען שיט אויס אין גרוב אריין און דאָס לעצטע ביסל שישקעס — די אַמוניציע הייסט עס; דערנאָך טוען די יינגלעך צוריק אָן זייערע בלוזעס, זעצן זיך ארום דער פעסטונג און הערן אויס אַ שיינע מעשה פון אַ קליין איטאַליענערל, וועגן וועלכן ס׳איז באַשריבן אין דעם גוט־באַקאַנטן ביכל פון אַ מ י צ י ס.

ס׳רוקט זיך צו די צייט פון עסן. די אַרבעטער שטעלן זיך אויס פּאָרנ־ווייז און מיט די מכשירים אויף די אַקסלען, אונטערן טאַקט פון אַ פריילעכן מאַרש, גייט מען אַהיים נעמען עפּעס אין מויל אַריין.

די דיזשורנעס ברענגען אַרויס אויף דער וועראַנדע האַנטיכער און שיסלען מיט וואַסער צו די הענט.

יעדן, אָן אויסנאַם, שמעקט דאָס אָונט־ברויט.

און קאָן עס דען נישט שמעקן, אַז ס׳איז דאָ פיינקוכן (יאיעטשניצע) מיט קאַרטאָפל.

טייל שטעלן דערוויייל אַוועק דעם פיינקוכן און נעמען זיך צום ערשט צו די באַטעמטע קאַרטאָפל. דעם פיינקוכן לאָזן זיי איבער צום סוף, אויף צימעס.

אַנדערע, וויניקער איבערגערעכנטע, עסן צום ערשט דעם פיינקוכן, דערנאָך די קאַרטאָפל. אַנדערע ווידער האַלטן, און מיט רעכט, אַז צום בעסטן איז אויסצומישן צוזאַמען דעם פיינקוכן מיט די קאַרטאָפל, דע־מאָלט ערשט שמעקן די קאַרטאָפל פּונקט אַזוי, ווי דער פיינקוכן.

יעדער מין עסן האָט זיינע אָנהענגער און זיינע קעגנער. דעריבער האַלט מען זיך אין איין שפּאַרן ביים טיש.

טיילמאָל בעט מען דעם אויפזעער — ער זאָל אויסגלייכן דעם סכסוך. ער איז דאָך אַ מענטש אַן עלטערער, אַ פּראַקטישער, מן־הסתם ווייסט ער דאָך בעסער, ווי אַזוי מען איז זיך נוהג צו עסן פיינקוכן מיט קאַרטאָפל.

טיילמאָל, ווידער, הייבט מען זיך גאָר אָן צו קריגן. און אויב כ׳וויל זיין אינגאַנצן ערלעך, מוז איך מודה זיין, אַז עס טרעפט, אַז עמיצער איבערציייגט זיין קעגנער אין דער ריכטיקייט פון זיינע טענות, מיט די פויסטן.

מאָדנע מנהגים זענען איינגעפירט אויף ־ער קאָלאָניע.

פאַרנאַכט רוקט זיך דערוויל אָן אַ שטורעם. ס׳גיט אַ בליץ — אַ דונער. דער וואַלד ענטפערט מיט אַ בייזן ברום. די שויבן פון די פענצטער ציטערן פון שרעק. דער ווינט פּאַטשט אויף די שויבן מיט דיקע טראָפּנס רעגן.

אייגנטלעך דאַרפן די ייִנגלעך מורא האָבן; אַ שטורעם אין וואַלד איז שרעקלעך. פונדעסטוועגן ווערן זיי גאַנץ רואיק אַנטשלאָפן; זיי ווייסן, אַז אויף דער קאָלאָניע וועט זיי גאָרנישט געשען. אפשר גיט דאָרט אַמאָל עמיצער אַ ציטער, נאָר סוף כל סוף שלאָפן אַלע איין — מיד פון אַ גאַנצן טאָג אַרבעט און פון כסדרדיקן שפּאַרן־זיך, ווי אַזוי מען דאַרף עסן פיינ־קוכן מיט קאַרטאָפל: צוזאַמען צי באַזונדער.

צומאָרגנס האָט די זון ווידער געשיינט. דער רעגן האָט אַביסל אָראָפּ־געוועצט, דערפאַר אָבער פאַרפעסטיקט די וועלן. דאַסמאָל קריגן אויך לאָפּאַטעס די ייִנגסטע קינדער. זיי שטעלן זיך אַרבעטן אונטער דער אויפזיכט פון עלטערע. ק אָ ר צ אַ ז ש , אַ שטייגער, גיט אַכטונג אויפן קליינעם ו ו י ץ , אויף פ ר אָ מ ע ן און אויף פּ י ש ב י ן. פ ר י ד ר נ ז אָ ן גראָבט מיט נ יי מ יי ס ט ע ר ן , וואָס הוסט. עס קומען נאָך צוהילף ר אָ ט ב ע ר ג און ק ו ל י ג .

פון אַ דערבייאיקן דערפל קומט צוגיין אַ מאַמע מיט אַן אויסגע־בלייכט ייִנגעלע אַן עילוי, זי וויל זיך אָן עצה האַלטן מיטן דאָקטאָר וועגן געזונט פון איר קינד. זי האָט געהערט, זאָגט זי, אַז אויף דער קאָלאָניע ווערן שוואַכע קינדער געזונט. קוקט זי און וווּנדערט זיך, ווי אַזוי די ייִנגלעך אַרבעטן, נעבעך, אַזוי שווער ביי דער פעסטונג, און דאָך זענען אַלע לוסטיק, פריילעך.

און פריילעך זענען די קאָלאָניע־קינדער דערפאַר, וואָס זיי שלאָפן אויף שטרוי, וואָס זיי טרינקען מילך, וואָס דער וואַלד שמעקט און די זון שיינט.

נאָך אַ וואָך אַרבעט, ווען אַלץ איז שוין כמעט פאַרטיק געווען, האָט

מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אדורכפירן אַ באַן. יוזעף האָט אונדז געשענקט דעם ערגסטן בעזים און די עלטסטע גראַביע.

דער וועג פון דער באַן, וואָס איז אויסגעלייגט מיט שטיינער און מיט צווייגלעך, ציט זיך אַזש ביז צום שאָסיי.

שיקאַרע איז אַ באַן־וועכטער. ער איז קראַנק אויפן האַרץ און קאָן נישט לויפן. דער לאָקאָמאָטיוו איז צדוק געוויסגאָלד, ווייל ער קאָן פייפן ווי אַן אמתער לאָקאָמאָטיוו.

מען האָט צוזאַמענגעקליבן אַ סך געהילץ. אז ס'איז דאָ אַ סך געהילץ — קאָן דאָך, חלילה, אויסברעכן אַ שרפה. און אז ס'קאָן אויסברעכן אַ שרפה, מוז מען דאָך האָבן פייערלעשער.

אָרגאַניזירט מען פייערלעשער. די מעשענע קאַסקעס מאַכט מען פון די נאָז־טיכלעך.

יעדע אָפּטיילונג קריגט אַ פענדל מיט אַ טרומייט. מיר פאַרמאָגן אויך אַ לייטער, אַ טאַטשקע און שטריק. נאָר אַזוי ווי ס'פעלט אַ גומענע קישקע, וואָס זעט אויס אינגאַנצן ווי אַ שלאַנג — פאַרבייט מען זי מיט אַ לאַנגן, לאַנגן וואָרצל.

פאַן מיעטשיסלאַוו האָט אין פעלד אויסגעמויערט פון שטיינער אַ גרויסן אויוון מיט אַ הויכן קוימען. מען האָט אָנגעטראָגן אַ שפּאָר ביסל האָלץ און מען פּרוווט צו מאַכן אַ שרפה.

פינף אָפּטיילונגען פייערלעשער שטעלן זיך אויס אין פאַרשידענע ערטער. יעדע אָפּטיילונג אונטער אַ בוים. אויפן בוים, ווידער, שטייט די וואַך.

פון קוימען שלאָגט אַ רויך. דאָס טרוקענע האָלץ ברענט. אָט קומט צו לויפן די פראַגער אָפּטיילונג, דערנאָך די נאַלעווקער און פון אַנדערע ערטער.

עס שטעלן זיך אוים די, וואָס טראָגן העקלעך.
אַט פאָרט, געשפאַנט מיט פיר פייערדיקע יונגען, דער ערשטער עמער וואסער.
און די פּאָליציי צעטרייבט, דערווייל, דעם עולם און שרייט:
— נישט געשטופּט זיך... צוריק... וואָס ווילט איר?
פּונקט, ווי ביי אַן אמתער שרפה.

קאַפּיטל פינף

דאָס געריכט פון דער קאָלאָניע. — ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסן. — פּסק־דינים

— לערער, ער שטופּט זיך — ער שיט זאַמד — ער האָט צוגענומען דעם לעפל, ער לאָזט נישט שפּילן — ער שלאָגט זיך — ער שטערט — לערער!

דאָרט, ווו ס'איז דאָ הונדערטאונפופציק יינגלעך, דאָרט מוזן יעדן טאָג פּאַרקומען כאָטש אַ דרייסיק קריגערייען און אַ פינף געשלעגן.

דאָרט, ווידער, ווו מען קריגט זיך און מען שלאָגט זיך, דאָרט מוז זיין אַ געריכט. נאָר ערלעך מוז זיין דאָס געריכט. מען מוז האָבן דערצו צוטרוי.

און אַזאַ געריכט האָבן מיר טאַקע געהאַט אין „מיכאַלוּועק".

ריכטער זענען דאָ דריי: די יינגלעך האָבן זיי אויסגעקליבן צווישן זיך דורך אָפּשטימען. אַלע וואָך שטימט מען אויפסניי. און די אָפּשטימונג זעט אויס אַזוי:

שטימען האָבן באַקומען:

נאָמען פון קאַנדידאַט	אין דער 1 וואָך	אין דער 2 וואָך	אין דער 3 וואָך	אין דער 4 וואָך
פּרעסמאַן	4	13	25	17
פּלאָצקי	—	6	16	17
פרידנזאָן	10	13	21	15
קאַפּלאַן	10	5	10	1
מרגליות	10	—	—	11
גראָזאָווסקי	6	11	—	—

ווי ס׳איז צו זען, האָבן די יינגלעך ערשט אויף דער דריטער וואָך אויסגעקליבן אזעלכע ריכטער, פון וועלכע זיי זענען געווען צופרידן. והראיה: זיי האָבן איבערגעלאָזט די זעלבע ריכטער אויך אויף דער פערטער וואָך.

דאָס געריכט קומט פאָר אין וואַלד, אָדער אויף דער וועראַנדע, די ריכטער זיצן אויף שטולן ביים טיש, די באַשולדיקטע און די עדות — אויף דער צווייטער באַנק און דאָס פובליקום שטייט הינטער דער באַנק. די אָרדענונג היטן דינער.

דער אויפזעער, וואָס איז גלייכצייטיק אי פּראָקוראָר־באַשולדיקער אי אַדוואָקאַט־פאַרטיידיקער, פאַרשרייבט אַלץ אין א דיקן, שוואַרצן העפט.

נאָכן פּראָצעס גייען די ריכטער אויף א באַראַטונג. א קלונג פון גלעקל זאָגט אָן, אַז באַלד וועט מען איבערלייענען דעם פּסק־דין.

* * *

פ י ש ב יי ן האָט געוואָרפן א שטיין אַ ל ש י נ ע ן און געטראָפן אים אין פּוס אריין. אמת, נישט שטאַרק, אָבער אַ ל ש י נ ע האָט געוויינט.

— האָסט געוואָרפן א שטיין אַ ל ש י נ ע ן ?

— ניין.

— מענטשן האָבן דאָך אַליין געזען, ווי אַ ל ש י נ ע האָט זיך צוגעהאַלטן ביים פּוס און געוויינט.

ס׳איז א ליגן. איך האָב נישט געוואָרפן, און אַ ל ש י נ ע האָט נישט געוויינט.

מען הערט אויס די עדות. דאָס געריכט וואָרנט פריער, אַז טאָמער זאָגט ווער ליגנט, וועט ער שטרענג באַשטראָפט ווערן. מען איז שוין געוואָר געוואָרן ווען און ווו דאָס פאַרברעכן איז פאָרגעקומען; מען איז שוין אויך דערגאַנגען די צאָל און די נעמען פון אַלע עדות.

— האָסט געוואָרפן א שטיין?

— ניין.

מען הערט נאָכאַמאָל אוים די עדות און אלע זענען מודה, אַז פ י ש ב י ן האָט אָן א שום סיבה געוואָרפן אין אָ ל ש י נ ע ן שישקעס און קליינע שטיינדלעך.

— האָסט געוואָרפן אין אָ ל ש י נ ע ן שישקעס?

— יאָ, שישקעס האָב איך געוואָרפן.

— פאַר וואָס?

— ווייל כ'האָב געהאַט אַ סך שישקעס און נישט געוווסט, ווו זיי אהינצוטון.

— פאַרוואָס האָסטו זיי נישט אוועקגעוואָרפן?

— ס'איז מיר א שאָד געווען (דאָס פובליקום לאַכט).

— צי זענען צווישן די שישקעס נישט געווען קיין שטיינער?

— כ'ווייס נישט.

דאָס געריכט האָט גענומען אין אַכט די יונגע יאָרן פון פ י ש-ב י ן, און האָט אים פאַרמשפּט נישט מער, ווי אויף צען מינוט קאָזע.

* * *

טיילמאָל האָבן זיך געקלאָגט ביידע צדדים. ווי עס איז צו זען פון ווייטערדיקן פּראָצעס:

דאָס קריגעריי האָט אויסגעבראָכן אינדערפרי, בשעתן אויפבעטן די בעטן.

— ס'איז אַזוי געווען: איך האָב פאַרבעט מיין בעטל, האָט ער מיך א שטופּ געטון, האָב איך אים צוריק אַ שטופּ געטון, איז ער געגאַנגען און האָט מיר געוואָרפן אַ קישעלע; האָב איך געוואָלט אויפהייבן דאָס קישעלע — האָט ער מיר אַ זעץ־געטון.

— נישט אמת! — איך האָב גאָר פאַרבעט מיין בעטל, איז ער געגאַנגען און האָט אַ קאַפּ געטון מיין קישעלע, האָב איך אים אוועקגע־שטופּט — איז ער געגאַנגען און האָט מיר א זעץ־געטון.

— דו, ליגנער, דו!

— ביסט אליין א ליגנער!

— אין געריכט טאָר מען זיך נישט קריגן.

— האָסט געוואָרפן אַ קישעלע?

— ער — פריער.

— ענטפער — יאָ, צי ניין?

— יאָ, אָבער ער — פריער.

— עדות זענען דאָ?

— אַלע האָבן געזען.

— אַלע מיטאַמאָל האָבן נישט געקאָנט זען, זאָג אונדז די נעמען פון צוויי עדות, וואָס זענען געשטאַנען דערביי.

— כ׳ווייס נישט.

— האָסט אים אַ שטופּ געטון?

— ...ווי כ׳בין אַזוי געשטאַנען און אויפגעבעט דאָס בעט.

— מיר ווייסן שוין. ענטפער קורץ — יאָ אָדער ניין?

— ניין.

— דו, ליגנער, דו!

— רואיק — אין געריכט טאָר מען זיך נישט קריגן.

די בעטן פון ביידע צעקריגטע שטייען איינס נעבן ס׳אַנדערע. ווער ווען ס׳האָט פריער אַ שטופּ געטון, גערנווייליק צי נישט־גערנווייליק, קאָן מען נישט פעסטשטעלן, ווייל ס׳פעלן עדות. צי איז נישט גלייכער איבערצובעטן זיך, איידער וואַרטן אויפן פסק־דין, וואָס וועט זיכער ביידע פאַרמשפּטן, אויב זיי וועלן זיך מודה זיין?

אוודאי איז גלייכער איבערצובעטן זיך.

***

און אָט איז אַ פּראָצעס מיט בלוט. דאָ איז די זאַך קלאָר, ווענן איבערבעטן זיך קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין.

דער פּראָטאָקאָל, וואָס דער דאָקטאָר האָט צוזאַמענגעשטעלט, דער־ציילט אַזוי:

„דער באַשולדיקטער פ ל א ש נ ב ע ר ג האָט די רעכטע באַק אַ געשוואָלענע און זיבן סמנים פון צעגראַטשען: איינעם באַ דער נאָז,

איינעם ביים אויער, דריי אויף דער באַק און צוויי אויף דער גאָמבע. אויסער דעם איז ער נאָך צוויי מאָל צעדראָפּעט אויף דער רעכטער האַנט".

„דער באַשולדיקטער ז א ק ס נ ב ע ר ג האָט אַ ברוין־בלויען צייכן אויפן שטערן, גרויס ווי אַ פּירער. די נאָז איז ביי אים צעקרעלט און אויף דער לינקער באַק האָט ער אַ גראַטש — צוויי סענטימעטער די לענג".

ווען די דאָזיקע צוויי באַשולדיקטע האָבן זיך אָנגעהויבן צו שלאָגן, האָט קיינער נישט געזען. נאָר ווי אַזוי דאָס געשלעג איז אַ גאַנצע צייט צוגעגאַנגען, ווענן דעם דערציילן עטלעכע עדות.

ביידע צדדים האָבן זיך שטאַרק געוואָלט איבערבעטן, נאָר אַזוי ווי עס זענען געווען בלוטיקע צייכנס, זענען ביידע אָפּגעזעסן צו צען מינוט אין אַרעסט פון דער קאָלאָניע.

דאָס געריכט פון דער קאָלאָניע באַטראַכט אויך פּראָצעסן, ווי עס טרעט אַרויס אַלס באַשולדיקער דער אויפזעער אַליין.

אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זיצן: פּ ל י וו א ק און ש י ד ל אָ וו ס ק י.

פּ ל י וו א ק און ש י ד ל אָ וו ס ק י זענען אַוועקגעגאַנגען ווייט אין פעלד אַריין. זיי האָבן נישט געהערט, ווי דאָס גלעקל האָט געקלונגען און האָבן פאַרשפּעטיקט צום אָנבייסן.

— צי האָבן זיי דען נישט געוווסט, אַז פון קאָלאָניע־וואַלד טאָר מען אַליין נישט אַרויסגיין? מען קאָן פאַרבלאָנדזשעט ווערן, מען קאָן דערטרינקען ווערן אין טייך, די קי קאָנען שטויסן מיט די הערנער, די הינט קאָנען צעבייסן.

— צי האָבן זיי דען נישט געוווסט, אַז צום אָנבייסן טאָר מען זיך נישט פאַרשפּעטיקן, ווייל נאָכן אָנבייסן דאַרף מען זיך גיין באָדן? און בכלל צוליב וואָס זענען זיי אַרויס פון וואַלד אין דער צייט, ווען זיי האָבן דאָ גענוג אָרט זיך צו שפּילן?

פּ ל י וו אַ ק און ש י ד ל אָ ס ק י זענען געגאַנגען רייסן בלומען.

— חשובע ריכטער! די דאָזיקע צוויי יינגלעך זענען, בלי־ספק, שולדיק. מען טאָר זיך נישט פאַרשפּעטיקן, נישט צום אָנבייסן, נישט צום מיטיק און נישט צום אָוונט־ברויט. הונדערט יינגלעך קאָנען נישט וואַרטן אויף איינעם, אָדער אויף צוויי. מען קאָן נישט אַרומזוכן יעדן באַזונדער און שלעפּן אים פאַר די אויערן צום טיש. אויף דעם איז געמאַכט געוואָרן אַ גלעקל, און דעם קלונג פון גלעקל מוז מען אָפּהיטן. צוליב דעם אַלעמען דאַרף מען די דאָזיקע צוויי באַשטראָפן.

אָבער דאָך... פּ ל י וו אַ ק און ש י ד ל אָ וו ס ק י זענען געגאַנגען רייסן בלומען. אז מען איז אין אַ דאָרף, מעג מען רייסן בלומען. ס'האָט זיי אַזוי דערפרייט, אַז זיי האָבן פאַרגעסן אינגאַנצן אָן עסן. פּ ל י וו אַ ק איז צום ערשטן מאָל אויף דער קאָלאָניע. ש י ד ל אָ וו־ס ק י איז שוין אַפילו געווען אין ציעכאָצינעק, אָבער דאָרט זענען פאַראַן ווייניק בלומען. טאָ אפשר זאָל מען זיי דאָס מאָל מוחל זיין?

נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָבן די ריכטער ביידע באַשולדיקטע פרייגעשפּראָכן.

אַז מען וויל באמת אַביסל אַרומוואַנדערן — איז די בעסטע צייט אויפדערנאַכט, ווען מען ליגט שוין אין די בעטן. מעגלעך, אַז ס'איז אפשר גאָרנישט אַזוי גוט, וואָרן סוף כל סוף ווילט זיך שלאָפן און די אויגן קלעפּן זיך אַליין צו. נאָר פאַר וואָס זאָל מען נישט פּרוּוון, טאַקע צוליב דעם, וואָס מען טאָר נישט?

אויב ס'איז טאַקע אַזוי שטרענג פאַרבאָטן, און איך וועל, למשל, אַ פּייף־טון אָדער אַ געשריי־געבן, אָדער כ'וועל מיאַוטשען, ווי אַ קאַץ, קרייען ווי אַ האָן, וועט זיך דער אויפזעער מן־הסתם בייזערן און אַלע וועלן לאַכן. די שטוב איז דאָך גענוג גרויס. פינצטער איז, בעטן שטייען גאַנצע אַכטאונדרייסיק — פון וואַנען וועט דער אויפזעער וויסן, ווער

ס׳האָט געפּייפט? דערפאַר, אָבער, וועל איך מיך קאָנען מאָרגן באַרימען: „זעט איר שוין, ווי קלוג און דרייסט איך בין... איך האָב נעכטן מער פאַרפירט, ווי אַלע קינדער און דער אויפזועער האָט מיך נישט געכאַפּט״.

אזוי קלערן כסדר די קינדער, ביז זיי איבערצייגן זיך נישט, אַז דער אויפזעער בייזערט זיך קיינמאָל נישט, אַז ער וויל גאָרנישט דערגיין, ווער ס׳האָט געפּייפט. נאָר פאַרפירן אויפדערנאַכט לאָזט ער נישט, ווייל די קינדער מוזן שלאָפן גאַנצע ניין שעה אין מעת־לעת און זעקס אַזייגער אינדערפרי מוזן זיי זיך שוין אויפהייבן — אויסגעשלאָפענע און פריי־לעכע.

נעכטן ביינאַכט איז געווען א גרויס געוויש, היינט שטייט יעדער איינציקער פאַרן געריכט. יעדער איינציקער מוז ענטפערן, צי ער האָט געשריגן, צי געקרייעט, צי געבילט, צי געמיאוטשעט, אָדער געפּאַטשט מיט די הענט.

אַלע דרייען זיך אַרויס. בלויז צוויי האָט דער אויפזועער נעכטן גע־כאַפּט ביי דער האַנט און די דאָזיקע צוויי טאַקע — וו יי ץ און פ ר א ג ע ר, ווערן אָוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק.

— וואָס פאַר א שטראָף זאָל מען זיי געבן, חשובע ריכטער? דער פּסק־דין מוז זיין א שטרענגער. אַזעלכע צוויי יינגלעך, נישט נאָר, וואָס זיי נעמען זיך אַליין אַרויס פון שלאָף, לאָזן זיי נאָך אַנדערע אויך נישט שלאָפן. זייער חטא איז א גרויסער. אויב מען וויל — גאָר א גרויסער. מיט וואָס זאָל מען זיי, אַלזאָ, באַשטראָפן?

נאָר איידער מיר ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, מוזן מיר שטעלן אַן אַנדערע פראַגע און אפשר א וויכטיקערע: צי האָבן נעכטן ביינאַכט פאַרפירט נאָר די צוויי — ד. ה. וו יי ץ און פ ר א ־ ג ע ר? ניין, עס איז געווען נאָך א שפּאָר ביסל.

דער פּראָקוראָר לייגט אוועק אויפן טיש דעם פּלאַן פון שלאָף־זאַל און רעדט זייער פּאַמעלעך:

— דאָס געשריי איז געגאַנגען פון פענצטער, ווו עס שטייען די בעטלעך פון ק אַ פּ לאַ ן, ב י ע ד אַ, פּ לאָ צ ק י און

ש י ד ל אָ ו ו ס ק י. דאָס געשריי האָט מען אויך געהערט פון די מיטלסטע רייען, וווּ עס שלאָפן: ו ו י י נ ר ו י ך, ג ר אָ ז אָ ו ו ס ק י, ס ט ר י ק, פ ר אָ ם און ז אָ ו ו אָ ז ש נ י ק.

דעסגלייכן האָט מען געשריגן אין דער ערשטער רייע ביים פענצטער, וווּ עס ליגן לויטן פּלאַן, וואָס איך ווייז אייך דאָ: פּ ל אַ ש נ ב ע ר ג, פּ י ש ב י ן, ר אָ ט ק ע ל און פּ ל י ו ו אַ ק.

מען האָט געלאַכט און געפּאַטשט מיט די הענט, וווּ עס שטייען די בעטן פון: אַ ל ט מ אַ ן, ל ע ו ו, ו ואָ ל ב ע ר ג און אַ ד אַ מ־ ס ק י. און נאָר צום סוף האָט עמיצער אַ פייף־געטון פון יענעם ווינקל, וווּ עס שלאָפן: נ יי מ יי ס ט ע ר, ז אַ ק ס ע נ ב ע ר ג און פ ר ע ס מ אַ ן.

מיר האָבן אַלעמען אויסגעפרעגט, נאָר קיינער וויל זיך נישט מודה זיין.

דאָ איז דער פּראָקוראָר אַנטשוויגן געוואָרן. אַ סך פון פּובליקום האָבן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ס׳איז אפילו רויט געוואָרן איינער פון די ריכטער, בשעת ער האָט געהערט אויסרופן זיין נאָמען.

— פאַרוואָס האָט מען גראָד געכאַפּט ו ו יי צ ן מיט פּ ר אַ־ ג ע ר ן? ווייל זיי האָבן זיך נישט געקאָנט באַהאַלטן.

פאַרוואָס האָבן זיך נאָר די צוויי נישט געקאָנט באַהאַלטן, אין דער צייט וואָס אַנדערע איז זיך יאָ געלונגען צו באַהאַלטן? ווייל ו יי ץ און פּ ר אַ ג ע ר זענען נישט קיין לאָבוסעס, אָדער ווייל זיי זענען נאָך צו קליינע לאָבוסעס, אָדער נאָר, ווייל זיי האָבן, אפשר, נישט געוווּסט, אַז מען טאָר נישט אויפדערנאָכט אַזוי הויך שרייען אין דער שלאָף־שטוב.

צי האָבן מיר דאָס רעכט צו באַשטראָפן נאָר די דאָזיקע צוויי, וואָס זענען כמעט נישט שולדיק, אין דער צייט, וואָס אַנדערע, באמת שולדיקע, נאָר קליגערע, און נאָר שולדיקע, ד. ה. אַזעלכע, וואָס לייקענען פאַרן געריכט — זאָלן בלייבן אָן אַ שטראָף?

אַלע זענען שולדיק, אַלע אַכטאונדרייסיק יינגלעך, אפילו די, וואָס האָבן געהערט שרייען און נישט געהייסן אויפהערן.

איך לייג דעריבער פאָר, חשובע ריכטער, מען זאָל וו יי צ ן מיט פּ ר אַ ג ע ר ן פרייזשפּרעכן און אַלע איבעריקע פאראורטיילן: ד. ה. ג ר אָ ז אָ וו ס ק י זאָל היינט ביינאַכט נישט שפּילן אויפן פידל.

דאָס געריכט האָט זיך לאַנג בעראַטן און ארויסגעגעבן אַזאַ אורטייל:

— וו יי ץ און פּ ר אַ ג ע ר ווערן פרייגעשפּראָכן. ג ר אָ - ז אָ וו ס ק י זאָל היינט יאָ שפּילן, ווייל מער וועט זיך דאָס פּאַרפירן אויפדערנאַכט שוין נישט איבערחזרן.

און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט.

קאַפּיטל זעקס

אַ פּרימאָרגן. — גוטע און שלעכטע וואַסער־קראַנען. — דאָס אויפבעטן די בעטן. — רייפּטלעך פון ברויט

טיילמאָל פלעגט טרעפן, אַז עפּעס אַן אויסערגעוויינלעך געשעעניש זאָל מיטאַמאָל אויפוועקן די גאַנצע שטוב.

אַ שטייגער, אַ פויגל זאָל זיך אַריינכאַפּן דורכן אָפענעם פענצטער, אָדער אַ פעלד־מייזל זאָל פאַרבלאָנדזשען. ווער קאָן דאָס שלאָפן ביי אַזאַ געוואַלטיק געשעעניש?

אַלץ, וואָס לעבט שפּרינגט אַראָפּ פון די בעטן, קריכט אַרויף אויף די פענצטער, און ס׳הייבט זיך אָן אַ גערעג. אַזאַ מעשה, אָבער, טרעפט זייער זעלטן.

דער סדר איז, אַז אַ פערטל שעה פאַר זעקס הייבט זיך אָן עפּעס שטיל צו רודערן — אַ סימן, אַז חברה וועקט זיך שוין. און אויב דער אויפזעער גיט אַ קוק אַריין אין שלאָף־זאַל דורך זיין פענצטערל, מעג ער אַפילו נישט האָבן קיין זייגער, ווייסט ער שוין, אַז מען דאַרף זיך אויפהייבן.

אין אַ ווינקל האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן עטלעכע עלטערע יינגלעך און רעדן מיט היץ וועגן דעם צעטל, וואָס הענגט אויף דער וואַנט מיטן סדר־היום: ד. ה. ווער ס׳דאַרף היינט זיין דיזשורנע, ווער ס׳דאַרף, נאָכן אָנבייסן, קומען אויף אַן איבערבונד, וואָרן ביים פּאַלאַנט האָט ער זיך אַ פּוס צעקלאַפּט.

ווייטער שטייט אויסגערעכנט: באָדן זיך, א שפּאַציר אין אָלשינע־זועלדל אריין און שרייבן בריוו אהיים.

עמיצער באַטראַכט דורכן פענצטער די בלומען: צי זענען זיי דורך דער נאַכט אויפגעוואַקסן. אַן אַנדערער, זיצנדיק אויפן בעט, קלאַפּט אַ שטיין אָן אַ שטיין און וואונדערט זיך, פאַרוואָס עס שפּריצן נישט קיין פונקען. דער שכן זיינער גיט אים צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי.

עטלעכע יינגלעך יאָגן זיך אַרום צווישן די בעטן און באַמיען זיך צו מאַכן עס זייער שטיל.

פּלוצלינג גיט עמיצער אַ געשריי: „דער לערער קומט!" — און אַלע גיבן זיך אַ רוק אין די בעטן.

אינדערפרי טאָר מען אויך נישט פאַרפירן, אָבער ס׳איז נישט אַזוי שטרענג, ווי אויפדערנאַכט. וואָרן סיי ווי סיי דאַרף מען שוין באַלד אויפשטיין.

אַ סך האָבן שוין אונטער די קאָלדרעס אַראָפּגעלאָזט די העמדער ביז צום גאַרטל — זיי זאָלן ביים ערשטן רוף — קאָנען געבן אַ שפּרונג אַרויס און זיין די ערשטע ביים וואַסער־קראַן.

צום וואַשן זיך זענען דאָ צען קראַנען. די בעסטע זענען די מיטלסטע. פון די לעצטע צוויי רינט דאָס וואַסער מיט זייער אַ קליין שטראַמל, און פון די ערשטע צוויי גייט עס ווידער צו שטאַרק און ס׳שפּריצט. און דאָס וואַסער איז קאַלט, ברונעם־וואַסער.

— ערשטע רייע — שטיי־אויף!

נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל זיך פוילן. אַלע לויפן, טופּענדיק מיט די באָרוויסע פיס. טיילמאָל גיט זיך עמיצער אַ גליטש־אויס אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע פון וואַש־צימער. אַלע גיבן אַ לאָז אַרויס אַ געלעכטער און דער געפאַלענער אַליין לאַכט אויך.

— לערער, ער האָט צוגענומען די זייף.

— ווילסט אים אָנקלאָגן אין געריכט?

— ניין.

מען איילט זיך, וואָרן די צווייטע רייע וואַרט דאָרט מיט אומגע־דולד און פאַרן אָנבייסן איז נאָך דאָ אַזוי פיל צו טון.

— צווייטע רייע — שטיי־אויף!

מען האַלט זיך אין איין איילן, וואָרן יוזעף האָט נישט ליב, אַז מען פאַרנוצט אַ סך וואַסער, און מיט אים דאַרף מען לעבן בשלום: ער באַרגט אַמאָל אויס אַ בעזים, אַמאָל די גראַביע.

— דריטע רייע — שטיי־אויף! — דעם קאָפּ, דעם האַלדז, די אויערן, די נאָז — און די אויגן. ווער ס'וועט זיך נישט גוט אָפּוואַשן — דער וועט מוזן נאָכאַמאָל צוריקגיין צום קראַן.

די דריטע רייע לויפט צו די קראַנען, די צווייטע ווישט זיך אָפּ און טוט זיך אָן, און די ערשטע פאַרבעט שוין די בעטן.

— נישט אַזוי גרינג, אָבער, קומט אָן דאָס אויפבעטן די בעטן. מען דאַרף אָפּשאָקלען דאָס ליילעך, אויפרודערן דעם שעניק, גלייך־לייגן די קאָלדרע, אַרויפלייגן זייער לייכט דאָס קישעלע פון אויבן און ס'האַנטעך אויפהענגען גלאַטיק אויפן קאָפּשטיק. יעדער באַמיט זיך צו מאַכן עס וואָס שנעלער — ער זאָל קאָנען נאָכדעם פרעגן:

— לערער, און מיינס איז גוט?

די יינגערע העלפט־אונטער דער דיזשורנע. בלויז איין קליינער, אַ ד אַ מ ס ק י לאָזט זיך נישט צוהעלפן — און דערפאַר ווערט ער טאַקע דיזשורנע איבער די האַנטעכער.

און אַזוי פירט זיך עס שוין, אַז אויך דאָ, ביים אויפבעטן די בעטן, מוז איינער דעם אַנדערן אַ שטופּ טון, אָדער אַ זעץ געבן אין קאַרק אַריין, פונקט ווי ביים וואַשן זיך.

— לערער, ער שלאָגט זיך.

— ווילסט אים אָנקלאָגן אין געריכט?

— ניין.

— טאָ, גיי־זשע געזונטערהייט אַרויס אויף דער וועראַנדע.

אינדערפרי זענען אַלע גוט־אויפגעלייגט, דערפאַר איז איינער דעם אַנדערן גערן מוחל.

יונגע קינדער, ער בייזערט זיך נישט אויף זיי.

מען קלינגט.

נאָר אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס אַ ברויט האָט נישט מער, ווי דער געשמאַקסטער ביסן פון ברויט איז דאָס רייפטל. דערפאַר — לערער, היינט קריג איך דער ערשטער דאָס רייפטל.

קריגט עס יעדן טאָג אַן אַנדערער.

צוויי רייפטלעך.

די יינגלעך זעצן זיך אוים ביי די טישן און די דיזשורנעם טיילן אַרום מילך.

קאַפּיטל זיבן

די קוויטשערס — אַ נאַרישער מענטש. — חלומות וועגן אַ פּיש־כאַפּערל און וועגן אַ פּאַלאַנט

גיין מיר אַלע איצט זיך באָדן,
קומען פרייליך צריק אַן שאָדן.
איבערחזרן { רעכטער, לינקער,
ווייטער, פלינקער
גיין מיר אַלע גלייך.

אזוי זינגען די יינגלעך, גייענדיק פאַרנווייז דורכן פעלד, פאַרביי דעם פריצישן הויף, ביז זיי קומען אַרוים אויף דער לאָנקע, נעבן דער מיל, צום טייך צו.

לעבן זאָלן וואסער, זייף —
ס׳מאכט די גלידער פריש און שטייף.
איבערחזרן { ס׳שיינט אַ זונדל,
ס׳בלאָזט קיין ווינטל,
ס׳איז שוין צייט צום טייך!

די גרויסע, גוטע זון פון פּוילישן דאָרף קוקט אַראָפּ אויף דעם לאַנגן שנור קינדער מיט אַ מילדן שמייכל. זי הערט זיך איין אין זייער געזאַנג און נישט פרעגנדיק ווער זיי זענען און פון וואַנען זיי קומען — גלעט זי און רויטלט מיט אירע גאָלדענע שטראַלן זייערע בלאַסע, אויסגעמאַ־גערטע פּנימלעך.

שרעקט נישט פאַר דעם קאַלטן וואסער,

ווער ס'איז יונג — מוז זיין א שפּאַסער.
ווי דאָס פישל
גיך און גלאַטיק — } איבערהזרן
בוך אין וואַסער, בוך.

איר ווייסט דען, וואָס הייסט איינמאָל באָדן זיך? דאָס זענען טויזנטער געלעכטערס און טויזנט וווּנדער אויף איינמאָל. דאָס זענען הונדערט וווּנדערלעכע בילדער און כאַטש א צען אויסערגעווענלעכע געשעענישן.

— אַ, אַ, אַ, לערער, וואָס איז דאָס?

— בא, עפּעס א קלייניקייט: א הון מיט קליינע הינדעלעך. ווער ס'איז נאָך נישט געווען אין קיין דאָרף, דער זעט עס צום ערשטן מאָל.

— אָך, וואָס פאַרא גליק וואָלט עס געווען, ווען מען קאָן אזוי כאַפּן אזא קליין, געל הינדעלע און האַלטן עס א ווײַלע אין דער האַנט.

נאָר דער אויפזעער לאָזט נישט. דער דאָזיקער שלעכטער, לאַנגווייליקער אויפזעער.

באַקוקט מען עס כאָטש פון דער נאָענט.

און אז מען באַקוקט און מען איז פאַרנומען, געדענקט מען נישט — צי מען גייט אין דער פּאָר, צי נישט.

— לערער, ער גייט נישט צו דער פּאָר.

— ווילסט אים אָנקלאָגן אין געריכט?

— ניין.

מיר גייען ווייטער.

— לערער, וואָס איז דאָס?

— בא, ווידער אן אויסטערליש וווּנדער: א נעסט פון א בושעל. דער באַלעבאָס אליין, בכבודו ובעצמו — דער בושעל, הייסט עס, שטייט און קוקט.

אזא גרויסן פויגל האָבן די קינדער נאָך קיינמאָל נישט געזען. ר'איז דאָך גרעסער פון אן אינדיק.

— דאָס איז גאָר קיין פויגל נישט, דאָס איז אַ לופט־באַלאָן — גיט עמיצער צו פאַרשטיין.

אין מיטן דערינען — נאָדיר גאָר שרעק:

אויף אַ שמאָל וועגל טרעפן מיר זיך מיט קי. מיר באַגעגענען זיי דאָ אַלע טאָג.

די קי שטעלן זיך אָפּ און קוקן מיט גרויס נייגיר אויף די ווייסע בלוזעס, און אויף די לייוונטענע היטעלעך, וואָס די קינדער טראָגן.

טייל קי דרייען־אויס די קעפּ און קוקן פון אַ זייט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זאָגן:

— אָט די דאָזיקע קליינע מענטשעלעך מוזן פונדעסטוועגן זיין אַ ווילע חברה. אַ שאָד, וואָס זיי גייען אויף צוויי פיס. ס׳מוז זיין שרעקלעך נישט באַקוועם.

דאָ זעען די קינדער צום ערשטן מאָל אַן אַקער־אייזן. דאָ זעען זיי, ווי מען מעלקט די קי. דאָ האָבן זיי געזען איינס פון די שענסטע זאכן אויף דער וועלט — אַ יונג פערדל — אַ זשרעבאַק.

דאָס קליינע פערדל גייט נעבן דער בריטשקע; און אויף דער בריטשקע זיצט איינער אין אַ היטל מיט אַ קריינדל און נעבן אים דער פורמאַן.

עטלעכע ייִנגלעך זענען נאָכגעלאָפן נאָך דער בריטשקע.

און פאַרוואָס זאָלן זיי נישט נאָכלויפן? איז דען דאָס זשרעבאַקל נישט טויזנט מאָל שענער, ווי די קי, מיטן בושעל צוזאַמען.

— מיט דער בייטש, מיט דער בייטש גיב זיי דאָרט! — האָט דער, וואָס אין היטל מיטן קריינדל, אַ זאָג־געטון צום פורמאַן.

די קינדער זענען שטיין געבליבן פאַרוווּנדערט. אַלע זענען זיי געוואָרן שטיל, טרויעריק ,אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך אָן עפּעס דערמאָנט.

— דאָס קליינע פערדל, וואָס האָט אייך אַזוי דערפרייט — איז אַ זון פון גרויסע פערד — גיט צו פאַרשטיין דער אויפזעער, — און דער פאַרשוין, וואָס האָט אייך געהייסן שלאָגן מיט דער בייטש, איז זייער נישט קיין קלוגער מענטש.

דער הער, וואָס אין היטל מיטן קריינדל איז רויט געוואָרן און גאָר נישט געענטפערט.

מיר גייען ווייטער.

דאָ, אויף דער רעכטער זייט וועג, ציט זיך אַ ראָוו, אין וועלכן עס וואַקסן „פאַרגעס־מיך־נישט״־בלימעלעך.

איינמאָל איז פּ ל אָ ק ש ט ר ו מ פּ , רייסנדיק בלומען, אַריינגעפאַלן אין א בלאָטע איבער די קני — און אַהיימגעקומען אַן אויסגעשמירטער, אַ נאַסער און אַ בייזער.

ביים טייך, ווידער, וואַקסן קוויטשערס (טאַטראַק), אויף וועלכע מען קאָן אַזוי שיין פּישטשען. אין ווארשע מוז מען די קוויטשערס ערשט קויפן אויפן מאַרק, און דאָ וואַקסן זיי זיך אַזוי הפקר. קיינער היט זיי נישט.

אויף אַ בערגל, נישט ווייט פון וואַסער, צעטיילן זיך די פאָרן און שטעלן זיך אוים אין צוויי רייען, מען זאָל קאָנען לייכטער געפינען דאָס אָנטון נאָכן אָפּבאָדן־זיך.

— אָ, פּישעלעך, זעטס נאָר, פּישעלעך!

עפּעס זענען זיי אַזוי קליין, פּונקט ווי די שוועבעלעך — און דאָך לעבן זיי און דרייען זיך אַט־אַ ביים סאַמע ברעג. כאַפּן. אָבער, קאָן מען זיי נישט. נישט מיט דער האַנט, נישט מיטן היטל און אפילו נישט מיט דער נעץ, וואָס מען האָט געמאַכט פון אַ נאָז־טיכל.

— אָ, אָ, אָ, — און דאָ — און דאָ.

פאַרוואָס זאָל דער אויפזעער נישט אַריינקריכן אין וואַסער און נישט פּרוון כאַפּן איינס? אויף אים וואָלט זיך דאָך קיינער נישט גע־בייזערט. אים היט דאָך נישט קיינער. ער מעג דאָך אַלץ. אָט שטייט ער, קוקט — און גאָרנישט.

אַך, ווען מען האָט אַזוי אונטער דער האַנט אַ פּישכאַפּערל!..

יאַנעק פון דאָרף האָט אפילו אַ האַטשיק — וויל ער, אָבער, פאַר אים אַ גאַנצן צווייער. פּ ר אָ ם האָט האָר פון אַ פערדישן עק, און

שטעקעלעך זענען דאָך דאָ לרוב אויף יעדןביימל. וואָס קומט, אָבער, ארויס, אַז דער אויפזועער וויל נישט געבן דעם צווייער?

פון גרוים עגמת נפש לאָזט מען אויפן וואסער קליינע שיפעלעך פון קאָרע.

די בעסטע שיפעלעך מאַכט וואַלבערג. ער אַרבעט עס מיט א שטיקל גלאָז, אָדער מיט א מעסערל.

צוערשט באָדן זיך די גרויסע שטיפערס. זיי זיצן אין וואסער, וויפל עס לאָזט זיך נאָר. שפּריצן, באַגיסן זיך, פּרובירן זיך איינער מיטן אנדערן, שטעלן־אונטער א פוס און דרייען זיך איבער — אָדער מען גיט זיך א טיק־אונטער און מען ליגט אונטערן וואסער כמעט אזוי לאַנג, ווי יאַנעק און אנדערע שקצימלעך פון דאָרף.

ווער ס׳גייט נישט ארויס צו דער צייט פון וואסער, דער קריגט שפּעטער ביים דורכגאַנג מיטן האַנטעך איבער דער פּלייצע. אנטלויפט מען טאַקע הענדום פּענדום און וועמען עס גלוסט — גיט ער זיך אַר־מישנע א וואָרף אַנידער: ער זאָל קאָנען נאָכאמאָל אריינגיין „אויף א רגעלע״ אָפּשווענקען דאָס זאַמד.

נאָך די שטיפערס באָדן זיך די רואיקערע. און גאָר צום סוף — ווײַנרױך, דער קליינער אדאַמסקי און די, וואָס הוסטן ביינאַכט.

נאָכן באָדן־זיך גייט מען אריבער איבער א בריקל, אָן אַן אָנלען, — אויף יענער זייט טייך.

תמיד מוז עמיצער געבן א טאַנץ אויפן ברעט און דעמאָלט נעמט־אָן א שרעק דורכצוגיין.

אויף דער צווייטער זייט טייך ציט זיך דאָס פעלד אזוי ווייט, אַז מען קאָן עס קוים מיטן אויג דערזען. רעכטס ציט עס זיך צו די זומפּן, וו עס וואקסן אזעלכע הערלעכע בלאָטע־בלומען; לינקס — ווייט, ווייט צו די וועלדער, וואָס זעען אויס פון דערווייטנס, ווי א טונקעלע וואַנט.

דאָ קאָן מען שפּילן נישט נאָר אין איין פֿאַלאַנט, נאָר אין טויזנטער פֿאַלאַנטן. דאָ קאָן מען אַרומלויפֿן נישט איין שעה, נאָר גאַנצע טויזנט שעה.

דו, קיילעכדיק, קליין פּילקעלע — ס'וואַר, אַז דו האָסט ליב די קינדער? אָ, די קינדער האָבן אָבער דיך אויך ליב.

קאַפּיטל אַכט

אהרן ניימייסטער. — העמדער אויסצוואַקסן און אַ מעשה מיט אַ שלעכטן קייסער

פאַר אין־ברירה קאָן יעדער פון די קינדער דערציילן אַ מעשה. קיינער, אָבער. קאָן נישט אַזוי שיין דערציילן, און קיינער געדענקט נישט אַזוי פיל טרויעריקע און שרעקלעכע מעשיות, ווי אהרן ניימייסטער.

ניימייסטערס טאַטע איז געשטאָרבן מיט דריי יאָר צוריק. די מאַמע אַרבעט אין אַ פאַבריק פון פּאַפּיראָסן. אַ גאַנצן טאָג איז זי נישטאָ אינ־דערהיים. דאָס קינד קאָן זיך אין פאַלאַנט נישט שפּילן, און לויפן טאָר ער אויך נישט, וואָרן באַלד הייבט ער אָן צו הוסטן.

זיצט ער אויפן הויף, אויף דער וואָלינסקע גאַס, און הערט אויס מעשיות, אָדער ער דערציילט אַליין.

דעריבער טאַקע הערט מען אין „מיכאַלוּוועק" צום גערנסטן די מעשיות פון אהרן ניימייסטער.

ס'מאַכט זיך אַמאָל, — מען דאַרף קירצן די אַרבל פון די העמדער, ווייל זיי זענען צו לאַנג. און אונדזער באַלעבאָסטע וועט ערשט האָבן צייט נאָכמיטאָג.

וואַרט מען נישט. צו וואָס וואַרטן, אַז אונדזער גרופּע פאַרמאָגט גאַנצע דריי שניידערס: איינער העלפט צו דעם טאַטן דעם שניידער אין וואַרשע, אַ צווייטער נייט קראַוואַטן מיט אַ שוועסטער און אַ דריטער קאָן צונייען קלאַמערס צו פּאַסקעס און צו הויזן־טרעגער (שעלקעס).

קירצן אַ פּאָר אַרבל ביי אַ העמד איז ביי זיי איינע פון די קלענסטע זאַכן. גייט מען אין וואַלד אַריין און מען נעמט מיט נאָדל מיט פּאָדים.

— אהרן שווייגט אַ ווײַלע. ער וואַרט ביז אַלע וועלן זיך אויסזעצן און שטיל ווערן. די שניידערס נעמען זיך צו דער אַרבעט און אין דער שטילקייט פון וואַלד שפּינט זיך אַ מעשה נאָך אַ מעשה.

— אַזוי — הייבט ניימייסטער אָן מיט אַ ניגון:

„אַמאָל איז געווען אַ קייסער, האָט ער געהאַט זיבן זין און זיבן טעכטער. האָט דער קייסער זייער ליב געהאַט זיינע קינדער. ער פלעגט קויפן פאַר זיי פּילקעלעך, און לעקעכלעך, און צוקערלעך און ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

און יעדער פון די זיבן זין האָט געהאַט אַ זייגערל מיט אַ שווערד — אויסגעזעצט מיט בריליאַנטן; און יעדע פון די טעכטער האָט געהאַט קליידער געשטיקט מיט גאָלד און מיט דימענטן.

איינמאָל קומט צוגיין צום קייסער אַ גרויסער תנא, וואָס האָט גע־קאָנט אויסנווייניק די הייליקע תורה פון אָנהייב ביזן סוף און פון סוף ביזן אָנהייב; און טאָמער האָט עמיצער אַריינגעלייגט אַ נאָדל אין דער גמרא אַריין — האָט ער שוין געוווסט, וואָס עס שטייט אויף דעם דאָזיקן בלאַט פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף.

און געשיקט האָבן דעם דאָזיקן תנא צום קייסער, די יידן. וואָרן גע־הערט האָבן זיי, אַז דער קייסער האָט זייער ליב קינדער, האָבן זיי געמיינט, אַז ער וועט אויך גוט זיין צו זיי, און זיי האָבן זיך געוואָלט באַזעצן אין זיין מדינה.

האָט דער קייסער אויסגעהערט דעם תנא און איינגעוויליקט — די יידן זאָלן זיך באַזעצן אין זיין מדינה.

איז אָבער דער קייסער געווען אַ גרויסער רשע און האָט שטאַרק ליב געהאַט געלט. האָט ער זיך געהייסן צאָלן גרויסן צינז, וואָרן יעדער פון זיינע זיבן זין האָט געהאַט זיבן מאָל זיבן קנעכט און יעדער פון די קנעכט האָט נאָך געהאַט אונטער זיך אַ סך קליינע קנעכטעלעך און יעדע פון די זיבן טעכטער האָט געהאַט זיבן מאָל זיבן דינסטן און טאָג איין,

טאָג אוים האָט דער קייסער געשיקט אויפן מאַרק גאַנצע פּעסער מיט גאָלד — אויפצוקויפן עסנוואַרג פאַרן הויף.

און מיט יעדן טאָג האָט דער קייסער באַפוילן — די יידן זאָלן אים ברענגען וואָס מער געלט. די, וואָס האָבן זיינע באַפעלן נישט גע־האָרכט, האָט ער געהייסן הרגענען; די רייכע, ווידער, האָט ער אריינ־געוואָרפן אין תפיסה און זייער פאַרמעגן צוגענומען; ס'איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז די יידן זענען, נעבעך, אזוי אָרים געוואָרן, אז מער ווי ברויט מיט ציבעלעס האָבן זיי נישט געהאט צו עסן — אזוי אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך און אזוי שבת.

און אַז ס'איז שוין גאָרנישט געווען. וואָס צו נעמען, האָט דער קייסער געלאָזט רופן צו זיך דעם גרויסן תנא און געזאָגט, אַז אים וועט ער אויך הייסן הרגענען.

האָט דער תנא געבעטן, מען זאָל אים געבן דריי טעג מיט דריי נעכט אויף תשובה צו טון, און מען זאָל אים פאַרן טויט לאָזן טון דריי זאַכן. האָט דער קייסער איינגעוויליקט.

און דריי טעג מיט דריי נעכט האָט דער תנא געפאַסט און געזעסן איז ער יום ולילה און געלערנט. און אַז ס'איז געקומען דער דריטער טאָג, האָט ער אזוי געזאָגט:

ס'ערשטע — זאָל מען אים געבן אַ האָן, וואָס זאָל האָבן אין די פליגלען ווייסע מיט שוואַרצע פעדערן; צווייטנס — זאָל מען אים לאָזן אַרויסרייסן פון די פליגלען זיבן שוואַרצע פעדערן, און דריטנס — זאָל מען אים לאָזן אַרויסרייסן זיבן ווייסע פעדערן.

איז דער קייסער אַליין געקומען צו גיין, וואָרן ער איז געווען זייער נייגעריק צו ווּיסן, וואָס דער גרויסער תנא וועט טון פאַרן טויט.

און פאַרן טויער האָבן. דערווייל, געוואַרט אַלע יידן — זיי זאָלן קאָנען צונעמען דעם גוף פון הייליקן תנא און מקבר זיין אויפן בית־עולם.

און געגומען האָט דער צדיק דעם האָן אין דער האַנט, און זאָגנדיק:



א תפילה, האָט ער אויסגעריסן די ערשטע שווארצע פעדער. איז באַלד אַריינגעקומען א קנעכט פון קייסער און מודיע געווען, אז זיין עלטסטער זון לעבט נישט.

האָט דער תנא אויסגעריסן די ערשטע ווייסע פעדער, איז אַריין א דינסט און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט, אז דעם קייסערס עלטסטע טאָכטער איז געשטאָרבן.

און נאָך פינף מאָל האָט דער צדיק אויסגעריסן פינף שווארצע און פינף ווייסע פעדערן, און יעדעס מאָל איז אַריינגעקומען אַן אנדער קנעכט מיט א פינצטערער בשורה.

האָט דער קייסער פאַרשטאַנען, אז גאָטס משפט האָט זיך אויף אים אויסגעגאָסן, האָט ער טיף אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך צעוויינט:

— הייליקער צדיק — האָט ער געזאָגט — האָב אויף מיר רחמנות און לאָז מיר איבער מיינע צוויי לעצטע קינדער — איך שענק דאָס לעבן ד י ר און אַלע דיינע ברידער.

האָט דער תנא רחמנות געקריגן אויפן קייסער און איבערגעלאָזט אים זיינע יינגסטע צוויי קינדער. — און פון דעמאָלט אָן איז דער קייסער געוואָרן גוט און רחמנותדיק צו אַלע יידן."

די העמדער זענען פאַרטיק, די מעשה געענדיקט — און מיר גייען אַהיים עסן מיטאָג.

קאַפּיטל ניין

דער מיטאָג. — דער שענסטער גאָפּל. — בלעטער, וואָס בייסן. — אַ גאָרטן אויף וואַטע

אויף דער גאַנצער גרויסער וועלט פירט זיך, אַז מען זעצט זיך אוועק צום מיטאָג, ליגן שוין גאָפּל־מעסער אויפן טיש. אין „מיכאַלוועק" איז אַביסעלע אַנדערש. און דאָס איז נישט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין — ס'האָט גאַנץ טיפע סיבות:

אין „מיכאַלוועק" זענען פאַראַן נייע און אַלטע לעפל — ד"ה גאָר שלעכטע, געפּלאַצטע, פון בלויען בלעך, און גאָר גוטע — דיקע, צינענע.

דער עיקר אָבער זענען די גאָפּלען. פאַראַן גאָפּלען שיינע, נייע מיט אייזערנע הענטלעך, און פאַראַן — עלטערע, ווו די שפּיצן זענען שוין אויסגעבויגן, אָדער ווו איין שפּיץ איז קירצער, ווי דער אַנדערער.

דער שענסטער גאָפּל אָבער אויף דער גאַנצער קאָלאָניע, און אפשר גאָר אויף דער גאַנצער וועלט, איז דער גאָפּל מיט די פיר גלייכע שפּיצן און מיטן ווייסן ביינערנעם הענטל.

נו, איז דען אַ וווּנדער, וואָס ב י ע ד אַ האָט צוגענומען ביי ר אַ ש ע ר ן דעם בעסערן לעפל און ר אַ ש ע ר ווי ד ע ר האָט אויסגעטוישט ביים שכן זיין געמיינעם גאָפּל אויף אַן אייזערנעם? טאָ וואָס איז דער חידוש, אַז דער באַוּלהטער פאָדערט צוריק זיין אייגנ־טום, — און אַז מען הייבט זיך אָן קריגן, קלאָגן־זיך, און אַז אין דעם דאָזיקן גערודער קאָנען אמאָל געבן אַ פלי־אַראָפּ אַלע מכשירים פון טיש מיט דער זופּ, און מען קאָן זיך גאָר אָנהייבן שלאָגן אויך?

מען מוז דאָך איינמאָל פאַר אַלעמאָל געדענקען, אַז אויף דער ווע־ראַנדע, ביי יעדן פון די פיר טישן — זיצן צו 38 יינגלעך און יעדעס יינגל האָט צוויי הענט, מיט וועלכע ער שיצט זיין אייגנטום.

דעריבער איז אין „מיכאַלווקע" אַ מנהג — אוועקצולייגן גאָפּל־מעסער ערשט דאַן, ווען אַלע זיצן שוין ביים טיש.

— היינט וועלן מיר קריגן שיינע גאָפּלען — אַזוי רופן די קינדער, ווייל מיט די גאָפּלען איז איינגעפירט, אַזוי ווי מיט די רייפטלעך ברויט — יעדן טאָג באַקומט אַן אַנדערער דעם גאָפּל.

אויב ווער פון אייך מיינט, אַז דאָס מיטאָג אויף דער קאָלאָניע איז זיך אַזאַ שטיל, לאַנגווייליק־אָרנטלעך מיטאָג, אַ שטייגער ווי אין וואַר־שע, — האָט ער אַ גרויסן טעות.

— לערער, צי איז טאַקע אמת, אַז אַ פונט בליי וועגט אַזויפיל, ווי אַ פונט פעדערן?

— אמת.

— זעסטו שוין, כ'האָב דיר געזאָגט!

דאָ, ביים מיטאָג, ווערן באַטראַכט די וויכטיקסטע פראַגן פון פאַר־לאָפענעם האַלבן טאָג. דאָ בעטן־זיך איבער צעקריגטע און ס'צעקריגן זיך גוטע־פריינט.

— צי איז אמת, אַז אויף דער סאָסנע, וווּ ס'איז נעכטן אַרויפגעפאַלן די פילקע — איז דאָ אַ נעסט פון וועוויערקעס? צי זענען אין אָרלאָווער וואַלד דאָ וועלף? צי קאָן מען זיך סמען מיט שוואָמען?

— צי זענען דאָ אַזעלכע גרויסע פיש, וואָס קאָנען אַראָפּשלינגען אַ מענטש?

אַזעלכע און ענלעכע שמועסן פירט זיך ביי אַ געווענלעך מיטאָג. ס'זענען אָבער פאַראַן מיטאָגן אויסערגעווענלעכע.

אַ שטייגער — אַ מלחמה־מיטאָג, אַ שפּאַציר־מיטאָג, אָדער אַ דאַמקע־מיטאָג. דעמאָלט רעדט מען נאָר פון איין זאַך און די איינע זאַך פאַראינטערעסירט די גאַנצע קאָלאָניע.

דאָס הײַנטיקע מיטאָג װאָלט מען געקאָנט אָנרופֿן — גאָרטן־מיטאָג. קודם־כּל האָט זיך פֿ ע ר ג ע ר י כ ט, רײַסנדיק בלומען, אָפּ־געבריט מיט קראָפּיווע.

— װאָס די װעלט פֿאַרמאָגט אַלץ. אַלע, דאַכט זיך, װײסן גאַנץ גוט, אַז היים װאַסער בריט, אַז אַ הונט בײַסט, אַ פֿערד קאָפּעט, נאָר אַז בלעטער זאָלן בריען — דאָס הערט מען צום ערשטן מאָל.

און פֿ ע ר ג ע ר י כ ט װוּנדערט זיך מער, װי ער איז זיך מצער.

הײַנט זענען די ייִנגלעך געװאָר געװאָרן נאָך אַ נײַעס: אַז מען קאָן פֿאַרזעצן אַ גאָרטן אויף װאַטע. אויף אַזאַ פּראָסטע װאַטע, װאָס מען לייגט אַרײַן אין אַן אויער אַרײַן, װען אַ צאָן טוט װײ.

מען דאַרף נאָר די װאַטע צעלייגן אויף אַ טעלער, אײַננעצן זי מיט װאַסער און אַרויפֿשיטן אַביסל זוימען פֿון אַרבעס, אָדער פֿון בעבלעך.

מען װאָלט נישט געגלייבט. נאָר װי אַזוי קאָן מען עפּעס נישט גלייבן, אַז מען זעט עס מיט די אייגענע אויגן?

נאָר אפשר איז עס דערפֿאַר, װאָס דאָס אַלץ געשעט אויף דער קאָלאָניע — אין דעם דאָזיקן פֿאַרכּישופֿטן, װוּנדערלעכן לאַנד?

— אין װאַרשע װעט עס אויך קאָנען װאַקסן?

— אוודאי: אויף יעדער גאַס, אין יעדער שטוב.

אַלע פֿרײען זיך: ס'איז דאָך אַזוי גוט צו האָבן אַן אייגענעם גאָרטן — מעג זײַן אַ קלײנטשיקער, מעג זײַן אויף אַ טעלער. אַבי אָן אַ טויער, בײַ װעלכן עס שטייט אַ היטער און לאָזט נישט אַרײַן קיין קינדער, װאָס זענען אָרים אָנגעטון.

דערפֿאַר װאָלט איך ס'הײַנטיקע מיטאָג אָנגערופֿן — גאָרטן־מיטאָג, װײַל אויפֿן טיש האָט זיך צום ערשטן מאָל באַװיזן אַ בוקעט בלומען, װאָס פֿאַרנעמט אַ שפּאָר שטיקל אָרט און מען קאָן אים נישט עסן — הייסט עס, אַז ער איז אינגאַנצן איבעריק.

חברה דאַרף איצט באַשליסן, צי זי װיל, עס זאָלן אַלע טאָג בײַם מיטאָג שטיין בלומען אויפֿן טיש. אויב יאָ, דאַרף מען אויסקלײַבן אַ

דיזשורנע, וואָס זאָל תמיד אַרויסברענגען די בלומען אויף דער וועראַנדע, אַזוי ווי מען ברענגט אַרויס, אַ שטייגער, די שיסלען צו וואַשן־זיך די הענט און אַזוי ווי דער קליינער א ד אַ מ ס ק י טראָגט אַרויס די האַנטעכער.

דערווייל איז שוין די זופּ מיטן פליישׁ אויפגעגעסן.

— לערער, איך וויל נאָך אַ ביסל מייערלעך.

— אַהאַ — אַצינד, ברודער־לעב, האָב איך דיך געפּאַקט. און ווער האָט נעכטן נישט געוואָלט עסן קיין קאַשע מיט מילך?

— כ׳וויל שוין עסן.

— מיר וועלן זען.

אַ צוגאָב אַ ביסל זיסע מייערלעך, דאָס איז אַ גרויסע זאַך און אַ געוואַלטיק געווער צו קעמפן מיט די בלערליי: „כ׳וויל יאָ, כ׳וויל נישט" ביים טיש.

— נישט בחינם האָט איינער אַ גרויסער געלערנטער אויפגעשריבן ערגעץ אין אַ דיק בוך:

— מען טאָר נישט געבן קיין מייערלעך ד ע ם, וואָס וויל נישט עסן קיין קאַשע מיט מילך.

— נישט אמת, דאָס האָט קיינער נישט געשריבן.

— און דו פון וואַנען ווייסט, אַז ס׳איז נישט אמת? צי האָסטו שוין געלייענט אַלע דיקע ביכער פון אַלע גרויסע געלערנטע?

— ניין, כ׳האָב נישט געלייענט.

— זעסטו שוין!

נאָך מיטאָג פרעגט ב ר אָ מ ב ע ר ג:

— לערער, מען וועט נאָך עפּעס געבן?

— יאָ, געפּרוירנס (ליאָדעס) און ציגאַרן.

אַלע יינגלעך לאָזן אַרויס אַ געלעכטער.

קאַפּיטל צען

דער לאָמער ווײַנרויך. — קאָנקורס פון דאַמקע־שפּיל. — טאַמרעס דער זיגער. — זײַט געזונט קאָלאָניעס

ווײַנרויך איז צופרידן, וואָס ער גייט אויף אַ קוליע. מען האָט אים געהאַט אַמאָל איבערגעשאָסן אויף דער גאַס און אין שפּיטאָל האָט מען אים אַראָפּגענומען אַ פוס.

זייער גערן דערציילט ער וועגן די דאָקטוירים אין די פאַרטעבער און וועגן די באַרמהאַרציקע שוועסטער אין די גרויסע, ווײַסע קעפּקעלעך.

ס'איז אים גוט געווען אין שפּיטאָל. ס'איז אים אויך גוט דאָ, אויף דער קאָלאָניע. די באַלעבאָסטע האָט אויף אים רחמנות און לייגט אים תמיד עפּעס צו אויפן טעלערל. און נישט איין קונציק שטיקל איז מען אים מוחל.

— לערער, ווײַנרויך שלאָגט זיך.

— טאָ פאַר וואָס שרײַט ער אויף מיר: קולאָס און לאָבוס פון קראָכמאַלנע גאַס?

בשעת־מעשה שמייכלט ווײַנרויך, ער ווײַסט, אַז ס'וועט אים גלאַטיק אָפּגיין. און צו געבן עמיצן אַ זעץ אין קאַרק אַריין, יענער זאָל זיך זען מיט דער עלטער־באָבען — דאָס איז פון תמיד אָן געווען אַ סימן, אַז ווײַנרויך האָט יענעם שטאַרק ליב.

אין שפּיטאָל האָט זיך ווײַנרויך אויסגעלערנט שפּילן אין דאַמקע. דערנאָך האָט ער זיך אײַנדערהיים אַליין געמאַכט אַ דאַמקע פון טעקטורע און פון קאָרקעס. טעקטורע האָט ער אַ סך — ער קלעפּט שאַכטלעך אין

די געוועלבער אריין און קאָרקעס האָט ער געפונען אויפן הויף און גע־קריגן פון חברים.

ווען מען האָט די ייִנגלעך באַדאַרפט צו צעטיילן אויף גרופּעס צום דאַמקע קאָנקורס, האָט מען די אַרבעט איבערגעגעבן וויינרויכן.

דער קאָנקורס האָט געדויערט צוויי טעג, נאָר די צוגרייטונגען האָבן פאַרנומען עטלעכע טעג.

ס'זענען געווען אַ סך, וואָס האָבן זיך ערשט נישט לאַנג אויסגע־לערנט שפּילן. אַנדערע האָבן שוין געקענט אויסגעצייכנט.

צום שווערסטן, אָבער, איז צו שפּילן מיט דער מלכה. מען דאַרף פאַרשטיין איר ווערט אויפן שאַך־ברעטל.

— צי קאָן אַ מלכה שלאָגן? צי קאָן מען דער מלכה „אונטערשטעלן אַ פּיסל"? צי קאָן די מלכה אַריבערשפּרינגען איבער צוויי בויערן? צי קאָן דער לעצטער שטיין ווערן אַ מלכה?

וו יי נ ר ו י ך האָט געלערנט, געגעבן צו פאַרשטיין, געשפּילט מיט יעדן אויף פּראָבע; דערנאָך האָט ער יעדן איינציקן איינגעשריבן אין דער גרופּע; שלעכט, בעסער, מיטלמעסיק, גאָר גוט, אָדער אויסגעצייכנט. מיט איין וואָרט — ער האָט געשטעלט: איינסן, צווייען, דרייען, פירן, אָדער פינפן.

ווי ס'איז צו זען, איז דאָס געווען אַ שווערע און לאַנגע אַרבעט. האָט טאַקע וויינרויך, וועלנדיק זיך אויסצייכענען, קיינעם נישט געשלאָגן און נישט געשאָלטן.

ווען אַלע זענען שוין געווען צעטיילט אויף גרופּעס, האָט זיך אָנגע־הויבן דער קאָנקורס. די איינסן האָבן געשפּילט מיט איינסן, די צווייען מיט צווייען.

אַז די כוחות זענען געווען גלייכע, קאָן באַווייזן דער פאַקט, אַז פון דריי דעציִדירנדע פּאַרטיעס צווישן ז אַ וו אָ ז ש נ י ק מיט פּ י כ ט נ ה אָ ל ץ — האָט די ערשטע פּאַרטיע זייער לאַנג זיך געצויגן און קיינער האָט נישט געוווּנען. ערשט די ווייטערדיקע צוויי האָט גע־וווּנען ז אַ וו אָ ז ש נ י ק .

אין דער גרופּע פון די מעסיקע שפּילער האָט געוווּנען ד ע ס ע ן. דריי מאָל האָבן געשפּילט ל י ם מיט ק ר י ש ט א ל ן און אַלע דריי מאָל האָט איינער דעם אַנדערן נישט געקאָנט בייקומען. פיר מאָל האָבן זיך געראַנגלט פּ ל אַ צ ק י מיט ק ו ל י ג ן.

צום אינטערעסאַנטסטן אָבער איז געווען די שפּיל צווישן די מייסטער — א ל ט מ א ן, ט א מ ר ע ס און וו יי נ ר ו י ך.

דאָ האָט מען געקאָנט זען אַ סך אויסגעצייכנטע צוגן, דאָ איז יעדער צוג לאַנג און מיט ישוב־הדעת באַטראַכט געוואָרן.

נאָר סוף־כל־סוף איז דער זיגער אַרויס נישט וו יי נ ר ו י ך, נאָר ט א מ ר ע ס, און קיינער האָט נישט פּראָטעסטירט. טאמרעס איז בייגעקומען אַלע, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר די בעסטע שפּילער.

אפשר וועט וו יי נ ר ו י ך זיגן איבעראיאָר? אָ, ניין! וו יי נ־ ר ו י ך ווערט שוין אַלט דרייצן יאָר און איבעראיאָר וועט ער שוין זיין צוואַלט. די קאָלאָניעס זענען נאָר פאַר קינדער.

און ווען מען איז אוועקגעפאָרן, האָט טאַקע ווײַנרויך לאַנג, לאַנג זיך אַרויסגעבויגן פון דער פור, געפאָכעט מיטן היטל און גערופן: „זייט געזונט, ליבע קאָלאָניעס, זיי געזונט, שיינער מיכאלווועק.

איך טרעף טיילמאָל דעם לאָמען וו יי נ ר ו י ך אין וואַרשע. ווען ער גריסט צו מיר — שמייכלט ער תמיד. ער מוז זיך אוודאי דער־מאָנען אָן דער קאָלאָניע, אָן דעם בושעל, אָן די אַלע מעשהלעך פון נ יי מ יי ס ט ע ר און אָן די זיסע מייערלעך.

קאַפּיטל עלף

בריוו פון דער היים. — צי האָט יאָסעלע נישט געוויינט וועגן די הויזן־טרעגער. — די לעצטע קאַרטלעך

אינדערפרי ברענגט דער בעקער ברויט און בריוו פון דער פּאָסט. די בריוו גיט מען אָפּ די קינדער ערשט נאָכן אָנבייסן. וואָרן ד ע ר, וואָס דערהאַלט אַ בריוו, קאָן שוין, פון גרויס גדולה, קיין מילך נישט טרינקען; און דער וואָס דערהאַלט נישט — טרינקט נישט פון גרויס עגמת־נפש.

און ווייסן דאַרפט איר, אז אַן אָפן קאַרטל קאָסט אַ זעקסער, פּונקט אַזויפיל, ווי אַ פונט ברויט. דעריבער דערהאַלטן נישט די קינדער אַזוי אָפט קיין בריוו פון דערהיים.

צו ר ו ב י נ ע ן האָט געשריבן די מוטער:

„ליבער זון מיינער! עס פרייט אונדז זייער, וואָס דו באָדסט דיך און וואָס דו בענקסט נישט אַהיים. זאָלסט פאָלגן און אויפפירן זיך אָרענט־לעך, שפּיל דיך און קום אַהיים אַ געזונטער צו דיין געליבטער מוטער!"

אַזעלכע בריוו געשריבן אויף פּויליש און אין לעבערלעכע גרייזן, זענען געווען ווייניק. נאָר צי האָט נישט דאָס אייגענע געוואָלט זאָגן און

דאָס אייגענע נישט געפילט ברוכס טאַטע, ווען ער האָט געשריבן צום זון *).

„ליבער זון ברוך! ערשטנס שרייב איך דיר, אז מיר זענען גאָט צו דאַנק געזונט, דאָס נעמלעכע ווינטשן מיר צו הערן פון דיר ביז אייביק. עס לאָזן דיך גריסן דער טאַטע און די מאַמע. זאָלסט פאָלגן און זאָלסט טון, וואָס מען וועט דיך הייסן. מיר קושן דיך פון דער־ווייטנס".

Kochany syn Boruch! zawiadamian ci, że jesteśmy Bogu chwała, zdrowi, czego i ciebie to sami życimy. Ukłon od ojca i matki. Bądź posłuszny, i co cię powią, żeby wykonałeś akkuratnie.

Ściskami się todie zdaleka.

דאָנערשטיק נאָכמיטאָג שרייבן די קינדער אהיים. פארשטייט זיך, אז נאָר די, וואָס קענען שרייבן.

— לערער, זאָל דער לערער מיר אָנשרייבן א בריוו!

— וואָס זאָל איך שרייבן?

— איך ווייס?

— כ׳וועל שרייבן, אז דו ביסט א לאָבוס און אז דו שלאָגסט דיך ארום מיט די חברים.

— כ׳וויל נישט... זאָל דער לערער שרייבן, צי יאָסעלע האָט גע־וויינט, ווען כ׳האָב אים צוגענומען די הויזן־טרעגער (שעלקעס).

— אזוי גאָר, האָסטו, הייסט, עס, צוגענומען יאָסעלען די הויזן־טרעגער.

— די מאַמעליו האָט געהייסן: וואָרן מיין אנצוג איז צעריסן און ביי זיין אנצוג זענען דאָ שעלקעס.

— טאָ זאָל איך אפשר שרייבן, צי יאָסעלע האָט נישט געוויינט, ווען דו האָסט אים צוגענומען זיין אנצוג?

---

*) מיר גיבן דעם בריוו אויך אין פוילישן אָריגינאַל צוליב דעם, וואָס דער מחבר גיט צו אים א פירוש. (דער איבערזעצער)

— גוט, זאָל דער לערער שרייבן.

הערשעלע האָט געשריבן אויף יידיש:

„צו מיינע ליבע עלטערן! ערשטנס שרייב איך ענק פון מיין ליבן געזונט. און כ׳וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס עס הערט זיך אינדערהיים. און כ׳וועג 54 פונט און איך עס 5 מאָל א טאָג און אלץ וועל איך ענק ארויסשרייבן, און מען מאכט דאָ א פעסטונג, און מען גראָבט ערד און איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן, וואָס עס הערט זיך אינדערהיים".

אין די בריוו פון די קינדער זענען אויך געווען דאגות־פרנסה:

— צי האָט שוין דער ליבער טאַטעשי צו טון? צי חיים ארבעט שוין, און צי פארדינט ער? וואָרן ווען דאָס יינגל איז אוועקגעפאָרן אויף דער קאָלאָניע, איז דער פאָטער געגאַנגען ליידיק.

טייל פון די, וואָס האָבן נישט געקענט אליין שרייבן, האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צום אויפזעער. שוין גלייכער — א חבר זאָל אויפשרייבן.

א חבר וועט שרייבן וואָס מען הייסט אים, און דער אויפזעער איז גרייט צו שרייבן, אז נעכטן, בשעתן באָדן־זיך, איז ער אוועקגעקראָכן אין סאַמע מיטן פון טייך, דאָרט, ווו ס׳איז טיף; אָדער יאָגנדיק א וועוויערקע, האָט ער זיך צעדראַפּעט די נאָז. גלייכער צו זיין פאָרזיכטיק מיטן אויפזעער.

דער חבר, אויספרעגנדיק אלץ וועגן דער היים, שרייבט — אזוי ווי פון א בריוונשטעלער ארויס.

„ערשטנס שרייב איך ענק פון מיין ליבן געזונט און כ׳לאָז גריסן דעם זיידן, און כ׳לאָז גריסן דעם ברודער און כ׳לאָז גריסן די שוועסטער, און כ׳לאָז גריסן דעם קליינעם ברודער מאָטעלע, און כ׳לאָז גריסן אלע גאָר פריינטלעך. זייט מיר געזונט און שטאַרק, און כ׳עס פינף מאָל א טאָג, און כ׳לאָז גריסן אברמלען, און כ׳לאָז גריסן די מאַמעשי, און כ׳לאָז גריסן ביידע פעטערס".

דער חבר לייענט דורך דעם בריוו — אלץ אין בעסטן אָרדענונג.

— לערער, איך האָב שוין אָנגעשריבן.

און ר׳איז צופרידן: ער שיקט אוועק דעם ערשטן בריוו אין לעבן.
אויף דער פּערטער וואָך שרייבט דער אויפזעער אליין:
„דעם 20סטן יולי, צוועלף אזייגער בייטאָג, בעט מען אָפּצוואַרטן דעם זון אויפן וואָקזאַל״.
און צום סוף גיט ער צו:
— ער איז געווען פריילעך און מונטער. מיר אַלע האָבן אים דאָ זייער ליב געהאַט.
טאַטע־מאַמע וועט זיין ליב צו הערן, אַז זייער קינד האָט נושא־חן געווען ביי פרעמדע מענטשן.
— לערער, וואָס האָט דער לערער געשריבן וועגן מיר?
— אַז דו האָסט נישט געוואָלט עסן קיין קאַשע, אַז דו האָסט נישט גוט אויפגעבעט דאָס בעט, און אַז דער טאַטע זאָל דיך גוט אויסשעדיקן.
— האָב נישט קיין מורא, דער לערער מאַכט־זיך אַ געלעכטער, — גיט צו פאַרשטיין אַ חבר — שוין אַ בקי אין די זאַכן.

קאַפּיטל צוועלף

חיים און מרדכי. — די קוקו, די וועווערקע און אַ מעשה מיט אַ זומער־פייגעלע. — מרדכין רופט מען — מאַטשעק

ווי קומט עס, וואָס חיים, וועלכער לאָזט קיינעם נישט אויף די אויגן, לעבט אַזוי בשלום מיט מרדכי טשאַרנעצקי?

— צי איז חיים דיין חבר?

— יאָ — ענטפערט טשאַרנעצקי מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

— און ער שלאָגט זיך נישט מיט דיר?

— ניין.

מרדכי טשאַרנעצקי האָט גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס שטענדיק וואונדערן זיי זיך און שטענדיק זענען זיי אַביסל טרויעריק.

איינמאָל האָבן זיך די יינגלעך געשפּילט אויפן דערבייאיקן פעלד. אין וועלדל האָט געקוקעט אַ קוקו.

— קו—קו — האָט זיך געטראָגן פון די געדיכטע צווייגן אַרויס.

— קו—קו — האָט טשאַרנעצקי איבערגעחזרט און גע־וואַרט, דער פויגל זאָל אים ענטפערן.

— לאַנג האָבן זיי אַזוי געשמועסט צווישן זיך: די קוקו און דאָס יינגל.

ביז דער פויגל האָט זיך, ווייזט־אויס, פאַר עפּעס דערשראָקן און איז אַנטלאָפן.

נאָר מרדכי שטייט און חידושט זיך, וואָס קיינער ענטפערט אים נישט. ער וויל נישט גלייבן, אז ער האָט גערעדט מיט א קוקו.

ווען די יינגלעך דערזעען אמאָל א וועוויערקע, קוקן זיי אויף איר מיט פארשידענע אויגן: טייל גנבענען זיך אונטער און ווילן זי פלוצלינג א כאַפּ־טון, וואָרן ווי מען האָט געהערט, איז מיט דריי יאָר צוריק געווען אויף דער קאָלאָניע א יינגל, וואָס האָט געכאַפּט אמאָל א וועוויערקע און געברענגט זי אין קיך אריין. אנדערע לאַכן פון גרויס גדולה, וואָס אַזאַ קליין, געל היהלע קאָן אזוי פלינק שפרינגען פון צווייגל אויף צווייגל. א מענטש וואָלט זיכער אראָפּגעפאַלן און דעם קאָפּ זיך געשפּאָלטן.

ט ש א ר נ ע צ ק י אָבער לאַכט נישט. ער עפנט נאָר ברייט די אויגן און וווּנדערט זיך, וואָס אַזאַ פּיצעלע וועוויערקעלע קאָן ד אָ ס, וואָס קיינער קאָן נישט.

אָפּטמאָל שפּילן די קינדער אין קליפּע.

ט ש א ר נ ע צ ק י שטעלט זיך אוועק אָן א זייט און חידושט זיך, ווי געשיקט איין העלצל וואַרפט מיטן צווייטן. אליין אָבער פּרוווט ער נישט צו שפּילן.

מיט דער אייגענער פאַרחידושטקייט קוקט ער אויף, ווי די זון גייט אונטער. עס זעט אויס, אזוי ווי א גרויסער, גרויסער געדאַנק וואָלט פאַר־נומען זיין גאַנצן מוח. ער וועקט זיך ערשט דאַן, ווען ער דערזעט עפּעס גאָר, גאָר אויסטערלישס.

אָט פליט א זומער־פייגעלע (שמעטערלינג) און זעצט זיך פון בלימל אויף בלימל. ט ש א ר נ ע צ ק י גייט נאָך דעם זומער־פייגעלע טריט ביי טריט — נישט ווייל ער וויל עס כאַפּן, ער חידושט זיך נאָר, וואָס אַזעלכע צוויי קליינע שנייעלעך אַנטלויפן פון אים, פּונקט ווי זיי וואָלטן געלעבט. און אפשר טאַקע לעבן זיי?

— צי מוזן זומער־פייגעלעך זיין ווייסע? — פרעגט ער חיימען און דערציילט אים אַזאַ מעשה:

איינמאָל האָט א יינגל אין חדר צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך א שטיקל פּאַפּיר און אַרויסגעוואָרפן עס דורכן פענצטער.

ווען די צעריסענע פּאַפּירלעך האָבן פּאַמעלעך גענומען אַראָפּפאַלן, זענען אַלע יינגלעך צוגעלאָפן צום פענצטער און טייל האָבן געשריגן, אַז עס פאַלט אַ שניי, אַנדערע ווידער — אַז דאָס פליען גאָר זומער־פייגעלעך.

דערווייל איז אַרויסגעקומען די סטרוזשקע מיט אַ טענה, אַז מען האָט איר פאַרמוישעוועט דעם הויף.

איז געגאַנגען דער רבי און געוואָר געוואָרן, ווער פון די יינגלעך עס האָט דאָס געטון. און אַז די סטרוזשקע איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער רבי נעשלאָגן דאָס יינגל מיטן לאַנגן ציביק פון זיין ליולקע.

דאָס יינגל האָט זייער געוויינט, און טשאַרנעצקי איז דעמאָלט גע־וואָר געוואָרן, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן זומער־פייגעלעך — און אָט זעט ער זיי אַצינד מיט די אייגענע אויגן — דאָ אין „מיכאַלוועק".

די יינגלעך פלעגן פון מרדכין חוזק־מאַכן, פאַרוואָס ער קאָן נישט שפּרינגען דורך קיין שטריקל, פאַרוואָס, אַז מען שפּילט אין „בערעק", אַנטלויפט ער עפּעס אַזוי אומבאַהאָלפן און פאַרוואָס — קאָן ער קיינמאָל נישט כאַפּן די פּילקע.

צוליב דעם אַלעמען האָבן די יינגלעך אים אַ נאָמען געגעבן — מאַטשעק.

דער אויפזעער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן גוטע און שלעכטע מענטשן, קלוגע און נאַרישע; און מאַטשעק — דאָס איז אַ נאָמען פון אַ פּויער. ד״ה אַ נאָמען פון אַן אָרימען מענטש — און פון דאָזיקן נאָמען איז גאָרנישט דאָ, וואָס חוזק צו מאַכן.

אויב זיי מאַכן אַזוי חוזק פון נאָמען — מאַטשעק, טוען זיי דאָס אייגענע ווי יענע, נישט קלוגע מענטשן, וואָס לאַכן פון נאָמען — מאַשעק.

פאַרשטאַנען אָבער וואָס דער אויפזעער האָט גערעדט, האָבן נאָר די עלטערע און די מער־פאַרשטענדלעכע קינדער.

ערשט ווען חיים האָט איינמאָל אַ זאָג געטון:

— ווער ס'וועט טשעפּען מיט טשאַרנעצקין — דעם וועל איך די

ציין אויסהאַקן — האָבן אַלע מסכּים געווען, אַז מיט די דאָזיקע צוויי חברים טאָר מען נישט אָנהייבן.

ווי קומט עס, וואָס חיים. איינער פון די גרעסטע שטיפער, האָט נעשלאָסן גוטפריינטשאַפט מיט איינעם פון די שטילסטע יינגלעך אויף דער קאָלאָניע — מיט מ ר ד כ י ט ש א ר נ ע צ ק י ?

קאַפּיטל דרייצן

די צייטונג „מיכאַלוועק". — פּאַרוואָס רעדן די קינדער שלעכט פּויליש? — „סמוטנאַ" איז אויף יידיש — אויך „סמוטנע"

ע ל וו י נ ג האָט זיך באַלד משער געווען, אַז די צייטונג „מיכאַ־לוועק" קומט נישט אָן פון ווארשע, נאָר די אויפזעערס שרייבן זי דאָ, אויף דער קאָלאָניע, און לייגן זי אַריין אומישנע אין קאָנווערטן, מען זאָל מיינען, אַז זי קומט פון ווארשע.

פונדעסטוועגן הערט זיך ע ל וו י נ ג גאַנץ גערן איין, ווען מען לייענט די צייטונג. וואָרן ער מוז מודה זיין, אַז די ידיעות זענען דאָ די בעסטע, די נייעסטע.

פאַרשידענע ידיעות זענען געווען אין דער צייטונג.

„די יינגלעך האָבן געשפּילט אין פּאַלאַנט און אויסגעהאַקט אַ שויב. די באַלעבאָסטע האָט זיך זייער געבייזערט".

* * *

„גרינבוים ברוך האָט זיך צעשלאָגן מיט זיין ברודער מרדכי".

* * *

„דער קליינער מ אַ מ ע ל אָ ק קריכט אַרויף אויפן פענצטער און קוקט אַריין אין קיך".

* * *

„ה ע וו ע ל ק ע און ש ע ק ע ל ע וו ס ק י ווילן נישט עסן קיין קאַשע".

* * *

„א יי מ א ן האָט אַ זעץ געטון ב ו ט ע ר מ א נ ע ן אין דער נאָז. ב ו ט ע ר מ א ן האָט א יי מ א נ ע ן מוחל געווען".

* * *

„דער נייער הונט האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קייט און איז אַנט־לאָפן. פראַנעק אָבער האָט אים געכאַפּט".

* * *

„וו יי נ ב ע ר ג האָט געמאַכט אַ לאָך אין היטל. וועט ער אַזוי בסדר מוזן גיין מיט אַ געלעכערט היטל, ווייל קיין נייס וועט ער נישט קריגן".

* * *

„ש ט א ב ה אָ ל ץ האָט נאָך די אייער געטרונקען אַ סך וואַסער. מן־הסתם וועט אים וויי־טון דער בויך און, אפשר, וועט ער גאָר מוזן איינגעמען אַ לעפל ריצין־אייל".

* * *

איין אַרטיקל אין דער צייטונג „מיכאַלוועק" איז געווען געווידמעט דער שיך־פראַגע: — ווי נישט גוט עס איז צו גיין אין דאָרף אין שיך, ווי געזונט און ליב עס איז צו גיין באָרוויס.

אַ צווייט אַרטיקל האָט דערציילט, ווי אַזוי עס פאַרברענגט אויף דער קאָלאָניע אַ יינגל אַ כוואַט, און ווי אַזוי — אַ יינגל אַ שלים־מזל.

און נאָך אַן אַרטיקל איז געווען געווידמעט די זומער־קאָלאָניעס גופא: „די זומער־קאָלאָניעס שיקן שוין 25 יאָר אָרעמע קינדער אין פאַר־

שידענע דערפער אריין. אין די ערשטע צייטן האָבן די זומער־קאָלאָניעס אַרויסגעשיקט ווייניק קינדער. שפּעטער האָט זיך די צאָל קינדער פאַר־גרעסערט. און איצט שיקן זיי שוין אַרויס יאָר־ביי־יאָר גאַנצע דריי טויזנט קינדער — אַ העלפט מיידלעך ד״ה 1500, און אַ העלפט ייִנגלעך — ד״ה אויך 1500״.

די זומער־קאָלאָניעס שיקן אַרויס יידישע און קריסטלעכע קינדער, אָבער בלויז אָרימע.

די זומער־קאָלאָניעס גיבן־אויס 40,000 רובל. מלבושימלעך, בעטן, טעלער, זייף, פלייש און מילך — דאָס אַלץ דאַרף מען קויפן.

דעריבער, אויב עמיצער פאַרלירט דאָס נאָז־טיכל, די פּילקע, אָדער ער צערייסט די מלבושים, האָט אויס אַ שויב און צעברעכט אַ גאָפּל — טוט ער אַ שאָדן אַנדערע קינדער, ווייל אַזוי אַרום וועט בלייבן ווייניק געלט אויף ברויט און אויף מילך און אַ סך קינדער וועלן מוזן בלייבן אינדערהיים. און אַז זיי וועלן מוזן בלייבן אינדערהיים — וועלן זיי זיין טרויעריק און וועלן וויינען.

די זומער־קאָלאָניעס האָבן אַ סך אַזעלכע הייזלעך און וועלדלעך, ווי מיר האָבן דאָ אין „מיכאַלאָווקע״.

די קינדער פאָרן אויך קיין צ י ע כ אָ צ י נ ע ק , קיין ז אָ פּ־י וו ק ע און קיין וו י ל ה ע ל מ ו וו ע ק.

— אויף דער קאָלאָניע אין „מיכאַלאָווקע״ גייט אַוועק אַ סך געלט — גאַנצע 5000 רובל.

— צוויי מאָל דורכן זומער קומען צו פאָרן ייִנגלעך און צוויי מאָל — מיידלעך.

פון וואַנען נעמט מען געלט?

עס גיבן פאַרשידענע מענטשן: איינער שטאַרבט, וואָס טויג אים שוין דאָס געלט? אַ צווייטער וויל זיך קויפן אַ מצוה, אַ דריטער — ווייל, מענטשן זאָלן זאָגן, אַז ער איז אַ גוטער, און אַ פערטער — איז טאַקע גוט אויף אַן אמת און וויל טאַקע, אַלע קינדער זאָלן זיך פריילעך שפּילן אויפן דאָרף און זאָלן צוריקקומען געזונט.

ווער קלייבט צוזאַמען די אַלע געלטער?

עס קלייבט זיי צוזאַמען דער פּאַרזיצער פון דער קאָלאָניע און אַנדערע גוטע מענטשן.

פאַרוואָס גראָד נעמען זיי צוזאַמען די געלטער?

ווייל זיי האָט מען ליב. זיי האָט מען אויסגעקליבן. אַזוי ווי מיר האָבן דאָ, אין „מיכאַלוּוועק", אויסגעקליבן די ריכטער פּ ר ע ס מ אַ ן, פּ לאַ צ ק י און פּ ר י ד נ ז אַ ן".

* * *

וועגן די זומער־קאָלאָניעס וואָלט מען אין דער צייטונג געקאָנט אַ סך שענער שרייבן, נאָר די יידישע קינדער פאַרשטייען ווייניק פּויליש און מען דאַרף שרייבן פאַר זיי זייער לייכט.

טייל יינגלעך פאַרשטייען אינגאַנצן נישט קיין פּויליש, פונדעסטוועגן גיבן זיי זיך אַלע מאָל אַן עצה.

— לערער, — אַ, אַ, אַ!

— אַ, אַ, אַ— הייסט: כ'האָב צו־לאַנגע הויזן; ס'האָט זיך מיר אָפּגעריסן אַ קנעפּל, ס'האָט מיר אַ בים־געטון אַ קאָמאַר, וואָס פאַרא שיין בלימל, כ'האָב נישט קיין מעסער, ס'פעלט מיר אַ גאָפּל.

די אַלע זאַצן דריקט מען אויס מיט איין קורצן אויסגעשריי:

— אַ, אַ, אַ!...

אָנבייסן, אָוונטברויט, וועטשערע — אַלץ הייסט — מיטאָג. וויפל מאָל דאָס גלעקל זאָל זיך נישט אָפּרופן, לויפט מען כסדר מיט אַ פרייליך געשריי:

— מיטאָג!

דעם אמת גערעדט, פון וואַנען זאָלן די קינדער וויסן, אַז יעדער מין עסן, אין פאַרשידענע צייטן פון טאָג, האָט אַ באַזונדערן נאָמען?

אינדערהיים, אַז זיי זענען הונגעריק, קריגן זיי כסדר דאָס אייגענע שטיקל ברויט און די אייגענע נישט־אָנגעצוקערטע טיי.

אַנדערש איז מיט יענע קינדער, וואָס וווינען אין אַזעלכע גאַסן, ווו עס זענען שוין דאָ אַ סך קריסטלעכע יינגלעך.

גרינבוים פון דער אַלט־שטאָט רעדט גוט פּויליש. די צוויי ברידערלעך פּורטקעוויטש האָבן שוין אַפּילו פּוילישע נעמען: העניאָ און גוטשיאָ. און משהלע טאָפּציאָ יאָגט זיך נאָך די טויבן צוגלייך מיט די פּראַנעקס און מיט די יאַנקעס.

ער האָט זיך אויסגעלערנט פון זיי פייפן מיט די פינגער און קרייען, ווי אַ האָן. ער וווינט אויף דער אָקאָפּאָווע גאַס.

פאַראַן אָבער אין וואַרשע הייזער, ווו טאָמער הערט מען שוין אַמאָל אַ פּויליש וואָרט — איז עס אַ קללה פון סטרוזש, אַז די יידישע „ממזרים" פּאַרמיסטיקן אים דעם הויף. און הערט אַמאָל אַ יידיש קינד פּויליש רעדן — איז עס:

— A bodajeś zdechł, a bodaj was cholera.

דאָ אין דאַרף לאַכט צו די יידישע קינדער די פּוילישע שפּראַך מיט דער גרינקייט פון די ביימער און מיטן גאָלד פון דער תבואה. דאָ מישט זיך אויס די פּוילישע שפּראַך מיטן פריילעכן צווישטשען פון די וואַלד־פייגעלעך.

דאָ טוישט זי זיך אין פּערל־פאַרבן פון די שטערן, דאָ אָטעמט זי מיטן ווינטל פון וואַסער.

די פּוילישע ווערטער, ענלעך צו בלומען אין פעלד, לייגן זיך אַליין אויס אין לאַכנדיקע לאַנקעס, אָדער זיי דערהייבן זיך — ריינע, אויסגעלייטערטע, אַזוי ווי די זון, וואָס פאַרגייט.

קיינער לערנט דאָ נישט די קינדער. אויף דעם איז קיין צייט נישטאָ. מען פאַרריכט אַפּילו נישט, אויב ס'רעדט ווער גרייזיק. דאָ לערנט זיי דאָס פּוילישע דאָרף, דער פּוילישער הימל.

און דאָ אויפן פּוילישן דאָרף אַרט אויך נישט די יידישע שפּראַך.

דאָ איז עס נישט די שפּראַך פון קללות און צונעמענישן, וואָס מען הערט אויפן מאַרק. ס'איז אַ פרעמד לשון פון אַ פריילעכער, צעטאַנצטער חברותא.

אויך יידיש האָט אירע פאַרבענקטע, אויסגעצערטלטע ווערטער, מיט וועלכע אַ מאַמע שלעפּט איין איר קראַנק קינד.

דאָס פּוילישע גרויע וואָרט: „סמוטנאַ“ איז אויף יידיש אויך — „סמוטנע“.

און אויב אַ קינד ליידט אויף אונדזער גרויסער, שיינער וועלט — מעג עס זיין יידיש אָדער קריסטלעך — קלערט עס מיט איין און דעמ־זעלבן וואָרט — ס'איז מיר „סמוטנע“.

קאַפּיטל פערצן

די מלחמה. — די שלאַכט ביים ערשטן פאָרט. — דאָס פאַרנעמען דעם צווייטן פאָרט. — אַ זעלנער, וואָס גראַבלט זיך אין דער נאָז און וואַפנשטילשטאַנד

מיר גייען ארויס צו אונדזער פעסטונג. עס דערטראָגט זיך א הויך טרומייטערן פון א מלחמה־האָרן, עס ענטפערן טרומייטערלעך פון אַלע אָפּטיילונגען. עס קלאַפּן די אייזערנע לאָפּאַטעס פון די סאַפּיאָרן, מען לויפט, מען שרייט. עס פלאַטערן פענער.

— אויסשטעלן די אָפּטיילונגען — הערט זיך א באַפעל.

די ערשטע זיבן פאַר דארפן אָנפאַלן.

פערצן העלדן, הייסט עס, דארפן קעמפן קעגן אַלע איבעריקע.

וואָס אָן אמת — א גאַנץ קליינע אָפּטיילונג, דערפאר אָבער — אָן אויסגעצייכנטע.

אז זיי קאָנען קעמפן, אז זיי האָבן נישט קיין מורא פאר דער גרויסער צאָל חיל, באַווייזט ד אָ ס , וואָס זיי האָבן זיך שוין דריי מאָל אויס־געצייכנט בשעת די מאַנעווערס.

— פאַרטיידיקער פון ערשטן פאָרט, פאַראויס! — הערט זיך ווידער א באַפעל.

אין דער שפּיץ גייט גענעראַל ק אָ ר צ א ז ש מיט דער פאָן פון ערשטן פאָרט. הינטער אים גייען פיר פאַלקן; יעדער פאָלק מיט זיין אָנפירער. פון פאָרנט — א פארטיידיקונג פון צוויי זייטיקע פליגל; הינ־

טער איר צוויי מיטלסטע פֿאַלקן, וואָס וועלן בלייבן שטיין נאָענט ביי דער פֿאַן.

אויב די פֿאַן, וואָס איז פֿארשטעקט אויף אַ בערגל, וועט אריינפֿאַלן אין די הענט פֿון שונא, וועלן זיך די אָפּטיילונגען מוזן פֿון אייגענעם ווילן צוריקציען, די סאפּיאָרן וועלן דאַן אויסגלייכן מיט דער ערד דעם ערשטן פֿאָרט און די שלאַכט וועט זיך אָנהייבן ביים צווייטן.

גענעראַל הערשל ק אָ ר צ אַ ז ש האָט באַוויזן, אַז ער קאָן אַליין העלדיש קעמפֿן אין דער ערשטער רייע און גלייכצייטיק נישט פֿארגעסן אַ קוק־צו־טון אַלעווייל אויפֿן בערגל, ווו די פֿאָן איז פֿארשטעקט — טאָמער מאַכט זיך אַ סכנה און דער פֿאָן דראָט אַ געפֿאַר, זאָל ער קאָנען רופֿן צו הילף זיינע פֿאַלקן.

אויסער העלדישקייט מוז אַ גענעראַל נאָך פֿארמאָגן קאַלט בלוט און קלאָרן שכל.

— דריטער, פֿערטער, פֿינפֿטער פֿאָרט — פֿאַראויס — איינס, צוויי!

די דאָזיקע פֿאָרטן, ווי ס׳איז צו זען פֿון פּלאַן, פֿארשטעלן דעם ערשטן פֿאָרט פֿון הינטן און פֿון דער זייט.

די אָפּטיילונגען מוזן צו יעדער צייט זיין גרייט צו פֿארטיידיקן די פֿאָן פֿון ערשטן פֿאָרט.

אויב די אָפּטיילונג, וואָס גרייפֿט־אָן, האָט אין אירע רייען דרייסטע, געזונטע און אויסגעהאַלטענע קעמפֿער, איז אויך די פֿארטיידיקונג גרייט צו קעמפֿן פֿאַר איר כבוד — און דערפֿאַר, אויב דיביידע קרעפֿטן זאָלן זיך צוזאַמענגיסן, וועט עס זיין אַ געוואַלטיקער כוח.

און כאָטש עס וואָרט אויף זיי באַלד אַ שווערע שלאַכט, דאָך גייען די פֿאַלקן דורכן וואַלד פֿריילעך אונטערן טאַקט פֿון מאַרש.

גאָר צום סוף פֿאָרן די שפּיטאָל־וועגענער. די אייגענע, וואָס מען האָט באַנוצט צום איבערפֿירן עמערס זאַמד און שטיינער, בשעת מען האָט געבויט די פֿעסטונג.

אַצינד פֿירט מען אויף זיי די אַפּטייק, וואַסער און שיסלען אָפּצו־וואַשן די פֿארוווּנדעטע.

מיט אַ קלײנער אָפּטײלונג פון פעלדשערס און סאַניטאַרן פירט אָן דער לאַמער וו ײ נ ר ו י ך. דאָקטוירים זענען ס אָ ס נ אָ ו ס ק י און דער הויקער ק ר י ש ט אַ ל. די פאָן, וואָס דאַרף פאַרהיטן פון אַן אָנפאַל אויפן שפּיטאָל, טראָגט ש י ק אָ ר ע.

ביי דער פעסטונג איז שוין נישט קיין שום טומל. אַלע אָפּטיילונגען פאַרנעמען רואיק זייערע פּאָזיציעס. די פאָן פון ערשטן פאָרט באַוועגט זיך לייכט אונטערן בלאָזן פון ווינט.

אַ ש ל י ח ברענגט צו טראָגן דעם גענעראַל ק אָ ר צ אַ ז ש אַ פּאַפּיר מיט אַ קורצער ידיעה:

— מיר הייבן־אָן דעם אָנגריף.

אויף לאַנגע בריוו איז קיין צייט נישטאָ. דער ענטפער איז:

— מיר וואַרטן.

דער אָנגריף האָט זיך צעטיילט אויף קליינע טיילן, צו דריי יינגלעך אין יעדער. אין דער צייט, וואָס די ערשטע „דרייעלעך" וועלן זיך וואַרפן אויף די זייטיקע פליגל פון ערשטן פאָרט, בכדי צו צעיאָגן די כוחות פון דער פאַרטיידיקונג און אָפּצוּווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט פון יענעם אָרט, ווו עס איז פאַרשטעקט די פאָן — וועלן זיך די איבעריקע, די שטאַרקערע „דרייערלעך" אַריינרייסן אין סאַמע האַרץ פון אָקאָפּ, אין דערמיט הייסט עס, און מיט איין שטאַרקן שטוים פאַרטרייבן די פאַרטיידיקער, צווינגען זיי אָפּצוטרעטן און אַזוי אַרום אַרויסרופן דעם ערשטן אַקט פון זיג.

איין רגע נישט פאַרזיכטיקייט. איין מינוט פאַרגעסן זיך — און דאָס צינגל פון זיג וועט זיך איבערוועגן אויף דער זייט פון די אָנגרייפער.

נעמען דעם ערשטן פאָרט הייסט נאָך נישט, אַז די גאַנצע פעסטונג איז גענומען. אָבער אַ גרויסער שריט פאָראויס איז עס דאָך.

דריי מאָל גיט די גרויסע טרומייט סיגנאַלן — און די ערשטע דריי גייען אַרויס פון אָקאָפּ.

מיט אימפּעט גיבן זיי אַ לויף־דורך דעם שטח, וואָס טיילט זיי אָפּ פון פאָרט, און בלייבן פּלוצלינג שטיין ביים ראַוו, אַזוי ווי ס'וואָלט זיי


וואלד
פעסטונג
פאָרט 7
וואלד
פאָרט 2
וואָל
פאָרט 5
פאָרט 4
פאָרט 1
וואָל
אנגרייפס-פונקט
פאָלק 3 צענטרום
5,4 אנגרייפס-פאלק
3 און 2 אנגרייפס-פאָלק

פארפעלט דרייסטקייט. פארשטייט זיך, אז דאָס איז נאָר אזא מין מלחמה־קונץ — מען וויל אזוי ארום אָפּנאַרן די פארטיידיקונג.

פון יענער זייט ציען זיך אוים עטלעכע צענדליק הענט און ווילן כאַפּן די דרייסטע פארשווינער, נאָר באַלד ציען זיי זיך צוריק.

ס'איז צו זען ווי אַ טייל לייכטזיניקע פארטיידיקער פון צענטרום האָבן פארלאָזט זייערע פּאָזיציעס, נישט פארשטייענדיק, אז די פליגל קאָנען זיך אליין נישט פארטיידיקן, און אז אויף זיי, אויף דעם צענטרום, וואָס פארטיידיקט דאָס בערגל מיט דער פאָן — וועט מען מוזן זייער שטאַרק אכטונג געבן.

ווען די ערשטע דריי זענען מיט פאַמעלעכע טריט צוריקגעגאַנגען צום אָקאָפּ, האָט די פארטיידיקונג געלאַכט און חוזק־געמאַכט.

ווידער הערט זיך אַ הויך טרומייטערן און צוויי „דרייעלעך" לאָזן זיך מכלומרשט אַטאַקירןביידע פליגל מיט דעם אייגענעם רעזולטאַט, וואָס פריער.

— אָ, זיי האָבן מורא — פּסקנט אָפּ די פארטיידיקונג.

צוליב דער זיכערקייט אין מכלומרשטן זיג, איז שיעור נישט געקומען צו קיין גרויסן אומגליק, וואָרן בשעת מען איז אויף אַן אמת אָנגעפאַלן, און די צוויי זייטיקע „דרייעלעך" האָבן אויף אַן אמת אָנגעהויבן ארויפקריכן אויפן וואַל, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער מיטלפּונקט איז געבליבן כמעט אָן אַ פארטיידיקונג.

דאָ איז אָבער געשטאַנען גענעראַל ק אָ ר צ אַ ז ש און איינער אליין האָט ער אויסגעהאַלטן די פארביטערטע אַטאַקע, ביז די רעשט אָפּטיילונגען האָבן זיך משער געווען אין וואָס עס האַנדלט זיך און זענען אים געקומען צו הילף.

אַלע זענען שוין אויפן פעסטונג־וואַל. יעדע ווײַלע גיט דער אָדער יענער אַ לויף־פארביי פאַר דער פאָן. אָפּגעשטויסן פון איין זייט — לויפט מען פון דער קעגנאיבערדיקער. ווער ס'פאַלט — הייבט זיך גלייך אויף און שלאָגט זיך ווייטער.

פון צייט צו צייט גיט אַ שוועב אויפן אָקאָפּ דאָ דעמס דאָ יענעמס

פּנים, באַלד אָבער ווערט ער צוריק אַראָפּגעשטויסן און ער מוז אויפסניי נעמען אַרויפקלעטערן אויפן פאַרט.

צו שלאָגן די באַזיגטע — פאַרווערט דאָס מיליטערישע געזעץ, מען מעג נאָר אָפּשטופּן, אָדער אַראָפּיאָגן פון פעסטונג־וואַל.

די אַרבעט פון די סאַניטאַרן איז צו העלפן אויפהייבן זיך יענע, וואָס פאַלן.

קיין פאַרוווּנדעטע זענען נישטאָ. אַ פאַרוווּנדעטער וועט הייסן ד ע ר , וואָס וועט זיך צעוויינען. נאָר קיינער וויינט נישט.

די טרומייט גיט צו וויסן, אַז מען טרעט־אָפּ.

די מידע אָנפאַלער קומען צוריק אין אָבאָז.

די ערשטע אַטאַקע האָט מען אָפּגעשטופּט מיט נצחון. דאָס איז אָבער נאָך נישט קיין וואָפנשטילשטאַנד. נאָך דער ערשטער אַטאַקע וועט קומען די צווייטע און די דריטע. דאָס איז ערשט אַ פאָרשפּיל. מען האָט ערשט געפּרוווּט די כּוחות. דאָס זענען קוים געווען מאַנעוורעס אויפן גרויסן שטייגער, וואָס האָבן געוויזן די קריגס־פעאיקייטן פון ביידע צדדים.

די אָנגרייפער באַראָטן זיך.

ווידער טרומייטערט מען — ווידער אַ שלאַכט.

אָט, אָ, און ס'דאַכט זיך, אַז די פאָן איז אַ פאַרפאַלענע — זי וועט אַריינפאַלן צום שונא.

נאָר פּלוצלינג איין קורצער געשריי: „צו דער פאָן" און אַלע צעזייטע זעלנער לויפן זיך צוזאַמען און רינגלען אַרום דאָס אָרט מיט אַ לעבעדיקער מויער.

אַרומגענומען פון גרעסערע כּוחות קאָנען שוין די אָנגרייפער נישט רעכענען צו נעמען דעם פאָרט. דעם אמתן נצחון קאָן נאָר ברענגען דער ערשטער אימפּעט פון אַן אומדערוואַרטעטער אַטאַקע; אַז אַזאַ מיטל פאַרפירט, טאָר מען נישט אומזיסט אויסנוצן — נישט קיין כּוחות און נישט די שטימונג. מען דאַרף נאָר מיט לייכטע אָנפאַלן מיד־מאַכן דעם שונא און וואַרטן, ביז עס וועט סוף־כּל־סוף צעשטערט ווערן דער הויכער וואַל פון פאָרט.

די אָנגרייפער האָבן אָבער קיין צייט נישט, זיי האָבן נישט קיין געדולד צו וואַרטן.

און אָט, מיט איין געלונגענעם דריי גיט זיך פּלוצלינג איין צוצוכאַפּן ביים שונא די פאָן.

— רייניקט אָפּ דעם ערשטן פּאָרט! הערט זיך אַ באַפעל — אייער פאָן איז אין אונדזערע הענט.

דער נצחון איז אָבער געווען אַ פּריציייטיקער.

מען הענגט ארויס אַ פעלד־טעלעפאָן און פון די צעהיצטע שמועסן, וואָס עס פירן צווישן זיך דיביידע גענעראַלן, ווערט מען געוואָר, אַז מען האָט די אָנגרייפער אָפּגענאַרט. זיי האָבן פאַרכאַפּט אַ פאָן פון פערטן פּאָרט, וואָס די פאַרטיידיקער האָבן פאַרלאָזט און דערלויבט אים צו צעקאַפּען, אָבער אָן גרויסע פאַרלוסטן.

צוליב דעם האָבן זיך די אָנגרייפער אָנגעהויבן אַ ביסל צו בונטעווען.

עס זענען צוליב דעם אויפגעשווומען אַ סך אַנדערע פראַגן, אויף וועלכע מען האָט געמוזט גלייך געבן אַן ענטפער. למשל — די פראַגע וועגן נעמען און אויסטוישן געפאַנגענע, די פראַגע וועגן פאָן־טרעגער, וועגן די זעלנער ק ו ל י ג און מ י ט מ א ן, וואָס האָבן זיך דערלויבט צו פייניקן די באַזיגטע. צוליב דעם אַלעמען האָט מען דערקלערט וואָפנשטילשטאַנד אויף איין טאָג.

מיט נצחון־געזאַנגען איז די פאַרטיידיקונג צוריקגעגאַנגען נעמען עפּעס אין מויל אַריין און מיט בטחון האָבן מאַרשירט פאַראויס די אָנגרייפער.

מען איז אהיימגעגאַנגען אינטערלענען זיך דאָס האַרץ און אויסרוען די מידע ביינער.

צומאָרגנס איז געשטאַנען אַ גרויסע היץ. דערפאַר האָבן ביידע צדדים פאַרנומען זייערע פּאָזיציעס ערשט פאַרנאַכט.

נאָר דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גענומענער פערטער פּאָרט האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. און אפשר האָבן די אָנגרייפער, צוליב

דעם, וואָס ס'איז געשלאָסן געוואָרן וואָפנשטילשטאַנד, אויסגעאַרבעט אַ נייעם פּלאַן (מען דאַרף, מיין איך, נישט צוגעבן, אַז אַ גאַנצן טאָג האָט מען מער נישט גערעדט, ווי נאָר פון דער מלחמה)? און אפשר גאָר האָט גענעראַל קאַרצאַזש נישט געקענט זיך פאַרשטענדיקן מיט זיין גרויסער אַרמיי, און אפשר האָט דער נעכטיקער נצחון אָפּגעשוואַכט אַ ביסל די פּאַרטיידיקער? גענוג איז, אַז באַלד נאָך דער ערשטער אַטאַקע, וואָס איז געווען נישט מער ווי אַ פּרווו — איז מאַקע באַלד געקומען די צווייטע, נאָר אַזוי אומגעריכט און אַזוי שטאַרק, אַז נישט נאָר וואָס די פאָן איז געבליבן אין די הענט פון די אָנגרייפער, נאָר אפילו אַ טייל פון די פּאַרטיידיקער זענען ארויסגעשטופּט געוואָרן פון זייערע פּאָזיציעס.

אַזוי אַרום איז דער ערשטער, מעכטיקער פּאָרט געפאַלן.

אַ צעאַקערטער, אַ צעטרעטענער פון די שלאַכטן, אַ חרוב־געוואָרע־נער, נאָך פריער, ווי דאָס קריגס־געזעץ דערלויבט — איז ער אוועקגע־געבן געוואָרן די סאַפּיאָרן — זיי זאָלן אים צעקאָפּען.

דערווייל באַקומט דער סאָלדאַט ראַשער די ראַנגע פון אַ פּולקאָווניק. שיינקינדער און פּראַגער טראָגן שוין אויפן האַרץ אָרדערס; גענעראַל זאַמטשיקאָווסקי קריגט די־מיסיע פאַר אומאָרדנונג אין דער דיוויזיע. די סאָלדאַטן גרינבוים, אירבלום און שרייבוים ווערן באַפרייט צוליב קראַנקהייט. מרגליות, קאָרן, טאַמרעס און פּלאַצקי זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט.

צעהיצטע, אויפגערעגטע — גרייטן זיך ביידע צדדים צו די ווייטערדיקע שלאַכטן.

די פּאַרטיידיקונג פון צווייטן פּאָרט נעמט איבער גענעראַל פּרעסמאַן (דער יינגערער), נעבן וועלכן עס וועט קעמפן קאַרצאַזש, דער אומגליקלעכער העלד פון די פריערדיקע שלאַכטן.

די רעזערוו שטעלט צו אַ קליינע, אָבער אַ שטאַרקע אָפּטיילונג, וואָס באַשטייט פון ראָטשיין, אַפּטע, העכטקאָפּ און קראַסנאָבראָדע. אויסער דעם קומען צו צום זעקסטן און צום

זיבעטן פּאָרט נייע צוויי פּאָלקן אונטער דער אָנפירונג פון די גענעראַלן ק אַ ר אַ ש און אַ ל ט מ אַ ן.

אַזוי אַרום האָט מען אין פאַל פון שטרייט־פראַגן באַשטימט שידס־געריכטן פון די גענעראַלן, וואָס דאַרפן זיך, נאָכן אויסטוישן פון זייערע באַפולמעכטיקונגען, צוזאַמענטרעפן אין האַלבן וועג אויף אַ באַ־ראַטונג.

ענדלעך דערהערט מען אויפן צווייטן פּאָרט די ערשטע קורצע רעדע פאַרן אָנהייבן די שלאַכט.

— „סאָלדאַטן! — אָט דאָ שטייט פאַר אייך אַ צעריסן שטיק לייוונט אויף אַ צעבראָכענעם שטעקן. דאָס איז דער כבוד פון צווייטן פּאָרט. די דאָזיקע אַלטע פאָן איז נאָך מער טייער דערמיט, וואָס זי איז צעריסן גע־וואָרן אין קאַמף, וואָס זי האָט פאַרלוירן איר פאַרב אויפן שלאַכטפעלד.״

ווידער קומען שליחים, ווידער הערט מען די טרומייט.

די ערשטע אַטאַקע, וואָס איז אדורך מיט נצחון, האָט אַביסל געענ־דערט די טאַקטיק. די איצטיקע אַטאַקעס זענען קורצע, דערפאַר אָבער — שטאַרקע און רייסן זיך נישט איבער.

יעדע אָפּגעשטויסענע דריי קלייבן זיך גלייך צונויף און וואַרפן זיך אַלע אויפן שוואַכסטן פּונקט פון אָקאָפּ.

נאָר אויך די פאַרטיידיקונג האָט שוין איצט דערפאַרונג: דריי גאַנצע פּאָלקן שטייען ביי דער פאָן און טוען גאַרנישט. זיי זענען דאָס די רע־זערוו און די שטאַרקע פאַרטיידיקונג פון דער פּלאַטערדיקער פאָן.

די צאָל פון די העלדן וואַקסט. עס וואַקסט אויך די צאָל פון די גע־נומענע אין געפאַנגענשאַפט.

דער גאַנצער פינפטער פּאָלק, צוזאַמען מיטן אָנפירער, אויסער איין סאָלדאַט, ר אָ ז נ ר אָ ט, איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. ר אַ־ ש ע ר, וואָס איז פון אַ פּראָסטן זעלנער געוואָרן אַ פּאָלקאָווניק, באַקומט די ראַנגע פון אַ גענעראַל.

עס צייכענען זיך אויך אויס: ה ע ר צ מ אַ ן, ג ו ט נ ע ר, ק אָ ר־ ט ש אַ ק, נ ע ב ע ל ד ע ר און ש פּ י ר ג ל אַ ס. פּולקאָווניק

ה אַ ר נ ק ר י ג קריגט דימיסיע פאַר אומאָרדענונג אין די אָפּטיילונגען.

אויסער דעם ווערט דער זעלנער ה ע ר ש פ י נ ק ל איבערגעגעבן צום קריגס־געריכט, דערפאַר, וואָס בעתן שלאַכט איז ער זיך גאַנץ רואיק געזעסן אויף אַ זייטיקן פעסטונג־וואַל און געגראַבלט זיך אין דער נאָז.

דאָס גראַבלען אין דער נאָז, וואָס האָט אַ סך אָנהענגער און איז סוף־כל־סוף נישט מער ווי אַ גאַנץ אומשולדיק שטיקל ארבעט — איז אָבער שטרענג פאַרבאָטן אין דער צייט פון קריג, און ווען עס גייט אָן כבוד פון דער פעסטונג. דערפאַר, אויב עס קומט אַזאַ פאַל פאָר, מוז ער ביי יעדן ארויסרופן פאַרדרוס. נישט נאָר ביים אָנפירער, נאָר אפילו ביים חבר פון געווער.

צום סוף פון אַנדערן טאָג האָט דער סאַפּיאָר פ ל א ש נ ב ע ר ג צעשטערט דעם פעלד־טעלעפאָן — און מען האָט ווידער געשלאָסן וואָפן־שטילשטאַנד ביז אויפן אַנדערן טאָג.

די שונאים גיבן זיך די הענט. אונטער די קלאַנגען פון זיגער־מאַרש טיילט מען אויסצייכענונגען — שיינע אָרדערס, אויסגעשניטן פון רויט, בלוי און געל פּאַפּיר.

אויפן דריטן טאָג זענען ביידע צדדים מסכים אפילו נישט צו עסן קיין מיטאָג — אבי עס זאָל שוין קומען צו אַ סוף: ד״ה אָדער צווינגען די אָנגרייפער אָפּצוטרעטן, אָפּצוזאָגן זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון דער פעסטונג, אָדער — זעענדיק די אומנוצלעכקייט פון ווייטערדיקן קאַמף — אָפּצוגעבן די פעסטונג אויף בכבודיקע באַדינגונגען.

פונדעסטוועגן האָט קיינער פון די צדדים נישט געוואָלט נאָכגעבן.

דער צווייטער פּאַרט איז געפאַלן ערשט אויפן פערטן טאָג און דאָס אויך צוליב אַ מיאוסן צופאַל.

איינער פון די „דרייעלעך״, ארויספאַלנדיק אויפן בערגל, ווו ס׳איז געווען פאַרשטעקט די פאָן, האָט נישט באַוויזן זי צוצונעמען, נאָר אָפּ־צוברעכן אַ שטיקל שטעקן מיט אַ נאָגל און אָפּצורייסן אַ שטיקל לייוונט, נישט גרעסער, ווי אַ האַלבער צענטימעטער.

פרעגט זיך:

— צי הייסט דאָס, אַז מען האָט גענומען די פאָן?

מען שליסט וואָפנשטילשטאַנד און ס'קומט פאָר אַ שידס־געריכט.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם וואַרטןביידע צדדים אויפן סוף פון די אונטערהאַנדלונגען, וואָס די הויפּט־גענעראַלן פירן צווישן זיך.

די באַראַטונגען געדויערן זייער לאַנג, וואָרן די פראַגע איז אַ פאַרוויקלטע.

— צי באַווייזט דאָס טאַקע נישט — ענטפערט די פאַרטיידיקונג — אַז די פאָן קאָנט איר נישט נעמען?

דאָס געריכט איז פאָרגעקומען אויפן שטח צווישן אָבאָז און צווישן דער פעסטונג, און נאָר איינציקע ווערטער פון די אויפגערעגטע גענעראַלן האָבן געקאָנט דערגיין צו די אויערן פון דער גאַנצער אַרמיי.

ענדלעך האָט גענעראַל פּ ר ע ס מ אַ ן , זייער אַ בלאַסער, געגעבן אַ באַפעל אָפּצוגעבן דעם שונא די פאָן פון צווייטן פאָרט און אַליין אָפּצוטרעטן צו דער פעסטונג.

עס האָבן זיך דערהערט אומעטיקע טענער פון טרויער־מאַרש.

די גענעראַלן האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן. די גערעכטיקייט האָט געזיגט.

פּאָלקאָווניק פ ע ר ג ע ר י כ ט , וואָס האָט געהיט די פאָן, איז נאָר אַ דאַנק זיין ווייב און קינד, באַפרייט געוואָרן פון שטראָף.

ערשט אין די שלאַכטן ביי דער פעסטונג, אַ דאַנק זיין העלדישקייט, האָט ער צוריקגעקריגן די פאַרלוירענע ראַנגע און דעם געהעריקן כבוד.

די הויפּט־אָנפירונג איבער דער פעסטונג האָט איבערגענומען גענעראַל ל י ס .

נאָך עטלעכע נישט־איינגעגעבענע אַטאַקעס, האָבן די אָנגרייפער מודה געווען, אַז די פעסטונג קען מען נישט נעמען.

דער לעצטער אַקט זאָגט אַזוי:

„מיר שליסן שלום אויף אַ יאָר. אין באַזיץ פון די אָנגרייפער בלייבן צוויי הויפּט־פאָרטן און פינף זייטיקע פאָרטן, אין באַזיץ פון דער פאַרטיידיקונג — בלייבט די פעסטונג".

דאָ קומען די אונטערשריפטן און אַ גרויסע חתימה פון רויטן לאַק.

קאַפּיטל פופצן

דער פּרינץ קרוק און זיין ברודער. — קיישעלעך פון וואַסער־גראָז. — פאַרוואָס איז בער־לייב קרוק אַ פּרינץ

— פאַרוואָס רופט איר דעם עלטערן ק ר ו ק — פּרינץ?

— ווייל ער איז אַזוי איידל, ווי אַ פּרינץ. אַ ליאַדע וואָס באַליידיקט ער זיך און וויל זיך שוין נישט שפּילן.

— און דער קליינער ק ר ו ק איז אויך אַ פּרינץ?

— יאָ, באַלד: אַ לאַבוס איז ער, נישט קיין פּרינץ.

דער עלטערער ק ר ו ק היט אָפּ דעם ברודער זיינעם, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. ער גיט אים אַוועק זיין פענדל און תמיד נעמט ער זיך אָן פאַר אים. דער קליינער, ווידער, איז אַ גרויסער עזותניק און לאָזט קיינעם נישט אויפן אויג.

ווען דער קליינער שפּילט זיך, האַלט דער עלטערער די פּעלערינע זיינע. אינדערפרי באַקוקט ער אים די אויערן, צי דער זייף איז גוט אָפּגעשווענקט. אויפדערנאַכט ווידער בעט ער אים דאָס בעט און דעקט אים אַרום מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט, ווי אַן אייגענע מאַמע.

— פאַרוואָס צערטלסטו אַזוי דעם דאָזיקן מזיק? — האָט מען אַמאָל געפרעגט דעם עלטערן ק ר ו ק — אַרומשלאָגן זיך מיט אַלע קאָן ער, נאָר אַליין בעטן דאָס בעט וויל ער נישט.

— זאָל ער זיך שפּילן — ענטפערט דער עלטערער — ער איז נאָך קליין. ר'איז אַלט אַכט יאָר.

— דו ביסט אויך נאָך קליין.

— אָ, ניין, איך בין שוין אַלט צוועלף יאָר, איך אַרבעט שוין צו־זאַמען מיטן טאַטן אין אַ פאַבריק פון שיך. איך בין שוין אַ גרויסער.

ווען די יינגלעך האָבן איינמאָל געפלאָכטן קיישעלעך פון וואַסער־גראָז, האָט אויך דער עלטערער ק ר ו ק געוואָלט מאַכן אַ קיישעלע פאַר זיין ברודערל.

זיצן זיי אַזוי, די יינגלעך, אויף די שטיגלעך פון דער וועראַנדע און אַרבעטן. פאַלט פלוצלינג איינעם איין, אַז עס פעלן אים צוויי גרעז־לעך.

די גרעזלעך זענען לאַנגע, זייער טייערע גרעזלעך. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און דאָס יינגל האָט אָנגערופן ק ר ו ק ן—גנב.

ק ר ו ק איז מיטאַמאָל געוואָרן אוים מענטש. קיין שום זאַך האָט אים שוין נישט געקאָנט צוריק אויפהייטערן. אפילו דאָס מעסערל, וואָס מען האָט אים געגעבן — האָט אויך נישט געהאָלפן. דאָס קיישעלע האָט ער שוין נישט פאַרענדיקט און קיין אָוונטברויט האָט ער אויך נישט געגעסן.

— עס, ק ר ו ק ש י, ס'איז נישט שיין צו זיין אַזאַ כעסן. ער האָט דאָך דיך שוין איבערגעבעטן. ער האָט דאָך אַליין מודה געווען, אַז די גרעזעלעך זענען דיינע.

— איך בין גאָרנישט בייז אויף אים.

ק ר ו ק פרוווט עסן. ער הייבט אויף דעם לעפל צום מויל.

— ניין, כ'קאָן נישט. אַז כ'האָב עגמת־נפש קאָן איך קיינמאָל נישט עסן.

— האָסט אָפט עגמת־נפש?

— דאָ, אויף דער קאָלאָניע — נישט, נאָר אינדערהיים — אַ סך מאָל.

„ליבע טייערע עלטערן! — האָט דער עלטסטער ק ר ו ק געשריבן אַהיים — ערשטנס שרייב איך ענק, אַז אונדז איז דאָ זייער גוט. געבע גאָט צו הערן פון אייך דאָס נעמלעכע ביז אייביק. און מיר בענקען גאָר־נישט אַהיים און מיר גייען אַלע טאָג שפּאַצירן אין וואַלד אַריין. צווייטנס

שרייב איך ענק, אַז מיר שפּילן זיך דאָ זייער גוט און חיים איז פֿאָלגעוודיק. זייטס געזונט און שטאַרק. און מיר גריסן ענק גאָר פֿריינטלעך. פֿון מיר בער־לייב און פֿון חיימען".

עמיצער האָט אַמאָל אין אַ וויץ אָנגערופֿן ק ר ו ק ן פּרינץ, כאָטש אַ וויץ — דאָך נישט ווייט פֿון אמת.

פֿאַראַן אין לעבן צוויי קעניגרייכן: איינס — דאָס איז דאָס קעניג־רייך פֿון פֿריילעכע שפּילן, פֿון רייכע סאַלאָנען און פֿון טייערע קליידער. דאָרט זענען פּרינצן אזעלכע, וואָס זענען פֿון דור־דורות געווען רייך, וואָס האָבן צום פֿריילעכסטן געלאַכט און צום ווייניקסטן געאַרבעט.

פֿאַראַן אָבער אויך אַ צווייט קעניגרייך — אַ גרויס קעניגרייך פֿון זאָרג, פֿון הונגער און פֿון שווערע אַרבעט. די פּרינצן פֿון דאָזיקן קעניג־רייך ווייסן שוין פֿון קינדרווייז אָן, ווי טייער עס קאָסט אַ פֿונט ברויט; זיי גייען אום מיט די יינגערע שוועסטער און ברידער און אַרבעטן שווער און ביטער צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע.

ט ש א ר נ ע צ ק י און ק ר ו ק פֿון דער קאָלאָניע זענען פּרינצן אין קעניגרייך פֿון טרויעריקע מחשבות און פֿון שוואַרץ ברויט.

זיי זענען פּרינצן פֿון דור־דורות. שוין גאָר, גאָר לאַנג האָבן זיי דעם דאָזיקן גרויסן יחוס־בריוו געקריגן.

קאַפּיטל זעכצן

די דאגות פון די אויפזעער. — אַ גענעראַל, וואָס ווערט אַ פערד. — ווי אַזוי שעפּסן האָבן אויסגעלערנט אַ מענטש שכל

אויפזעער, וואָס שטערן די קינדער צו שפּילן־זיך, ווי זיי געפעלט, זענען אויף דער קאָלאָניע פאַראַן פיר.

דער ערשטער איז פּ אַ ן ה ע ר מ אַ ן, וואָס קאָן אַ ים לידלעך און וואָס האָט זייער מורא — עמיצער פון די קינדער זאָל קיין פיסל נישט צעברעכן, אָדער נישט קראַנק ווערן אויף פּאָקן.

צוליב דעם טאָקע טאָר מען אין זיין גרופּע נישט טראָגן קיין שטעקנס און נישט קריכן אויף דיביימער.

אים איז אויך נישט געפעלן די שפּיל אין מלחמה, און אז עס בלאָזט אַ ווינטל, וויל ער שוין נישט גיין באָדן זיך.

דער צווייטער, פּ אַ ן ס ט אַ נ י ס ל אַ וו, איז קראַנק געווען אויפן האַלדז און אויפן מויל. דערנאָך האָט ער געקריגן אַ שלוקעכטס, און צום סוף האָט ער גאָר געשלונגען אייזן־פּילן.

אויסער די אַלע זאַכן פאַרמאָגט נאָך פּאַן סטאַניסלאַוו אַ טרומייט, אויף וועלכן מען קאָן אַזוי שיין אויסשפּילן דאָס רוף־ליד (פּאָבודקאַ).

ער טאָקע האָט דאָס צוגעגרייט אַ פּלאַץ, וווּ מען שפּילט זיך אין יאַגעלעך און ער האָט, בשעת די לעבעדיקע בילדער, צוגעגרייט דעם מלאך פליגל.

פּ אַ ן מ י ע ט ש י ס ל אַ וו ווידער האָט דורך שוואַרץ־קינצלעריי געוויזן אַזעלכע אויסטערלישע מענטשעלעך מיט אַזעלכע טיי־

ערע קונצן; אויסער דעם איז פאַן מ י ע ט ש י ס ל א ו א גרייסער בריה אראָפּצונעמען אלע פּילקעס, וואָס פאַלן ארויף אויפן דאַך פון דער ווערּאַנדע.

דער פּערטער אויפזעער איז זייער אן אומבאַהאָלפענער מענטש. אין פּאַלאַנט שפּילן קאָן ער נישט, נאָר ווייל ער שרייבט ביכלעך, מיינט ער, אַז ער איז אַ גאַנצער חכם. אין אמתן אָבער האָט אים אַ סטאַדע שעפּסן אויסגעלערנט שכל, ווי מיר וועלן באַלד געוואָר־ווערן.

ס'האָט געזאָלט זיין נאָך אַ פינפטער אויפזעער, נאָר צום גליק האָט ער חתונה געהאַט און ס'ווייב האָט אים געהייסן זיצן אינדערהיים.

די דאָזיקע פיר פאַרשוינען רופן מיר דאָ אין ביכל: אַמאָל — אויפ־זעער און אַמאָל — לערער: אין אמתן אָבער זענען זיי אַלע צו ביסלעך.

אינדערפרי זייפט מען די קינדער די קעפּלעך אונטער די קראַנען. דעמאָלט איז דער אויפזעער אַ בעדער. ווען מען טיילט אויס פרישע וועש און אַנטועכטס, איז דער אויפזעער אַ שניידער — ער מוז מעסטן און פּאַסן.

אַז מען שטייט אויף, איז אַ מנהג — דער דיזשורנע זאָל צונייען עמיצן אַ קנעפּל, וואָס האָט זיך נעכטן אָפּגעריסן. ס'טרעפט אָבער, אַז באַלד נאָך מיטאָג זאָל זיך אָפּרייסן אזא קנעפּל, אָן וועלכן דאָס ייִנגל קאָן פאַרלירן די תחתונימלעך — דעמאָלט נעמט דער אויפזעער נאָדל־פּאָדים און טראַכט, אַז טיילמאָל איז אַ סך ליבער אָנצונייען אַ קנעפּל, ווי אויפצושרייבן אַ ביכל: וואָרן אַ גוט־צוגענייט קנעפּל וועט תמיד ברענגען נוצן.

בשעת מיטאָג איז דער אויפזעער אַ קעלנער; און טאָמער שאָקלט זיך עמיצן אַ צאָן, רייסט אים דער אויפזעער ארויס מיט דער האַנט. דעמאָלט איז ער גאָר אַ דענטיסט.

— וועמען נאָך שאָקלט זיך אַ צאָן?

— מיר, לערער, מיר!

און ס'שטופּן זיך אַפילו אזעלכע, וועמען עס פאַלט גאָרנישט אויין

— דער צאָן זאָל זיך שאָקלען, נאָר קיינער וויל דאָך נישט זיין ערגער, ווי דער צווייטער.

און וויפל מאָל מוז דער אויפזעער אויסגלייכן כל־ערליי פארפלאָנ־טערטע סכסוכים?

— לערער, אז מען קויפט א זעמל פאר די פייגל, טוט מען אן עבירה? — וואָרן מיין זיידעשי וואַרפט שטענדיק צו די פייגעלעך קריש־קעס פון ברויט, און אז עס פעלט אים אויס ברויט, קויפט ער א זעמל. און שיערא טשעק זאָגט, אז ס׳איז אן עבירה.

— זעסטו שוין, בהמה, אז ס׳איז נישט קיין עבירה. כ׳האָב דיר געזאָגט.

אויב מיר וועלן נעמען אין אכט, אז בשעתן טריומף־מאַרש איז גע־נעראל קאָרצאַזש געוואָרן א פערד, אז דער מלאך פון די לעבע־דיקע בילדער איז געווען דער דינער פון קאָלאָניע־געריכט, אז די מאַנדל־קעניגין איז געווען דער דיזשורנע ביים אויפבעטן די בעטן, וועט אונדז שוין גאָרנישט וווּנדערן, וואָס אן אויפזעער קאָן זיין: אמאָל א בעדער, אמאָל א קעלנער און דאָס גלייכן.

און וויפל, מיינט איר, דאגות האָט אזא אויפזעער, וויפל צרות און עגמת־נפש?

— זאָלן דאָרט די הערן זאָגן די יינגלעך, זיי זאָלן נישט אפּערשאָרן די שטיינער פון אונטער דער וועראַנדע.

— זאָלן דאָרט די הערן זאָגן די יינגלעך, זיי זאָלן נישט אראָפּשינדן די קאָרע פון די ביימער.

דאָס זענען אלץ יוזעפס טענות.

ער פארמאָגט זיין אייגנס א רעוואָלווער, מיט וועלכן ער היט די קאָלאָניע. נאָר אזוי ווי קיינער איז נאָך אויף אונדז קיינמאָל נישט אָנגע־פאַלן, ווייסט מען נישט — צי דער רעוואָלווער שיסט, צי נישט.

— נו, זאָל דער הער אליין זאָגן, ווי אזוי די דאַזיקע בלוזע זעט אויס.

בראָמבערגס בלוזע זעט טאַקע אויס שרעקלעך. קיין איין

קנעפּל נישט. דערפאַר אָבער — אַלע לעבלעך און יעדעם לעבל איז אַזוי גרויס, ווי אַ טאַבאַק־שקעטעלע.

— געוואַלט! שוין ווידער אויסגעהאַקט אַ שויב. די דריטע, מיט מזל. וואָס וועט דאָס זאָגן דער סעקרעטאַר פון וואַרשע?

און דער אומגליקלעכער אויפזועער לאָזט, נעבעך, טרויעריק אַראָפּ דעם קאָפּ. זי איז גערעכט, די באַלעבאָסטע אונדזערע, גאָר גערעכט.

און ווי אויף להכעיס האָט עמיצער פאַרכשופט אונדזער קליין וועלדל, און נישט קוקנדיק אויף אַלע דאגות און צרות — איז אַזוי פריילעך, אַזוי זוניק.

הענגען וואָלקנס אויפן הימל — זענען זיי שמייכלדיקע. ווערט עמיצער בייז פון אונדז — איז עס אַ גוטע בייזקייט, אַ ליבלעכע — אַ בייזקייט אויף אַ געלעכטער. וואָרן ווי אַזוי קאָן מען בייז זיין, אַז דאָ ווערט געשאַפן אַזאַ הערלעכע אַרבעט, אַזאַ ווונדערלעכע לערע.

די אויפזועער לערנען די קינדער, די קינדער לערנען די אויפזעער, און אַלע צוזאַמען לערנט די זון, לערנט דאָס פעלד מיט דער גאָלדענער תבואה.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז דעם פערטן אויפזעער האָט אויסגעלערנט שכל אַ סטאַדע שעפּסן.

די מעשה איז אַזוי געווען:

— קומט, קינדער, וועל איך אייך דערציילן זייער אַ שיינע מעשה — האָט זיך איינמאָל אָנגערופן דער פערטער אויפזעער.

אַ גאַנצע חברה ייִנגלעך, אפשר הונדערט, זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויסהערן די זייער שיינע מעשה.

— לאָמיר זיך אַוועקזעצן דאָ — ליגט איינער פאָר.

— ניין, מיר וועלן גיין ווייטער אין וואַלד אַריין — באַשליסט דער אויפזעער און איז שטאָלץ, וואָס אַזוי פיל ייִנגלעך לויפן אים נאָך אויסהערן די מעשה.

און אַזוי לויפנדיק זענען אַלע צוגעקומען צום ברעג וואַלד און דאָרט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ האַלב־ראָד.

— שטופּט אײַך נישט. כ׳וועל רעדן הויך —אַלע זאָלן הערן — זאָגט דער אויפזעער צופרידן, וואָס די קינדער שטופּן זיך, וואָרן יעדער וויל זיצן נענטער — ער זאָל בעסער הערן.

— נו, שווייגט, קינדער. איך הייב אָן: איינמאָל...

נאָר דאָ גיט זיך פּלוצלינג ב ר אָ מ ב ע ר ג (דער אייגענער ב ר אָ מ ב ע ר ג, וואָס האָט געהאַט אַלע לעכלעך און קיין איין קנעפּל נישט) אַ דריי־אויס, אַ קני־אַנידער אויף איין קני און מיט אַ טאָן פון אַ מענטש, וואָס איז זיכער אין זיינע רייד, גיט ער אַ זאָג:

— אָ, דאָרט גייען שעפּסן.

מען האָט טאַקע געטריבן אַ סטאַדע שעפּסן. די שעפּסן זענען געגאַנגען אין געדיכטע קנוילן שטויב. שטופּנדיק זיך איינס אויף ס׳אַנדערע, צעשראָקענע און אַזעלכע נעבעכדיקע.

נישט לאַנג געטראַכט גיבן זיך די יינגלעך, ווי איין מאַן, אַ שטעל־אויף, פאַרגעסן גאָר אינגאַנצן אָן דער מעשה, וואָס דער אויפזעער האָט זיי אָנגעהויבן צו דערציילן און לויפן זען די סטאַדע שעפּסן.

דער אויפזעער איז געבליבן אַליין. אין פלוג האָט עס אים אפילו פאַרדראָסן, נאָר פון דעמאָלט אָן גלייבט ער שוין ווייניקער, אַז ער קאָן דערציילן שיינע מעשיות און אַ דאַנק דעם איז ער געוואָרן באַשיידענער, ד״ה במילא קלוגער.

די שעפּסן האָבן אים אויסגעלערנט שכל.

קאַפּיטל זיבעצן

די קאָלאָניע — אַ הייל פון גזלנים. — די גרויסע אויספאָרשונג און דער עדות פון פּריצישן הויף. — דאָס מוחל זיין

אין פאַרלויף פון זומער מוז אויף דער קאָלאָניע כאָטש איינמאָל געשען עפּעס א שרעקלעכע זאַך.

פאַר צוויי יאָר האָבן די יינגלעך געוואָרפן שישקעס אין א געשוווי־רענעם אדוואָקאַט פון לובלין.

דער אדוואָקאַט איז געפאָרן אין אַ בריטשקע איבער דער קאָלאָניע. ער האָט געוואָלט באַשרייבן אין די צייטונגען, אַז די יינגלעך פאַלן אָן אויף מענטשן, נאָר סוף־כל־סוף האָט ער זיי מוחל געווען.

פאַראַיאָרן זענען זיך דריי יינגלעך געגאַנגען באָדן און איינגעזעסן אין א שיפל. גראָד האָט עס דערזען דער מילנער און ער האָט ערשט דאָס שיפל צוגעשלעפּט צום ברעג.

היי־יאָר ווידער האָט זיך איבער דער קאָלאָניע פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז אונדזערע יינגלעך האָבן געוואָרפן שטיינער אויף אַ משוגענעם ייד און געלאָזט אים בלוט פון קאָפּ, און אַז א גויע פון דאָרף האָט פון גרויס רחמנות אָפּגעוואַשן אים דאָס בלוט און געגעבן צו טרינקען א ביסל מילך.

פינף יינגלעך זענען פאַראַן, וואָס ווערן באַשולדיקט אין דער דאָזי־קער מיאוסער מעשה.

— ווי אַזוי איז עס געשען?

— אַזוי, עפּעס איז אדורכגעגאַנגען דורכן וואַלד אַ ייד מיט א זעקל

אויף די פּלייצעס און מיט אַ פּאָר געלעכערטע שטיוול אויף דער האַנט. דער ייִד איז געגאַנגען פּאַמעלעך און האָט עפּעס גערעדט צו זיך. האָבן אים די ייִנגלעך דערזען און אָנגעהויבן לאַכן פֿון אים, און איינער האָט אַרויסגעבלעזלט פֿאַר אים אַ צונג. אַ צווייטער, ווידער, האָט אויפגעהויבן אַ שישקע און געוואָרפֿן זי אין אַ שטיוול אַריין. נאָר אַזוי ווי די שטיוול זענען געווען געלעכערט, איז די שישקע אַרויסגעפֿאַלן. און אַ דריטער האָט געפֿרעגט, וואָס ער טראָגט דאָ אין זעקל אויף די פּלייצעס.

— אין דעם זעקל — האָט דער ייִד געענטפֿערט — געפֿינט זיך צען מאָל צו צען טויזנט רובל.

דעמאָלט האָט אים איין ייִנגל אָנגעהויבן בעטן — ער זאָל אים געבן כאָטש איין רובל, אויב ער איז טאַקע אַזוי רייך.

— נו, און ווייטער?

— ווייטער גאָרנישט. דער ייִד איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועגס און זיי האָבן זיך צוריק אָנגעהויבן שפּילן.

בשעת מען פֿרעגט אויס די ייִנגלעך, קומט צולויפֿן אַ פּאַרשאַפּעטע גויע פֿון פּריצישן הויף: זי וויל עדות זאָגן, זי ווייסט די גאַנצע מעשה.

— וואָסערע צוויי קוואָרט בלוט, ווער דערציילט עס אַזעלכע באָבע־מעשיות? אמת, מילך האָט זי אים טאַקע געגעבן, וואָרן זי קען אים, דעם ייִד — ער איז אַ שטיקל נאַר. ער דרייט זיך דאָ תּמיד אַרום. זי האָט אים געזאָגט — ער זאָל גיין אויף דער קאָלאָניע, וועט ער קריגן אַ שטיקל פֿלייש. האָט ער נישט געוואָלט, וואָרן אויף דער קאָלאָניע, האָט ער גע־זאָגט, זענען די ייִנגלעך רוצחים. וואָס אמת איז אמת: זיי זענען רוצחים, האָט ער געזאָגט. זיי זאָלן האָבן געוואָרפֿן אויף אים שטיינער. ווייזט אויס, אַז די ייִנגלעך האָבן טאַקע געמוזט וואַרפֿן שטיינער, וואָרן ער האָט געהאַט אַ צעדראַפּעטן האַלדז. ווי ייִנגלעך! זי האָט איר אייגנס צוויי און קאָן זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבן, און ווער שמועסט נאָך, אַז ס׳איז פֿאַראַן נאָך אַזוי פֿיל, ווי דאָ אויף דער קאָלאָניע. ס׳איז יונג, איז עס נאַריש. קיין גרויסע שטראָף אָבער דאַרף מען זיי נישט געבן. ס׳וועט אונטערוואַקסן, וועט עס קלוגער ווערן.

— איז עס טאַקע אמת, אַז די יינגלעך האָבן געוואָרפן שישקעס אויפן משוגענעם און צעדראַפּעט אים דעם האַלדז?

— הייסט עס, אַזוי: גייט זיך, נעבעך, אַ שוואַכער, קראַנקער מענטש איינער אַליין אויפן וועג. ער איז איינער און איר זענט הונדערט און פופציק. ער איז קראַנק און איר — געזונט. ער — הונגעריק, איר — זאַט. ער — טרויעריק, איר — פריילעך. און דערפאַר, וואָס ער איז איינזאַם, קראַנק, הונגעריק און טרויעריק, גייט איר און וואַרפט אויף אים שטיינער? וואָס איז דאָס אַזעלכעס? ניין, אַזוי קאָן ווייטער נישט בלייבן! איר ווילט דאָך אָבער נישט מודה זיין, ווער דאָס האָט געטון. איר זאָגט דאָך ליגנט.

און געשען זענען דריי זאַכן: איינער פון די יינגלעך האָט זיך צעוויינט, אַ צווייטער האָט געלאָזט וויסן, אַז ער וועט שוין אַלץ דערציילן, מעג מען אים אפילו צוריקשיקן דערפאַר קיין וואַרשע, און ס׳דריטע — האָט זיך דערהערט דאָס גלעקל, וואָס האָט גערופן צו אָוונטברויט.

צום ערשטן מאָל, זינט מיר זענען אויף דער קאָלאָניע, זענען מיר געגאַנגען אויף דער וועראַנדע אָן געזאַנג — אַלע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און אויסגעזעצט זיך, ווי עס איז, ביי די טישן.

צום ערשטן מאָל זענען די רייפטלעך ברויט היינט נישט צעטיילט געוואָרן לויט דער רייע, נאָר גלאַט אַזוי, ווי ס׳האָט זיך געלאָזט. די יינגלעך האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט די אויגן, נאָר קיינער האָט נישט דערמאָנט דעם אויפזעער, אַז די רייפטלעך ווערן נישט צעטיילט לויט דער רייע.

באַלד נאָכן עסן זענען געקומען די שולדיקע:

— מיר וועלן זאָגן דעם גאַנצן אמת:

זיי האָבן טאַקע געוואָרפן שישקעס, אָבער נישט אויפן מעשוגענעם. נאָר אין זעקל אריין, וואָס ער האָט געטראָגן אויף די פּלייצעס. זיי האָבן זיך געצילט: ווער ס׳וועט בעסער טרעפן, זיי האָבן געטון שלעכט, נאַריש און דערפאַר זענען זיי גרייט צו נעמען אויף זיך די גרעסטע שטראָף.

— גוט, איר זענט פיר — גייט אַלע אַריין אין שטוב און באַקלערט אַליין, וואָס עס קומט אייך דערפאַר.

אַצינד איז אויך געקומען דער פינפטער.

— לערער, איך וויל אויך גיין מיט זיי.

— פאַרוואָס? — האָט זיך דער אויפזעער געוווּנדערט.

— ווייל איך האָב אויך געוואָרפן.

— פאַרוואָס האָסטו דיך פריער נישט מודה געווען?

— ווייל כ׳האָב געמיינט, אַז מען וועט מיך אַוועקשיקן קיין וואַרשע.

— זיי האָבן מן־הסתם אויך אַזוי געקלערט, פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך מודה געווען. ניין, אַצינד איז שוין שפּעט.

די שטראָף, וואָס די פיר ייִנגלעך האָבן אויף זיך אַרויסגעגעבן, איז געווען אַזאַ:

— דריי שעה וועלן מיר זיצן אין קאָזע און ביזן אַוועקפאָרן וועלן מיר נישט קריגן צו שפּילן נישט די פּילקע, נישט די דאַמקע און נשט די דאָמינאָ.

דער אורטייל איז געווען זייער אַ שטרענגער. צי וועט אויף אים מסכים זיין די גאַנצע גרופּע?

— מיר ווייסן, ווי אָפט קינדער וואַרפן שטעקנס און אַפילו שטיינער אויף הינט, קעץ, און פערד. מיר ווייסן אויך, ווי זיי לאַכן און שפּעטן פון שכורים און משוגעים.

זיי האָבן געטון שלעכט. אָבער דאָס איז נאָר געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געוווּסט. אַצינד ווייסן זיי שוין און מער וועט עס זיך נישט איבערחזרן.

מיט אַ מערהייט פון זעקסאונצוואַנציק שטימען קעגן פינף האָט די גרופּע באַפרייט פון שטראָף די, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אויף זיך אַליין דעם אורטייל.

אויפדערנאַכט, ביים עסן, איז נאָך געווען אַ ביסל שטיל.

דער טרויעריקסטער אָבער איז געווען דער פינפטער. יענער, וואָס האָט אין אַן עת־צרה פאַרלאָזט זיינע חברים און מודה־געווען זיך ערשט דאַן, ווען ער האָט געזען, אַז די שטראָף וועט נישט זיין קיין שטרענגע.

קאַפּיטל אכצן

אַ שנעק (שלימאַק), אַ זשאַבע. — דער קליינער אַדאַמסקי הרגעט אַ פּוטער־בין. — דער גאַסטפּריינטלעכער באַלעבאָס. — דער גרויסער אויספלוג אין אָרלאָווער וואַלד אַריין

„שנעקל, שנעקל — ווייז דאָס קעפּל,
קריגס אַ גראָשן אויף אַ קרעפּל".

נעבן פורטקעוויטשן, וואָס האַלט אַ שנעקל, האָבן זיך אַרומגעשטעלט אפשר צוואַנציק יינגלעך. אַלע שטייען זיי אַזוי שטיל, אַז זיי האָבן אַזש מורא דעם אָטעם צו כאַפּן. פּ ו ר ט ק ע װ י ט ש האָט בפירוש געזאָגט, אַז דער שנעק וועט זיכער אַרויסשטעלן די הערנדלעך, ס'מוז אָבער זיין שרעקלעך שטיל, אַז נישט וועט זיך די די קונץ נישט איינגעבן.

דער שנעק האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און האָט טאַקע אַרויסגעשטעקט די הערנדלעך. דאָס איז ווערט געווען צו זען. פּשוט אויף וואונדער צו לויפן.

אַלע זענען זיך גלייך צעלאָפן, וואָרן יעדער וויל געפינען אַ שנעק און יעדער וויל זאָגן:

„שנעקל, שנעקל — ווייז דאָס קעפּל,
קריגסט אַ גראָשן אויף אַ קרעפּל".

עמיצער האָט אפילו געפונען אַ טייך־שיסעלע (מושעל), איז עס אָבער געווען ליידיק.

— דאָ מוזן אודאי וווינען קליינע זשאַבעס.

— נו, גיי שוין, בהמה, אין דיין נאָז וווינען זשאַבעס.

איבערן טייך פליען אַרום רעגנבויגנדיקע וואַסער־היישעריקן.

— אַ, זעטס נאָר, וואַסערע גרויסע קאָמאַרעס!

פלוצלינג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען האָט געפונען אַ זשאַבע. די זשאַבע האָט שוואַרצע פּינטעלעך, זי איז אויסטערליש־שיין.

אַלע ווילן זען די שוואַרצע פּינטעלעך פון דער זשאַבע.

ראַשער האָט געגעבן צו האַלטן די זשאַבע בריפּמאַנען. בריפּמאַן — ביעדאַן, און ביעדאַ האָט זי גאָר געוואָלט איינגאַנצן צונעמען.

האָט מען באַדאַרפט זען, ווי אַזוי די זשאַבע איז געגעבן אַ טאַנץ אַריין אין וואַסער, ווי נאָר זי האָט זיך אַרויסגעקריגן פון זייערע הענט.

דער קליינער אַדאַמסקי האָט מיטן היטל דערהרגעט אויף טויט אַ פוטער־בין.

מען זאָגט, אַז די פוטער־בין האָט זיך געוואָרפן אויף אַדאַמסקין. מן־הסתם האָט זי אים געוואָלט אויפעסן. איז דער קליינער אַדאַמסקי אַנטלאָפן, איז די פוטער־בין אים נאָכגעלאָפן. האָט דער קליינער אַדאַמסקי אַראָפּגעכאַפּט ס'היטל פון קאָפּ און מיטן גאַנצן כח אַ זעץ־געטון די פוטער־בין. איז די פוטער־בין געבליבן ליגן אַ טויטע.

צוליבן ניצול־ווערן פון טויט, האָט מען דעם קליינעם אַדאַמסקי געווונטשן מזל־טוב און אַלע האָבן מיט גרוים נייגער באַקוקט די געהרגעטע חיה.

די יינגלעך לויפן כסדר אַראָפּ פון בערגל צום טייך צו. אָדער זיי קוילערן זיך אין גראָז און קלעטערן ווידער אַרויף אויפן באַרג.

פלוקסבוים האָט געפונען אַ בערעלע, האָט ער עס געגעבן אַ חבר צו באַקוקן. איז געגאַנגען דער חבר און האָט אויפגעגעסן דאָס בערעלע, און אָנשטאָט דעם געגעבן פלוקסבוימען אַ שוואָם. אַ שוואָם אָבער מוז מען אַוועקוואַרפן, וואָרן מיט שוואָמען קען מען זיך טיילמאָל סמען.

און דערנעבן, אין וועלדל, וואַקסט אַזאַ הערלעך פעדער־גראָז (פּאַפּ־

ראַטש) מיט אַזעלכע גרויסע, געשניצטע בלעטער.

מיר זעצן זיך דערווייל אַוועק וואַרטן אויפן אַנביסן.

— דאָרט ווייט, ווו דער הימל שפּאַרט זיך אָן אויפן שפּיץ־וואַלד, דאָרט איז עק וועלט — זאָגט איינער.

— נישט אמת, די ערד איז קיילעכיק, און אין אַמעריקע גייען די מענטשן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס קאַפּויר.

— ביסט אַ בהמה, איך האָב אַ פעטער אין אַמעריקע גייט ער גאָרנישט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס קאַפּויר. נאָר ווען ביי אונדז איז טאָג, איז אין אַמעריקע — נאַכט.

ב ר אָ מ ב ע ר ג פּרוווט גלייך אויפן אָרט, ווי אַזוי מען גייט אויפן אַמעריקאַנער שטייגער, ד״ה מיט די פיס קאַפּויר.

אויף אים קוקנדיק פּרוון שוין אַנדערע אויך. אַלע ווילן זיך איבער־ציי‏גן, צי איז טאַקע מעגלעך, אַז אין אַמעריקע זאָלן מענטשן גיין מיט די פיס קאַפּויר.

אויסער דעם ווערט מען געוואָר, אַז אויף פּויליש קאָן מען שרייבן: „Bóg, Bug און Buk" אַז דאָס ערשטע איז — גאָט, דאָס צווייטע — אַ טייך און דאָס דריטע — אַ בוים.

מען דערוויסט זיך אויך, אַז אין געוועלבל קאָן מען קויפן פּאָר אַ צווייער אַ דאַמינע: מען דאַרף זי נאָר אַליין אויסשניידן און צוקלעפּן אויף דעקטורע; מען ווערט אויך געוואָר, אַז מ ר ג ל י ו ת האָט אַ זילבערן זייגערל, וואָס ליגט באַהאַלטן ביי דער מאַמען אין דער קאַמאָדע.

מ ר ג ל י ו ת ס טאַטע האָט אַמאָל געהאַלטן סעדער: ער האָט פאַרמאָגט אַ סך בארנעס, מיט אַ סך קאַרשן. מיט אַ סך פלוימען — און — אַ גאָלדן זייגערל.

איינמאָל, ווען ער האָט געהיטן באַנאַכט דעם סאָד, האָט ער זיך פאַרקילט און איז געשטאָרבן. איז געגאַנגען די מאַמע און האָט באַהאַלטן דאָס זייגערל פאַרן זון, ווען ער וועט אונטערוואַקסן, וועט זי עס אים געבן.

ערשט אַצינד הייבן די יינגלעך אָן צו גלייבן, אַז מ ר ג ל י ו ת האָט אויף אַן אמת אַ זילבערן זייגערל.

פאַרן אַנבייסן אָרדנט איין פּ א ן ה ע ר מ א ן לעקציעס פון געזאַנג.

אַלע זינגען.

דאָס אַנבייסן אין וואַלד באַשטייט פון ברויט מיט צוואָרעך.

די יינגלעך שפּאָרן־זיך, ווער ס'וועט פריער צעטיילן דאָס ברויט זיין גרופּע.

— ביי אונדז האָט שוין געקריגן דער צוואַנציקסטער, און דאָרט — ערשט דער פיפצנטער — טענהן זיי מיט גדלות.

די באַלעבאָסטע מאַכט אונדז אַ סיורפּריז: זי ברענגט אַרויס אין וואַלד אַריין קאַלט וואַסער. און טרינקען ווילט זיך, וואָרן די היץ איז גרויס. אויף יעדן יינגל פאַלט אויס אַ טעפּעלע וואַסער.

נישט קוקנדיק אויף דער היץ, שפּילט מען כסדר אין פּאַלאַנט. דער עיקר — די פּילקע זאָל נאָר נישט פאַרלוירן גיין ערגעץ אויף דער לאָנקע.

און אין דריי טעג אַרום גייט מען אַלע אין אָרלאָווער וואַלד אַריין קלייבן יאַגדעס.

„העי, צי פאָרן ווייט אין וואַלד, ווייט אין וואַלד,
ווייט אין וואַלד.
פּאַראַוויס, לוסטיק, איינס, צוויי, איינס, איינס, צוויי
איינס — גייט מען באַלד
טרויבן קלייבן, יינגלעך — פלינק,
שפּאַסן מוז דער — ווער ס'איז יונג, ווער ס'איז גרינג — העי!

קרעכצט ווו איינער אויפן וועג, אויפן וועג, אויפן וועג
אַז די פיסלעך טוען וויי, טוען ווי פון דעם גיין,
שעמען מעג זיך דער שלימזל, דער שלימזל, און נישט שיין,
שעמען מעג זיך דער שלימזל און אין וואַלד אַריין נישט גיין".

אין אָרלאָווער וואַלד אַריין איז צו גיין אַן ערך פון קנאַפּע דריי וויאָרסט.

דער ערשטער קורצער אָפּרו איז אין בזשעזשינע וועלדל. דער צווייטער — אויף דער לאָנקע ביי די שינעס פון דער באַן, און דער דריטער — אויפן פעלד, וואָס איז פאַרזייעט מיט קאָניטשינע.

— גייט, קינדער, אין פעלד אַריין, דאָ איז אַ גרויסער שטויב — זאָגט אַ פויער.

— ווי אַזוי קאָנען זיי גיין אין פעלד אַריין, אַז דאָרט איז פאַרזייעט קאָניטשינע, זיי וועלן זי דאָך צעטרעטן.

— וואָס וועלן זיי דאָרט באַרוועסרהייט צעטרעטן? — גייט, קינדער, גייט, ס'איז מיין פעלד, איך היים.

פּוילישער פויער! קוק דיך נאָר צו בעסער צו די דאָזיקע יינגלעך. דאָס זענען דאָך גאָר קיין קינדער נישט, דאָס זענען דאָך יידישע „ממזרים". אין שטאָט לאָזט מען זיי נישט אַריין אין קיין שום גאָרטן, אין שטאָט טרייבט זיי דער פורמאַן אַראָפּ פון דער גאַס מיט דער בייטש, דער שפּאַציר־גייער שטופּט זיי אַראָפּ פון טראָטואַר, און דער סטרוזש טרייבט זיי אַרויס פון הויף מיטן בעזים. דאָס זענען דאָך גאָר קיין קינדער נישט, דאָס זענען דאָך נישט מער, ווי „מאַשקעס". ווי קומט עס, וואָס דו טרייבסט זיי נישט אַוועק פון דער ווערבע ביים וועג, וווּ זיי האָבן זיך אויסגעזעצט, און פאַרבעטסט זיי גאָר אויפן אייגענעם פעלד.

דער פויער שמייכלט צוגעלאָזן און ליבלעך, און די קינדער גייען פּאַמעלעך איבערן פעלד, מען זאָל דעם גאַסטפריינטלעכן באַלעבאָס נישט אָנמאַכן קיין שאָדן.

דער פויער פרעגט זיך דערווייל אויס, וואָס די קינדער טוען אינדערהיים, אין װאַרשע דאָרט, און גיט צו פאַרשטיין, אויף וועלכן אָרט עס וואַקסן צום מיינסטן יאַגדעס.

און יאַגדעס איז דאָ אין אָרלאָווער וואַלד ווי זאַמד. שוואַרצע און

רויטע. גרויסע, רויטע יאַגדעס. די יינגלעך האָבן אזש געמיינט, אז דאָס זענען מאַלינעס.

—אין א שעה ארום וועט מען ברענגען מיטאָג.

— עך, דו אָרלאָוועד וואַלד און איר, יידישע קינדער, וויפל וואָלט זיך נאָך געוואָלט זאָגן, וואָס איר ווייסט נישט און וואָס עס ווייסן נישט אזוי פיל מענטשן, כאָטש זיי זענען שוין נ י ש ט קיין קינדער.

קאַפּיטל נײַנצן

דער מיאוסער אַנשל. — ווער ס'האָט דער ערשטער אײַנגעפלאָכטן אין בלומען־קראַנץ — בלעטער. — דער קראַנקער שיקאָרע

אַנשל איז זייער בלייך און זייער מיאוס — אפשר דער מיאוסטער אויף דער גאַנצער קאָלאָניע.

די חברים האָבן אים נישט ליב. קיינער וויל נישט גיין מיט אים צו דער פּאָר און קיינער רעדט נישט מיט אים.

איבער אַ ליאַדע־וואָס קריגט זיך אַנשל, איבער אַ ליאַדע נאַרישקייט קלאָגט ער זיך. און אַז ער באַקומט אַמאָל די דאָמינע, לייגט ער זי אויס איינער אַליין אויפן טיש, אָדער ער וויקלט זי איין אין נאָז־טיכל און טראָגט זי אַרום אין קעשענע. ער שפּילט אַליין נישט און וויל אַ צווייטן נישט באַרגן צו שפּילן.

אַנשל וויל אַ סך עסן. טאַטע־מאַמע האָבן אים מן־הסתם אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט אַ סך עסן, וועט ער געזונט ווערן. און דאָס מיאוסע ייִנגל וויל אַזוי געזונט ווערן.

דערפאַר טאַקע האָט ער נישט געגעסן די אַגרעס, נאָר אָוועקגעגעבן זיי די חברים האָט ער אויך נישט געוואָלט.

אַז עס רעגנט איז אַ מחיה צו פאַרשאַרצן די הויזן און צו שפּאַצירן אין וואַסער.

כאָטש דער אויפזעער האַלט אין איין שרייען, וועט ער אָבער אַליין קיינמאָל נישט אַרײַנקריכן אין וואַסער. ער גייט דאָך אין שיך.

אנשל ווידער ווען עס רעגנט, הילט זיך איין אין אַ פעלערינע, אָדער ער בעט — מען זאָל אים לאָזן זיצן אין שטוב.

טײַלמאָל קען זיך אנשל אָנשפּאַרן אין טיש און אַזוי אַרום אַנטשלאָפן ווערן.

אין דער פּרי דאַוונט אַנשל לענגער ווי אַלע אַנדערע קינדער. ער זאָגט, אַז שבת איז אַן עבירה צו שפּילן אין פּילקע. כאָטש שפּילן אין פּילקע איז דאָך גאָר קיין אַרבעט נישט.

איינמאָל האָט אַנשל צונויפגעקליבן אַ בינטל בלומען. דאָס בינטל בלומען איז געווען זייער מיאוס. און אויסגעלייגט זענען געווען די בלומען גלאַט אַזוי זיך, נישט אַהין, נישט אַהער: אָט אַ הויפן גרינוואַרג.

ג ר אָ ז א ָ ו ו ס ק י האָט אויך ליב צו קלייבן געלע בלומען. אָבער שוין גאָר אַנדערע ווי אַנשל. און דער עלטערער א ד א מ ס ק י פלעכט איין צווישן די בלומען — בלעטער; שיינע, גרינע בלעטער.

דער ערשטער וואָס האָט אָנגעהויבן איינפלעכטן גרינע בלעטער צווישן די בינטלעך בלומען איז געווען פ ר א ג ע ר.

פ ר אַ ג ע ר האָט זייער בלויע אויגן און האָט ליב צו פלעכטן די בלויע בלימעלעך פאַרגעס־מיך־נישט צוזאַמען מיט טאַטראַק.

פ ר אַ ג ע ר שמייכלט שטענדיק. אפילו דאַן, ווען עמיצער טוט אים אַן עוולה.

געוויינט האָט ער נאָר איינמאָל. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז מען וועט דעם טאַטן זיינעם אַוועקשיקן אַהין, ווו ס'איז אייביק קאַלט, ווו ס'ליגט שטענדיק אַ שניי און ווו עס וואַקסן גאָרנישט קיין בלומען.

אויך ט י ר מ אַ ן און פ ר אָ ם און דער קליינער ג ו ר־ק ע ו י ט ש קענען פלעכטן שיינע קרענצלעך, בלויז איין מיאוסער אַנשל קלייבט צונויף דאָס סאַמע מיסט — איינגנטלעך נישט קיין מיסט, נאָר זייער מיאוסע בלעטער מיט בלומען.

נאָר גאָרנישט. מן־הסתם געפעלן זיי דאָך אים. וואָס קען דאָס עמיצן אַרן.

פונדערסטוועגן האָבן אים די יינגלעך אַרויסגעריסן דאָס בינטל בלומען און אוועקגעוואָרפן.

אַנשל האָט געוויינט.

ווען אַ גרויסן מענטש איז טרויעריק אויפן האַרץ, ווייסט ער, אַז סוף־כל־סוף וועט דער טרויער אַריבער און ס׳וועט אים צוריק גרינגער ווערן. ווען אַ קינד אָבער וויינט, דאַכט זיך אים, אַז ס׳וועט שוין אייביק אַזוי דויערן און אייביק וועט ער זיין אומגליקלעך.

אַנשטאָט דעם אוועקגעוואָרפענעם קרענצל האָט מען אַנשלען געגעבן אַ שטענגל וויסן בעז. אַנשל אָבער האָט עס נישט געוואָלט: אפשר האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז נישט ווערט אַזאַ שיינע בלום, וואָס שמעקט אַזוי וווּנדערלעך? און אפשר האָט ער מורא געהאַט — דער ווייסער בעז זאָל אים ווידער נישט ברענגען צו טרערן?

די יינגלעך ווייסן נישט, אַז אַנשל איז נישט געבוירן געוואָרן אַזעל־כער, ווי ער איז, ד. ה. אַ שלעכטער און אַן אַרומרייסער.

ער איז געקומען אויף דער וועלט אַ מיאוסער, נישט מער. נאָר ווייל קיינער האָט זיך נישט געוואָלט מיט אים שפּילן, האָט ער פיינט גע־קריגן אַלע זיינע חברים און ער וויל ליבערשט די אַגרעס אוועקוואַרפן, איידער זיי עמיצן אוועקשענקען.

ווען אַנשל האָט שפּעטער גענומען אַביסל אונטערשמייכלען, האָט ער שוין נישט אויסגעזען אַזוי מיאוס, ווי פריער. קיין חבר אָבער האָט שוין אַנשל נישט געקריגן.

טיילמאָל נאָר האָט ש י ק אָ ר ע געשפּילט מיט אים אין דאָמינע.

ש י ק אָ ר ע איז אויך קראַנק. אים אָבער האָבן די יינגלעך ליב און שפּילן זיך מיט אים גאַנץ גערן. זיי ווייסן, אַז ש י ק אָ ר ע איז קראַנק, און וועגן אַנשלען קלערן זיי, אַז ער איז נישט מער ווי בלייך און וויל זיך נאָר מיט יעדן אַרומרייסן.

ש י ק אָ ר ע איז שוין לאַנג קראַנק. מן־הסתם האָט ער געוווינט אַמאָל אין אַ פייכטער דירה. מן־הסתם האָבן אים ווײ־געטון די פיס, און ער האָט געמוזט איינגעמען אַ ביטערע רפואה. מן־הסתם האָט מען

אים געלייגט אייז אויפֿן האַרץ און ווען די היץ מיט די יסורים זענען סוף־כל־סוף אָפּגעטרעטן, איז ש י ק אָ ר ע דאָך נישט אינגאַנצן געזונט געוואָרן.

די יסורים מיט דער היץ זענען צוריקגעקומען. ש י ק אָ ר ע אָטעמט גיך, זייער גיך און הוסט כסדר.

— ס'טוט מיר ווי — זאָגט ער שטיל — און ווייל אַ שמייכל טון.

ער גלייבט נישט, אַז דאָ, אויף דער קאָלאָניע, זאָל מען אויך קענען קראַנק ווערן.

מען האָט אים געלייגט אין בעט אַריין און געגעבן צו טרינקען אַ ביטערע רפואה.

ש י ק אָ ר ע איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן. און ביינאַכט, ווען די יינגלעך האָבן באַדאַרפֿט אַריינגיין שלאָפֿן, האָט מען זיי געבעטן — זיי זאָלן זיך אויפֿפֿירן שטיל און נישט אויפֿוועקן דעם קראַנקן.

— וועט היינט ג ר אָ ז אָ ו ס ק י נישט שפּילן אויפֿן פֿידל? — האָבן אַלע טרויעריק געפֿרעגט.

— ניין, מען טאָר היינט נישט שפּילן, ווייל ש י ק אָ ר ע איז קראַנק.

און שטיל זענען אַלע יינגלעך אַריינגעגאַנגען אין שלאָף־שטוב, שטיל האָבן זיי זיך אָפּגעוואַשן די פּיס און קיין איינמאָל האָבן זיי זיך נישט געקריגט צוליבן האַנטוך, מיט וועלכן מען ווישט זיך אָפּ די פּיס. דערנאָך איז יעדער אַוועקגעלאָפֿן צו זיין בעטל דורך דעם קירצסטן וועג, אַלע אויף די שפּיץ פֿינגער, כאָטש זיי זענען געגאַנגען באָרוויס און מען האָט מער נישט געהערט ווי אַ שטילינקע שעפּטשען:

—ש־ש...ש־ש... ש י ק אָ ר ע שלאָפֿט.

אַזוי איז געווען נישט איינמאָל, נאָר גאַנצע דריי אויפֿדערנאַכטן. וואָרן אויפֿן פֿערטן טאָג האָט מען שיקאָרען אַרויסגעטראָגן מיטן בעטל אויף דער וועראַנדע; און ערשט אין צען טעג אַרום האָט ער געקענט אַנטייל נעמען אין דער מלחמה; — פֿאַרשטייט זיך, נישט אַלס זעלנער, נאָר אַלס פֿאָן־טרעגער פֿון פֿעלד־שפּיטאָל.

קאַפּיטל צוואַנציק

אָוונט־קאָנצערטן. — אַ סאָסנע ־ אַ זקנה. — דער פידלער גראָזאָווסקי און אונדזערע זינגער

אויפדערנאַכט, ווען די יינגלעך ליגן שוין אין די בעטן, נעמט גראָזאָווסקי זיין פידעלע, שטעלט זיך אוועק אין מיטן שטוב און שפּילט עפּעס אויף אַ „גוטע נאַכט".

קיין נאָטן האָט ער נישט מיטגענומען. ער שפּילט פון אויסנווייניק. און קענען קען ער אַ סך ניגונים.

„רוישן פּיכטן אויף די בערגער,
רוישן אין דער ווייט"...

אזוי זינגט דאָס פידעלע, און אויפן זאַל איז שטיל, וואָרן אַלע יינגלעך הערן זיך איין.

בלויז אונטערן פענצטער סודען זיך די סאָסנעס איינע מיט דער אַנדערער און רעדן שטיל צום הימל.

טיילמאָל קומט אויך צו שווימען אַ קלונג פון גלעקל, וואָס רופט אויף וועטשערע די שניטער פון פעלד.

די סאָסנעס האָבן זיך פון גראָזאָווסקין אויסגעלערנט אַ סך, אַ סך ניגונים, און איצט זינגען זיי מיט זייערע דינע נאָדעלעך אַזוי שטיל, קוים וואָס מען הערט. זיי ווילן נישט שטערן דעם פידלער.

לינקס פון דער קאָלאָניע וואַקסט אַן אַלטע, איינגעהויקערטע סאָסנע. אַ סאָסנע — אַ זקנה.

וואָס זי האָט אויסצושטיין פון די ייִנגלעך!

דאָ זעצן זיי זיך אויף איר און הוידען זיך, ווי אויף אַ שיף, דאָ מאַכן זיי פון איר אַ באַן. דאָ — אַ פערד, דאָ אַ טורעם פאַר פייער־לעשער און דאָ — אַ פעסטונג.

די סאָסנע איז אָבער קיינמאָל נישט בייז. זי ווייסט, אַז אויפדער־נאַכט וועט זיך דערהערן דאָס פידעלע, וואָס וועט זי פאַרוויגן אין אַ שטילן, רואיקן שלאָף.

און די ייִנגלעך ליגן און ס׳ציטערן ביי זיי די וויעס.

אָט האָט איינער ברייט אויפגעריסן די אויגן, אַ צווייטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן קישעלע און האַלב־ליגנדיק קוקט ער אויפן פידלער.

און יעדער איינציקער טראַכט פון עפּעס אַנדערש. נאָר ווען ג ר אָ־ז אָ ו ס ק י וויל שוין באַהאַלטן דעם פידל, בעטן זיי אים — ער זאָל נאָך עפּעס שפּילן, אָדער ער זאָל איבערחזרן דאָס פרירעדיקע.

אין וואַרשע גייט העשל ג ר אָ ז אָ ו ס ק י זייער שפּעט שלאָפן. דאָרטן טרינקט ער נישט קיין מילך און קען טון, וואָס זיין האַרץ גלוסט, ווייל ער ווױנט מיט אַ שוועסטער און די שוועסטער קומט זייער זעלטן אַ היים: זי איז אַ וועכטערין ביי קראַנקע און זייער אָפט קומט זי נישט אַהיים אפילו נעכטיקן.

אויך דאָ, אויף דער קאָלאָניע, האָט העשל געוואָלט טון, וואָס אים געפעלט: ליינען זיך שפּעט שלאָפן און נישט טרינקען קיין מילך.

אין אָנהייב האָט ער זיך נישט גוט געפילט. נאָר אַזוי ווי אַלע ייִנג־לעך האָבן אים ליב געהאַט, האָט ער זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט און ער האָט זיך נישקשהדיק געפילט.

ג ר אָ ז אָ ו ס ק י קען ביי די ייִנגלעך אַלץ פּועלן: ער מעג קאָפּען ערד מער ווי אַלע אַנדערע. אים האָט מרגליות געשענקט אַ שטעקן, וואָס ער האָט געפונען גייענדיק אין בזשעזשינע וועלדל אַריין, און אפילו די ריכטער האָבן אויך אַרויסגעגעבן אַ פאַלשן פּסק־דין, ווען העשל ג ר אָ־ז אָ ו ס ק י האָט זיך איינמאָל פאַרשולדיקט.

אַלע ווילן גיין מיט אים צו דער פּאָר. העשל קען אָבער בכלל נישט

גיין צו דער פּאָר: תמיד האַלט ער אין איין זוכן געלע בלומען אויף לאַנגע שטענגעלעך.

איינמאָל האָט אים א מיידעלע געשענקט א צווייגל יאַשמין; א צווייט מאָל האָט אים א פּויער געלאָזט אָפּרייסן א בינטל ווייסע גריקע און א רויטע מאָן־בלום פון גאָרטן.

די גריקע האָט ער אַריינגעלייגט אין א שיסעלע צווישן בלומען, און די רויטע מאָן־בלום האָט ער אַזוי לאַנג געטראָגן, ביז די בלעטלעך האָבן אָנגעהויבן אָפּפאַלן.

אויסער דעם פידלער פאַרמאָגן מיר נאָך אויף דער קאָלאָניע דריי אייגענע זינגער.

אויך זיי זינגען יעדן אויף דער נאַכט, איידער די קינדער גייען שלאָפן.

דאָס געזאַנג שווימט נידעריק, ביי דער סאַמע ערד, אַזוי ווי א שוועלבעלע, וואָס פּרוווט ערשט דעם כוח פון זיינע פליגל.

פּלוצלינג אָבער גיט עס זיך א הייב אויף ערגעץ אונטער די וואָלקנס און ציטערט לאַנג, לאַנג אין דער טונקלקייט פון הימל.

דערנאָך קומט עס צוריק אַראָפּ — שטיל, מיד און ווערט אַנטשלאָפן.

— ווי שיין דער ניגון איז — רעדן צווישן זיך די סאָסנעס — אָבער פאַרוואָס פאַרשטייען מיר נישט זייערע ווערטער

— ווייל ס'איז אַן אַלטער, אַלטער ניגון, פון אַלטע לשון־קודשדיקע ווערטער געקליבן. א ניגון, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

ווען די דריי זינגערס אונדזערע: פ ר ע ס מ א ן, ר אָ ז נ צ ו ו י י ג און פ ר י ד נ ז אָ ן זינגען צוזאַמען, דאַכט זיך, אַז נישט דריי זינגען, נאָר איינער. אַזוי גיסן זיך צונויף אַלעמענס שטימען. און דאָך זענען אַלע דריי גאָרנישט ענלעך איינער צום אַנדערן.

פ ר ע ס מ א ן איז אַן ערנסטער און א שטילער. ער רעדט ווייניק. דערפאַר הערט ער גערן און וויל וויסן ווי אַזוי ס'איז געמאַכט דער

טערמאָמעטער וואָס הענגט אויף דער וועראַנדע און וואָס ווייזט, צי ס'איז וואַרעם, צי מען קען זיך גיין באָדן.

פ ר ע ס מ אַ ן איז אַ ריכטער אויף דער קאָלאָניע. ער איז זייער גערן מוחל און ווייסט שטענדיק פּונקט וואָס מען דאַרף מוחל זיין.

און מוחל זיין דאַרף מען, ווען דער פאַרשולדיקטער איז נאָך קליין, אָדער נאַריש, אָדער אָרים, אָדער — נישט שלעכט.

גאָר אַן אַנדערער איז יחיאל ר אָ ז נ צ וו יי ג. תמיד איז ער פאַרקרומט, תמיד — אומגליקלעך.

דאָ איז אים אַ פליג אַריינגעפאַלן אין אויג אַריין, דאָ האָט אים אַ קאָמאַר אַזוי שרעקלעך צעביסן, אַז ער וועט גאָרנישט אויסהאַלטן. דאָ ווילט זיך אים גאָר טרינקען, דאָ איז אים האַרט צו שלאָפן. דאָ ווידער, איז ס'וואַסער צו־קאַלט, דאָ האָט מען אים פאַרטוישט די פעלערינע און אַזוי כסדר.

און ווער זאָל זיך ריכטן, אַז דער דאָזיקער איינגעגעסענער נודניק און שלימזל איז אַזאַ גרויסער זינגער.

דער דריטער זינגער אונדזערער האָט די שענסטע שטימע, שטאַמט פון די אָרימסטע עלטערן און פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקע דרייסטקייט.

ליבער זינגער מיינער! — טראָגסט אין לעבן אַריין דיין היים ליד און דיין ליכטיקע נשמה. אויב דו וועסט אַמאָל ווערן אַ דראָזשקאַזש, אַזוי ווי דיין ברודער — ווייס איך פאָראויס, אַז דו וועסט דיין פערד נישט פאַרפייניקן דורך הונגער, אַז דו וועסט אים נישט טרייבן מיט דער בייטש, ווען עס וועט נישט האָבן האָבן קיין כוח צו גיין, כאָטש ס'וועט נישט זיין דיין פערד, נאָר דעם באַלעבאָס.

דער רום פון די אָוונט־קאָנצערטן האָט זיך ווייט צעטראָגן איבער דער וועלט.

עס ווייסט פון זיי די דינערשאַפט פון הויף, דער פריץ פון גאַנצן דאָרף.

דעריבער פעלן נישט אונטערן פענצטער קיין צוהערער.

עס הערט זיך צו י ו ז ע ף און דער אַלטער פּאַכטער ר׳ א ב ר ה ם, און די פּאַראָבקעס און די שיקסלעך און די אַלטע סאָסנע — די זקנה.

— אויף היינט וועט שוין זיין גענוג, אַ גוטע נאַכט, קינדער!

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוט יאָר!

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

דער קליינער דיזשורנע וויל — מען זאָל אים האַלטן בכבוד, און וואָס פון דעם איז אַרויסגעקומען. — אַ פאַלשער פּסק־דין און אַ מעשה מיט אַ באָרד, מיט זייף און מיט אַ בריטווע

ווען הערשל גראָזאָווסקי האָט זיך איינמאָל פארשולדיקט, האָט דאָס געריכט אַרויסגעגעבן אויף אים אַ פאַלשן פּסק־דין.

די מעשה איז אַזוי געווען:

ווי ס'איז שוין באַקאַנט, איז דער קליינער אַדאַמסקי דער דיזשורנע איבער די האַנטיכער: ער גיט אַכטונג, אַז אויף יעדן בעטל זאָל דער האַנטוך הענגען אין דער מיט פון קאָפּשטיק. פאַרן מיטאָג ווידער טראָגט ער אַרויס אויף דער וועראַנדע דריי האַנטיכער אָפּצוואַשן די הענט.

דער קליינער אַדאַמסקי פאָדערט אָן שום ספק — מען זאָל אים האַלטן בכבוד — ער איז דאָך דיזשורנע.

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז די ייִנגלעך האָבן דווקא נישט קיין דרך־ארץ פאַר אים.

דער אָדער יענער הענגט אויף דאָס האַנטוך אומישנע אין דער קרום — דער קליינער זאָל זיך בייזערן און האָבן מער אַרבעט; אָדער נישט האָבנדיק גוט אָפּגעוואַשן די הענט פון זאַמד, כאַפּט ער שוין דאָס האַנטוך און פאַרברודיקט עס.

— קיינער וויל מיך נישט הערן — קלאָגט זיך דער קליינער די־זשורנע.

איינמאָל האָט ער זיך געוואָלט דערשלאָגן צו כבוד דורך אַזאַ מין שפּיצל:

ער האָט דערציילט זייער אַ שיינע מעשה, אַז ער איז אַמאָל געווען מיטן טאַטן זיינעם ביים פעלדשער, האָט ער געזען ווי מען האָט דאָרטן אַלעמען איינגעזייפט די בערד און דערנאָך האָט מען זיי געראַזירט מיט אַ בריטווע.

די עלטערע יינגלעך האָבן זיך שטאַרק געחידושט.

— נו, גיי שוין, גיי! — ביסט אַזוי געווען מיטן טאַטן דיינעם ביים פעלדשער, פּונקט ווי איך.

— כ׳זאָל אַזוי געזונט זיין, ווי כ׳בין געווען.

— ס׳קאָן זיין, אַז דו ביסט טאַקע געווען, נאָר מען זאָל האָבן געשמירט די בערד מיט זייף — דאָס האָסטו נישט געזען.

— כ׳האָב טאַקע יאָ געזען.

— אָבער מיט קיין בריטווע האָט מען נישט ראַזירט.

דער קליינער א ד א מ ס ק י האָט פאַרזיכערט, אַז אַלץ וואָס ער דערציילט — איז דער ריינסטער אמת.

די יינגלעך אָבער האָבן בשום אופן נישט געוואָלט גלייבן. פאַרקערט — זיי האָבן גאָר חוזק געמאַכט פון אים און נאָך מער נישט געהאַט קיין דרך־ארץ פאַר אים.

זיי האָבן זיך אינגאַנצן אויסגעלאַכט פון פעלדשער, פון די בערד, פון זייף און פון דער בריטווע.

און אָט האָט דער קליינער א ד א מ ס ק י איינמאָל באַמערקט ווי ג ר אָ ז אָ ו ס ק י איז באַלד נאָך מיטאָג געגאַנגען צום ברונעם און געטרונקען וואַסער. און ג ר אָ ז אָ ו ס ק י האָט נאָך מיטאָג נישט געטאָרט טרינקען קיין וואַסער.

— וואַרט, איך וועל שוין אויסזאָגן, אַז דו האָסט געטרונקען וואַסער.

דער קליינער א ד א מ ס ק י האָט געמיינט, אַז ג ר אָ ז אָ ווס ק י וועט זיך שטאַרק דערשרעקן און נעמען אים בעטן — ער זאָל נישט אויסזאָגן און אַזוי אַרום האָבן פאַר אים דרך־ארץ.

דער קליינער האָט געוווּסט, אַז אויב ג ר אָ ז אָ וו ס ק י וועט אים האַלטן בכבוד, וועלן שוין אַלע איבעריקע אויך האָבן פּאַר אים דרך־ארץ.

— וואָס טוט אָבער גראָזאָווסקי?

גייט ער און אַנשטאָט צו בעטן זיך ביי אים, נעמט ער זיין לייוונטן היטל און הייבט אָן צו שלאָגן דעם קליינעם אַדאַמסקי. קומט צו לויפן דער עלטערער אַ ד אַ מ ס ק י צו הילף זיין ברודער, נעמט גראָזאָוו־סקי און וואַרפט אים אַנידער אויף דער ערד און טרעט אים אָן אויפן פינגער (דער עלטערער אַדאַמסקי גייט תמיד אַרומגעבונדן אַ פינגער מיט אַ שמאַטקעלע. ער טוט אים שוין ווי גאַנץ לאַנג און וועט זיך שוין אוודאי קיינמאָל נישט אויסהיילן).

פון דעם אַלעמען איז געוואָר געוואָרן דער פּראָקוראָר און ער האָט איינגעקלאָגט ג ר אָ ז אָ וו ס ק י ן אין געריכט.

איז געגאַנגען דאָס געריכט און געפּסקנט, אַז ג ר אָ ז אָ וו ס ק י ן קומט נישט קיין שום שטראָף.

— ווי אַזוי האָט איר געקענט אַרויסגעבן אַזאַ פאַלשן פּסק־דין? — האָט דער פּראָקוראָר געפרעגט פאַרוווּנדערט.

— ווייל ער איז אונדזער חבר — האָבן געענטפערט די ריכטער.

— האָט איר געקענט זאָגן, אַז איר ווילט אים נישט משפּטן — וואָלט מען צו דעם פּראָצעס אויסגעקליבן אַנדערע ריכטער.

סוף־כל־סוף האָט ג ר אָ ז אָ וו ס ק י אַליין געפאָדערט, מען זאָל זיין פּראָצעס נאָכאַמאָל באַטראַכטן און עס זאָלן אים משפּטן די אייגענע ריכטער.

— חשובע ריכטער! — האָט דער פּראָקוראָר אָנגעהויבן זיין לאַנגע רעדע — לויט אייער משפּט דאַרף באַשטראָפט ווערן אַ יינגל, וואָס איז אייערס זייער אַ גוטער חבר. אפשר האָט איר בדעה נאָך אַמאָל אים פרייצושפּרעכן? זאָלט איר געדענקען, אַז אַ פאַלשער פּסק־דין רויבט אַוועק דעם צוטרוי צום געריכט. באַטראַכט אייך נאָר, וואָס עס וועלן זאָגן די, וואָס וועלן דאַרפן געמשפּט ווערן דורך נישט ערלעכע ריכטער. זיי וועלן

זאָגן: „מיר גלייבן זיי נישט. וואָרן אויב עמיצער האָט זיין אייגנס אַ פידל און קען שיין שפּילן, מעג ער שוין טון אַלץ, וואָס קיין אַנדערע טאָרן נישט".

איך דערמאָן אייך נאָכאַמאָל, אַז ג ר אָ ז אָ ו ו ס ק י האָט אייער־נעכטן אַרויסגעריסן פון אַ יינגל אַ פּילקע, אַז נעכטן האָט ער ש אַ ט־נ י ק אָ ו ו ן אַרויפגעשיט זאַמד אויפן העמד, און היינט האָט ער באַ־וואָלט ביידע ברידער אַ ד אַ מ ס ק י.

נישט זיי באַשולדיקן אים, נאָר איך, און טון טו איך עס אויף זיין אייגענעם פאַרלאַנג.

ג ר אָ ז אָ ו ו ס ק י פילט זיך נישט גוט, וואָס צוליב אים האָט איר מקריב געווען אייער אייגענעם גוטן נאָמען. ער פילט זיך נישט גוט, ווייל איצט קען אים יעדער פאָרוואַרפן, אַז ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער שטראָף און דערפאַר — געבעטן, מען זאָל אויף אים אַרויסגעבן אַ פאַלשן פּסק־דין.

איר האָט אַ טעות געהאַט. איצט איז אייער חוב דעם טעות צו פאַרריכטן.

איך חזר איבער נאָכאַמאָל: אַ קליינע שטראָף וועט פאַרן באַשול־דיקטן זיין ליבער, ווי איר וואָלט אים אויף אַ פאַלשן אופן מוחל געווען.

דאָס מאָל האָט דער פּסק־דין געקלונגען:

— צען מינוט קאַרצער.

אַלס צייכן, אַז ער איז נישט בייז, האָט ג ר אָ ז אָ ו ו ס ק י צו־געזאָגט צו שפּילן אויף דער נאַכט לענגער ווי אַלע מאָל. און דערפאַר טאַקע, וואָס ער איז אָפּגעזעסן צען מינוט קאַרצער און נישט געפילט זיך באַליידיקט און אויף קיינעם נישט בייז געווען (ווייל ר'איז דאָך באמת שולדיק געוען), איז דער דעמאָלדיקער קאָנצערט געווען איינער פון זיינע שענסטע קאָנצערטן אויף דער קאָלאָניע.

און דער קליינער אַ ד אַ מ ס ק י האָט זיך מיט דער צייט צוגע־וויינט צום געדאַנק, אַז ער איז נאָך צו־יונג — די עלטערע זאָלן פאַר אים דרך־ארץ האָבן, און פון דעמאָלט אָן שפּילט ער זיך שוין בלויז מיט

ייִנגלעך פֿון זייַן עלטער. ווען די מעשׂה מיט די בערד און מיט דעם זייף איז זייער געפֿעלן.

דער קלײנער אַדאַמסקי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז גלײַכער צו האָבן כּבֿוד צווישן זײַנס גלײַכן, איידער צו שטופּן זיך ווו מען דאַרף נישט און ווערן אויף טריט און שריט באַליידיקט.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

די שענסטע פאַרווײַלונג אויף דער וועלט און דער גרעסטער כוח פון אַ לעקעכל. — אַ טערקין דערציילט מעשיות. — לעבעדיקע בילדער

— אַך, וועט דאָס זײַן אַ פאַרווײַלונג! די וועלט האָט נאָך אַזעלכעס נישט געזען.

פאַרקומען וועט די פאַרווײַלונג אין אַ וואָך אַרום, — אין זעקס טעג אַרום, אין פינף, אין פיר, אין דריי, — איבערמאָרגן, — מאָרגן!...

דער פּלאַץ, וווּ עס דאַרפן פאַרקומען די יאָגעלעך, איז אויסגעשיט מיט געל זאַמד. אויף אַלע זײַטן פלאַטערן רויטע, בלויע און ווײַסע פענדלעך.

אויף דער וועראַנדע האָט מען געמאַכט אַ פאָרהאַנג (קורטינע) פון קאָלדרעס. און געמאַכט געוואָרן איז זי אַזוי קלוג, אַז טאָמער גיט מען אַ צי פאַר אַ שטריקל, הייבט זי זיך אַליין אויף — פּונקט ווי אין אַן אמתן טעאַטער.

עס זאָל נאָר, חלילה, נישט רעגענען, מען זאָל נאָר די פאָרהאַנג נישט צוגנבענען, עס זאָלן נאָר נישט אַנטלויפן דער וואַלד מיטן גאַנצן פּלאַץ, עס זאָל נאָר נישט געשען עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל שטערן די פאַרווײַלונג.

צום גליק איז גאָרנישט געשען.

נאָכן ערשטן אָנבײַסן איז מען זיך געגאַנגען באָדן, נאָכן צווייטן — האָבן זיך אָנגעהויבן די יאָגעלעך.

איינער פון די אויפזעער גיט א צייכן צום לויפן, א צווייטער פאַר־שרייבט אויף די „מעטע", ווער ס'איז געקומען דער ערשטער צו לויפן.

יעדעס פּערטל (עס לויפן צו פיר יינגלעך), איידער עס לאָזט זיך אין געלויף, רייבט־איין איין האַנט אין דער אַנדערער, אָדער שפּייט־איין די פויסטן — מען זאָל גיכער קענען לויפן.

דערנאָך לויפט מען מיט פאַרבונדענע אויגן. ביי די דאָזיקע יאָגע־לעך קען מען קייכן פון געלעכטער. יעדער וויל זיין דער ערשטער און יעדער האָט מורא, ער זאָל נישט אַרויספאַלן אויף קיין בוים.

דערנאָך לויפט מען דורך שטערונגען; און צום סוף נעמט מען גאָר אויסציען א שטריק.

צען יינגלעך ציען דעם שטריק אויף רעכטס און צען — אויף לינקס, און ציען ציט מען דעם שטריק אַזוי שטאַרק, ביז די באַזיגטע, נישט קענענדיק שוין מער האַלטן דעם שטריק, גיבן אים פלוצלינג א לאָז־אָפּ. פון גרויס אימפּעט גיבן זיך אַלע צען זיגער א דריי־איבער אויף דער ערד.

— נאָ, זע ווי אַזוי איך האָב געצויגן — רימט זיך איינער פאַרן אַנדערן און ווייזט א פּאָר רויטע הענט מיט פּרענגעס, וואָס דער שטריק האָט אויף זיי איבערגעלאָזט.

פיר יינגלעך, די בעסטע לויפערס, פּרוּוון נאָך אַמאָל לויפן. דער ערשטער פון זיי וועט זיין דער קייסער, דער צווייטער — די קייסערינע, דער דריטער און דער פערטער — פּאַזשן.

א שאָד וואָס מען קען נישט זען דורכן פענצטער ווי אַזוי די קיי־סערלעכע פּאָר טוט זיך איבער.

די באַלעבאָסטע האָט פאַרהאַנגען ס'פענצטער.

פונדעסטוועגן ווייסט מען, אַז אפילו די פּאַזשן וועלן אויך טראָגן קרוינען אויף די קעפּ. און דער קייסער וועט האָבן א שווערד און די טרומייט פון פּאַן סטאַניסלאַוו און ער וועט מעגן טרומייטערן וויפל זיין האַרץ גלוסט.

פאַר דער וועראַנדע שטייט די קייסערלעכע שטול, שיין ווי גאָלד,

באַפּוצט מיט פאַרשידענע קאָלירן און פענדלעך.

— וויוואַט!

דער קייסער פירט אונטער דער האַנט די קייסערינע. די קייסערינע גייט אָנגעטון אין אַ רויט קלייד מיט ווייסע פינטעלעך, און אין אַ ווייסער בלוזקע. די פּאַזשן טראָגן איר נאָך דעם שלעפּ. די גאָלדענע קרוינען פון דער קייסערלעכער פּאָר גלאַנצן אויף דער זון.

דעם טריומף־מאַרש הייבט אָן די קאַוואַלעריע. און דאָ מוז, נעבעך, גענעראַל ק אָ ר צ אַ ז ש, דער העלדישער פאַרטיידיקער פון אונדזער פעסטונג, ווערן אַ פערד.

פּ אַ ן ה ע ר מ אַ ן פּויקט אויף אַ קיבעל, די מוזיק קלאַפּט אָן די שטאַרצן פון די טעפּ.

פון גרויס דאַנקבאַרקייט פאַרן כבוד, וואָס מען גיט אים אָפּ, בלאָזט דער קייסער מיטן גאַנצן כוח אין אַ טרומייט.

דערנאָך פאַרבעט ער אַלע אויף דער וועראַנדע: די מענטשן און די פערד. אַהין טראָגט מען אויך אַריבער די כסא־המלכות, און פּאַן מ י ע ט ש י ס ל אַ וו האָט דעם כבוד צו ווייזן פאַר דער קייסערלעכער פּאָר און פאַר אַלע פאַרבעטענע געסט שוואַרץ־קינצלערייַ.

דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף:

עס באַווייַזן זיך צוויי קאָרטן און פאַרשווינדן באַלד אין אַ פאַרשלאָסן שאַכטעלע אַרייַן.

דאָס שטריקל, וואָס מען האָט איבערגעשניטן מיט אַ מעסערל, וואַקסט זיך גלייך צונויף, ווי נאָר דאָס פאַרצויבערטע שטעקעלע רירט זיך צו; אַ רויט קיילעכל פאַרשווינדט פון גלעזל אַרויס און געפינט זיך גאָר אונטערן קאָלנער פון אַ פּאַזש.

די שענסטע קונץ איז אָבער די לעצטע:

די קייסערינע האָט מיט אירע אייגענע הענט אַרייַנגעלייגט אין אַ הילצערן שאַכטל צוויי קופּערנע גראָשנס. דאָס שאַכטל האָט מען פאַרדעקט מיט אַ טיכל און פּאַן מיעטשיסלאַוו האָט אָנגעהויבן זאָגן:

— האָקוס, פּאָקוס, שוואַרצער כוח, פאַרטויש דאָס קופּער אויף זילבער.

נאָר דער שוואַרצער כוח איז געווען צו שוואַך.

— שוואַרצער כוח, נעם צו הילף דעם ווייסן כוח און ביידע צו־זאַמען פאַרטוישט דאָס קופּער אויף זילבער.

נאָר דער שוואַרצער כוח מיטן ווייסן כוח זענען צוזאַמען אויך געווען שוואַך.

שוואַך זענען אויך געווען דער גרינער, דער רויטער און דער בלויער כוח.

איז איינעם איינגעפאַלן, מען זאָל רופן צו הילף דעם כוח פון לעקעכל.

— האָקוס, פּאָקוס, נעמט צו הילף דעם כוח פון לעקעכל.

די צוויי קופּערנע גראָשנס זענען באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן און אין שאַכטל איז געלעגן אַ ווייסער פערציקער (20 רוסישע קאָפּיקעס).

אַלע האָבן געשטוינט. די קייסערינע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ — דאָ רעכטס, דאָ לינקס, און דער קייסער האָט פון גרויס התפעלות אַריינ־געשטעקט אַ פינגער אין דער נאָז אַריין.

בלויז איין וואָלבערג, וואָס קען שניצן שיפלעך פון קאָרע און מיינט דעריבער, אַז ער איז אַ גאַנצער חכם, האָט זיך אָנגערופן:

— כ׳וויים שוין, פאַן מיעטשיסלאַוו האָט געהאַלטן דעם פערציקער אין אַרבל.

פאַן מיעטשיסלאַוו האָט אַרויפגעשאַרצט די אַרבל און אויפן פאַרלאַנג פון הייסער האָט ער די קונץ נאָכאַמאָל געוויזן.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי ווי אין טעאַטער, די קייסערלעכע שטול האָט מען צוגענומען. מען האָט באַדאַרפט אַרויפ־שטעלן אויף איר די טעפ מיט זופּ צום מיטאָג.

נאָכמיטאָג האָט זיך די פאַרווייַלונג ווידער אָנגעהויבן.

קאָנצערט.

קודם־כל האָט מען איבערגעלייענט אַ ספּעציעלן נומער פון דער

צייטונג „מיכאַלוועק". דערנאָך האָט העשל געשפּילט אויפן פידל, דער־נאָך האָט מען זייער שיין געזונגען און שפּעטער האָט איינע, אַ טערקין, דערציילט מעשיות: איין מעשה זייער אַ שרעקלעכע, און די צווייטע — זייער אַ פריילעכע, אַזוי אַז דער קייסער אַליין האָט אָנגעהויבן לאַכן. צום סוף האָט עוזר פּ ל אַ צ ק י דעקלאַמירט זיינע אייגענע לידער.

אויב אויפן קאָנצערט האָט געפעלט אַ פּאַרטעפּיאַן, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס אויף דער קאָלאָניע איז קיין פּאַרטעפּיאַן נישטאָ, און אפילו ווען ער וואָלט יאָ געווען, וואָלט ער אויך געווען איבעריק, וואָרן קיינער קען אויף אים נישט שפּילן.

נאָר ווי ס'זאָל נישט זיין, האָט זיך דער קאָנצערט איינגעגעבן. דער עיקר, ווייל איינע אַ טערקין האָט דערציילט מעשיות.

די טערקין איז אַ ה ר ן נ יי מ יי ס ט ע ר: ער טראָגט אויפן קאָפּ אַ גרויסע האַלבע לבנה, אין די אויערן — אויך האַלבע לבנות. ער זיצט אויף אַ דיוואַן, מעשה טערק, און נעבן אים ברענט זיך אויף אַ טישל אַ ליכט, וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין שפּיגל. מען קען מיינען, אַז עס ברענען זיך צוויי ליכט.

נאָכן קאָנצערט זענען זיך די קינדער צעלאָפן אין וואַלד אַריין אָפּ־רוען זיך, דערציילן איינער דעם אַנדערן, וואָס מען האָט געהערט און געזען און וואָס עס וועט פּאַרקומען נאָכן עסן.

נאָכן עסן וועלן פּאַרקומען לעבעדיקע בילדער. און אַזוי ווי קיינער ווייסט נישט וואָס דאָס איז אַזעלכעס, מוז עס אוודאי זיין זייער און זייער טשעקאַווע.

נאָכן עסן איז פינצטער געוואָרן. אַלע זיצן אויסגעזעצט אויף די בענק ווי אין אַ טעאַטער.

אויף די ערשטע בענק זיצט דאָס קליינוואַרג, אויף די ווייטערדיקע — די עלטערע קינדער און די רעשט אויף די טישן.

דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף.

דערווייל זעט מען נאָך גאָרנישט. ערשט ווען דאָס רויטע בענגאַלישע פייער האָט באַלויכטן דאָס בילד, האָבן אַלע אויסגעצייכנט געזען.

דאָס ערשטע בילד:

זיצט אַן אָרים מיידעלע און פּארקויפט שוועבעלעך, און איבער איר שטייט דער ווינטער מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד און מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. דער ווינטער נעמט אַרויס פון זעקל אַ פולע האַנט מיט שניי און שיט אים אַרויף אויפן מיידעלע. דאָס מיידעלע שלאָפט־איין און דער ווינטער באַשיט עס מיט שניי. דאָס אָרימע מיידעלע נעבעך, וועט שוין מער קיין שוועבעלעך נישט פאַרקויפן.

דאָס צווייטע בילד וועט זיין אַ סך שענער.

אויף דער סצענע קומען אַרויס בלויז בעלי מלאכות:

אָט זיצט אַ שוסטער, אַ שמיד, אַ נייטאָרין, אַ גערטנער, אַ טישלער און אַ יידענע, וואָס האַנדלט אין גאַס מיט אויבס.

אויף דער סצענע איז נאָך פינצטער.

נאָר אָט שטעלט זיך אוועק דער העלער טאָג מיט רויטע פליגל, מיט אַ שטורקאַץ אין דער האַנט און וועקט אַלע צו דער אַרבעט.

דער טישלער זעגט, דער שמיד קלאַפּט מיטן האַמער, די נייטאָרין נייט, דער גערטנער שערט־אָפּ די פאַרטריקנטע צווייגן פון בוים, און די קינדער — די צושויער הייבן אָן זינגען:

„ס׳קלאַפּט דער אַלטער שמיד אין אייזן\
וויל, וויל, וויל,\
זענגט זיך שיעור דעם קאָפּ, דעם גרייזן\
קויל, קויל, קויל״...

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

צייכנס פאַר אויפפירן זיך. — גרינבוימען איז מוחל דער הונט. — בראָמבערג קריגט אַליין אַ פינף

איינמאָל אין וואָך שטעלט דער אויפזעער צייכנס פאַר אויפפירן זיך. דאָס איז די שווערסטע אַרבעט אויף דער קאָלאָניע.

עפּעס אַנדערש איז דער לערער אין שול: דער ווייסט, ווער עס שטערט אים, ווער עס זאָגט אונטער, און ווער עס שטעלט צו אַ בענקעלע די חברים.

דאָ אָבער, אין דאָרף, אין וואַלד, פאַרפירט אַמאָל אַ יינגל גאָר שטאַרק און דער אויפזעער ווייסט גאָרנישט דערפון.

דעריבער איז גלייכער, אַז יעדער זאָל אַליין זאָגן אויף וואָס פאַרא צייכן ער האָט פאַרדינט. יעדער ביי זיך ווייסט דאָך בעסער, וואָס ער האָט אַלץ אָפּגעטון.

— פ ו ר ט ק ע ו ו י ט ש! וויפל זאָל איך דיר שטעלן פאַר אויפפירן זיך?

— אַ פיר.

— פאַרוואָס עפּעס אַ פיר, נישט קיין פינף? — פרעגט דער אויפזעער.

— ווייל כ'האָב געטרונקען וואַסער פון ברונעם און כ'האָב זיך פאַרשפּעטיקט אויף מיטיק.

— ע ע, לערער, פאַר אַזאַ נאַרישקייט אַ פיר? — רופן זיך אָן יענע יינגלעך, וואָס האָבן אויך געטרונקען וואַסער פונעם ברונעם און האָבן

זיך אויך פּאַרשפּעטיקט אויף מיטאָג.

— אַ פינף, אַ פינף.

און טירמאַן שטייט און שמייכלט מיט אַ גוטן, ליבלעכן שמייכל. און ווען אַלע ווערן שטיל, גיט ער צו גאַנץ ערנסט.

— ער וועט זיך שוין פאַרבעסערן, ער וועט שוין האָרכן.

אויסער דעם איז פּורטקעוויטש יענע וואָך געווען שניידער־דיזשורנע און ער האָט צוגענייט אַ סך קנעפּלעך. אמת, וואָסער האָט ער טאַקע גע־טרונקען, אָבער אַ פינף קומט אים.

— פרידמאַן ראובן, און דיר וויפל דאַרף מען שטעלן?

ס'איז געוואָרן שטיל, אַזוי ווי בשעת מען עסט פּיינקוכן.

אָרימער ראובן נעבעך, אַ גאַנצע וואָך האָט ער זיך אַזוי גוט אויפ־געפירט. ער האָט זיך קיין איין מאָל מיט קיינעם נישט געשלאָגן, וואָס איז גאָרנישט פון די לייכטע זאַכן — און פּונקט פאַרן שטעלן די צייכנס האָט אים עמיצער אַ רוף געטון „ציגיינער".

ראובן האָט יענעם געוואָלט אַ זעץ געבן אין קאַרק אריין, נאָר ווי אויף להכעיס האָט ער יענעם געטראָפן אין נאָז. און ס'איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך, ווי גרינג ס'איז — עס זאָל פון אַ נאָז גיין בלוט.

אָרימער ראובן, ער האָט נעבעך נישט קיין מזל.

— אפשר זאָל איך דיר גאָרנישט שטעלן, און אַז דו וועסט דיך גוט אויפפירן אויף דער אַנדערער וואָך, וועסטו קריגן צוויי פינף מיט אַמאָל?

— כ'וויל נישט — ענטפערט ראובן, ווייל ער טראַכט זיך, אַז עס איז בעסער איין פיר אויף דער האַנט, איידער צוויי פינפן אויף דער וואַנט.

— טאָ פאַרוואָס האָט ער געשריגן אויף אים „ציגיינער"? — מישט זיך אַריין פּורטקעוויטש, וואָס ווייסט ווי שווער ס'איז נישט צו געבן יענעם אין קאַרק אריין פאַרן וואָרט „ציגיינער".

פּורטקעוויטש איז אַ געלער, דערפאַר האָט ער אַ סך אויס־צושטיין פון די חברים.

אהין, אהער — פ ר י ד מ אַ ן קריגט סוף־כל־סוף אַ פּינה, וואָרן אפילו ט י ר מ אַ ן פאַרזיכערט:

— לערער, ער וועט זיך שוין נישט שלאָגן, ער וועט שוין בעסער ווערן.

לאַנג האָט זיך אויך געוויגן דער מזל פון ע ד ל ב ו י ם, וואָרן ער האַלט אין איין נודיען, קריכט כסדר אַריין אין שלאָף־שטוב, מישט זיך אומעטום אַריין און ברענגט צו טראָגן שרעקלעכע ידיעות:

— לערער, די ייִנגלעך האָבן אָפּגעריסן פ ר אַ מ ע ן אַ פוס!

— ברענג אַהער דעם פוס, וועט מען אים צוריק צוקלעבן פ ר אַ־מ ע ן — ענטפערט טרויעריק דער אויפזעער.

וואָס ווייזט זיך אַרויס?

קיינער האָט פ ר אַ מ ע ן נישט אָפּגעריסן קיין פוס, נאָר פראַם איז אַליין געפאַלן און דערפאַר וויינט ער.

אַ צווייט מאָל האָט עדעלבוים געבראַכט אַ ידיעה, אַז אַ ציגיינערין האָט צוגעגנבעט צוויי ייִנגלעך.

אין אמתן אָבער איז דאָס גאָר קיין ציגיינערין נישט געווען, נאָר אַ פשוטע פויערטע. די ייִנגלעך זענען געווען צוויי שקצימלעך, און געגאַנגען זענען זיי מיט דער פויערטע דורך דער לאָנקע, קיינעם איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו גנבענען.

דער גאַנצער נס איז, וואָס ע ד ע ל ב ו י ם האָט אַ טבע צונויפ־קלייבן אַלע שטיקלעך גלאָז, וואָס ער געפינט אין וואַלד, אָדער פאַר דער ווערענדע, און אַ דאַנק דעם צעקאַלעטשען נישט די קינדער די פיס.

ווען נישט דאָס, וואָלט ע ד ע ל ב ו י ם קיין פינה זיכער נישט געקריגן.

בכלל האָט דאָך יעדער איינציקער זיינע פאַרדינסטן. פ ל ע ק ע ר, אַ שטיינער, ווייסט אויסגעצייכנט, ווער צו וועלכן פאָלק עס געהער. ק ל יי נ מ אַ ן זיצט בשעתן מיטאָג צווישן צוויי „מזיקים" און אַ דאַנק דעם שלאָגט מען זיך נישט ביים טיש. א יי נ אַ האָט אוועקגעגעבן דעם מיאוסן אַ נ ש ל זיין פעלערינע, בשעת ס'איז קאַלט געווען.

און אַזוי ווי אויף דער וועלט איז נישטאָ קיין איין מענטש אָן חסרונות און יעדן איינעם קען זיך טרעפן אַ שטרויכלונג — וואַקסט טאַקע די צאָל פינפן ווי אויף הייוון.

ווי שיין וואָלט דאָס געווען, ווען אַלע זאָלן קענען קריגן בלויז פינפן. נאָר דאָס איז, דאַכט זיך, נישט מעגלעך.

ג אָ ל ד ש ט ע ר ן האָט געשאָלטן ע ל ו ו י נ ע ן:

— זאָלסט בלינד ווערן!

די פינף איז געווען איינגעשטעלט. אַ נס, וואָס ע ל ו ו י נ ג האָט מוחל געווען. און געטון האָט ער עס נאָך גערן דערפאַר, ווייל ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן — ער האָט אונטערגעזאָגט ביים דאַמקע־שפּיל ג אָ ל ד ש ט ע ר נ ס פּאַרטנער.

ז י ס ב ר ע נ ע ר ן דאַרף מען פאַרגיטיקן פאַר יענער וואָך. ער האָט דעמאָלט געקריגן אַ פיר. מען האָט געזאָגט, אַז ז י ס ב ר ע נ ע ר האָט אונטערגעשטעלט איינעם פון די יינגלעך אַ פוס. דאָס יינגל איז געפאַלן און צעקלאַפּט אַ קני.

ערשט שפּעטער איז מען געוואָר געוואָרן, אַז ז י ס ב ר ע נ ע ר איז אַ שטיל, ליבלעך קינד, אַז אין וואַרשע אַרבעט ער צוזאַמען מיט דער מוטער בלומען אין די געוועלבער אַריין, און אַז יעדן אויף דער נאַכט לייענט ער פאַר פאַר זיינע יינגערע שוועסטער און ברידער ביכלעך. נישט סתם קיין מעשה־ביכלעך, נאָר אמתע געשיכטעס פון קאָלומבוסן, וואָס האָט אַנטדעקט אַמעריקע, פון ג ו ט נ ב ע ר ג, וואָס איז דערגאַנגען דעם שכל פון דרוק.

אַזאַ יינגל האָט נישט געקאָנט אומישנע אונטערשטעלן עמיצן אַ פוס.

ס'האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז ד ע ר, וואָס האָט זיך צע־קלאַפּט די קני, איז גיך געלאָפן און ווען ער האָט געוואָלט אויסמיידן ז י ס ב ר ע נ ע ר ן, איז ער אומגעפאַלן.

— פאַרוואָס האָסטו דאָס אונדז נישט געזאָגט? — פרעגט מען זיס־

ברענערן פאַרוואונדערט — האָסט געקענט פאַרלאַנגען א פינף, אזוי ווי אַלע אַנדערע.

— דער לערער האָט מיך נאָך דעמאָלט נישט געקענט. ער האָט גע־קענט מיינען, אז איך זאָג א ליגן — האָב איך שוין בעסער געוואָלט א פיר.

נו, זעט איר שוין, ווי שווער ס׳איז אויף דער קאָלאָניע צו וויסן, וועמען עס קומט א פינף און וועמען נישט!

געבליבן זענען בלויז נאָך צוויי: ב ר אָ מ ב ע ר ג און ברוך ג ר י נ ב ו י מ ס ברודער — מרדכי.

אז די צוויי וועלן קריגן פינפן, וועט געשען אזוי ווי ס׳האָט נביאות געזאָגט דער אויפזעער: די גאַנצע גרופּע האָט זיך אויסגעצייכנט אויפ־געפירט.

ווידער ווערט א גרויסע שטילקייט.

— ג ר י נ ב ו י ם מרדכי! — זאָל דער ברודער פאַר אים ענט־פערן. וויפל זאָל מען אים שטעלן?

— לערער, — רעדט מרדכיס ברודער — איך וואָלט זייער געוואָלט, ער זאָל קריגן א פינף. מיר שניידט זיך ס׳האַרץ, ווען איך זע וואָס פאַרא מזיק דאָס איז.

וואָס טוט מען מיט מרדכין? אַלע האָבן אים שוין מוחל געווען, אפילו דער אויפזעער. האָט אָבער מרדכי געוואָרפן שטיינער אויפן הונט.

ווי אזוי ווערט מען געוווירר, צי דער הונט איז אים אויך מוחל?

דער הונט איז צוגעבונדן צו דער קייט ביי דער בודע. אויב מרדכי האָט נישט קיין מורא, זאָל ער צוגיין צום הונט און געבן אים א שטיקל פלייש. אז דער הונט וועט צונעמען דאָס שטיקל פלייש, וועט זיין א סימן, אז ער בייזערט זיך נישט.

אַלע גייען מיר אהין. וואָס פאַרא גליקלעכער טאָג איז דאָס היינט! אַלע גיט זיך אזוי גוט איין. דער הונט איז זייער גוט אויפגעלייגט. פון דער ווייטנס שוין וואַרפט ער מיטן עק און באַגריסט אונדז.

דאָס שטיקל פלייש האָט ער אויפגעגעסן, צוויי מאָל זיך באַלעקט

און פון די אויגן זיינע איז צו זען, אז ער האָט מרדכין אַזוי ווייט מוחל געווען, אַז ער וואָלט גערן אויפגעגעסן דריי מאָל אַזויפיל, וויפל מען האָט אים געגעבן.

הייסט עס, אַז מרדכין קומט אַ פינף. בלייבט נישט מער ווי איינער — בראַמבערג.

— נו, בראַמבערג, דערצייל וואָס דו האָסט אַלץ געטון?

— כ׳האָב מיך אָנגעהאַנגען אָן אַ וואָגן און כ׳בין אַרויפגעקראָכן אויף אַ פערד.

— וואָס נאָך?

— כ׳בין געקראָכן אויפן דאַך פון דער וועראַנדע.

— וואָס נאָך?

— אַז כ׳האָב געפונען אין מיין זופּ עטלעכע פעפערלעך, האָב איך זיי אָפּגעלעקט און דערנאָך אַריינגעוואָרפן אין דער זופּ צו ראַשערן.

— וואָס נאָך?

— כ׳האָב צוגענומען ביי יעדאַן די פעלערינע און כ׳האָב פאַר־גאָסן אַ ביסל מילך אויפן טיש, ווייל כ׳האָב געוואָלט, דער טיש זאָל אויך טרינקען מילך.

— נו, און ווייטער?

בראַמבערג קלערט:

— כ׳האָב אויפגעדרייט דעם קראַן אין וואַש־צימער און כ׳האָב געשריגן אויף ווינשטיינען „קישקעלע".

— וואָס נאָך?

— כ׳האָב געקראַצט מיט אַ גאָפּל אויפן טיש און כ׳האָב נישט גע־וואָלט אויפבעטן דאָס בעט ווי ס׳געהער צו זיין.

און שיעראַטשעקן האָב איך אַ זעץ געטון מיט די שעל־קעס. און כ׳האָב פאַרלוירן ס׳נאָז־טיכל.

— און וואָס נאָך וועסטו דערציילן?

— כ׳האָב נישט געוואָלט עסן קיין ברויט, נאָר דווקא רעפטלעך.

און פ י ש ב י נ ע ן האָב איך אַריינגעשטופּט אין קעלער אַריין, וווּ עס ליגן די קאַרטאָפל.

— און וויפל מאָל האָסטו זיך געשלאָגן?

— כ'געדענק נישט.

— וועגן דער סאָסנע האָסטו נאָך עפּעס גאָרנישט דערציילט.

— יאָ, די סאָסנע האָב איך צעבראָכן.

אַלע ייִנגלעך הערן אויס מיט גרויס צער, נאָר ב ר אָ מ ב ע ר ג אַליין שמייכלט און די גאַנצע מעשה אַרט אים, אַזוי ווי דער פּאַראַיאַ־ריקער שניי.

— ט י ר מ אַ ן, ווי מיינסטו? וואָס זאָל מען אים שטעלן?

— ער וועט שוין ווערן בעסער — זאָגט ט י ר מ אַ ן.

— טאָ וויפל זאָל מען אים שטעלן?

— איך ווייס נישט — ענטפערט ט י ר מ אַ ן, כאָטש ס'איז צו זען, אַז ער און אַלע איבעריקע ייִנגלעך ווילן שטאַרק, אַז בראָמבערג זאָל אויך קריגן אַ פינף. קיינער וואָגט אָבער נישט דער ערשטער עס אַרויס־צוזאָגן.

— אוי, נישט גוט... ט ש אַ ר נ ע צ ק י, זאָג דו, וויפל זאָל מען ב ר אָ מ ב ע ר ג ן שטעלן פאַרן אויפפירן זיך. ט ש אַ ר נ ע צ ק י מיט חיים ב ר אָ מ ב ע ר ג ן זענען זייער גוטע חברים. דעריבער נעמען אַלע איצט קוקן אויף טשאַרנעצקין.

— נו, זאָג, וויפל?

— אַ פינף. — ענטפערט טשאַרנעצקי און צוויי גרויסע טרערן קייקלען זיך אים אַראָפּ איבער די באַקן.

— אַ פינף, אַ פינף — רופן אַלע קינדער און ט י ר מ אַ ן גיט צו:

— ער וועט שוין בעסער ווערן. ער וועט שוין האָרכן.

און ווירקלעך האָט זיך בראָמבערג פאַרבעסערט. ביז אויף דער נאַכט איז ער אַרומגעגאַנגען זייער רויִק און ערנסט. ס'איז אָבער געווען צו דערקענען, אַז ס'איז אים נישט גוט. ער איז אַרומגעגאַנגען אין דעם פינף,

ווי אין אַ פּאָר ענגע שטיוול. דער אויפזעער האָט אַזש מורא געקריגן, אַז בראָמבערג זאָל פון גרוים אָרנטלעכקייט נישט קראַנק ווערן.

ערשט אויפן אַנדערן טאָג האָט ער זיך צעשלאָגן מיט ב י ד ע ר־מ אַ נ ע ן און נאָכמיטאָג האָט ער מיט זיכערקייט אַ זאָג געטון:

— לערער, איך וויל נישט מער קיין פינף.

— פאַרוואָס?

— ווייל עס האָט זיך מיר צוגעגעסן.

ווען מיר זענען געקומען קיין ווארשע, האָט זיך ב ר אָ מ ב ע ר ג ס מוטער געפרעגט אויפן וואָקזאַל:

— ווי אַזוי האָט זיך עפּעס מיין חיימל אויפגעפירט?

— גוט. — האָט דער אויפזעער געענטפערט — ער איז אָבער צו שטיל.

די מוטער האָט פאַרחידושט אַ קוק געטון אויף חיימען און אויפן אויפזעער. נאָר זעענדיק, אַז ביידע לאַכן, האָט זי זיך אויך צעלאַכט:

— כ'האָב געמיינט, אַז איר זאָגט עס טאַקע אויף אַן אמת, אַז ס'האָט אים עמיצער דאָרט כישוף געטון.

און זי איז דאַנקבאַר געווען, וואָס מען האָט זיך נישט געבייזערט אויף איר מזיק.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

עוזר־פאַעט. — אַ ליד וועגן אַ שוסטער, וועגן אַ שמיד און וועגן פאָרן צוריק אַ היים

אויף אונדזער פאַרווייִלונג האָט ע ו ז ר פּ ל אַ צ ק י דעקלאַ־מירט זיינע אייגענע לידער.

מאָדנע האָט עס עפּעס אויסגעזען ביי די קינדער, מען זאָל קענען שרייבן לידער נישט פון ביכל אַרויס, נאָר פון קאָפּ גאָר.

אייגנטלעך שרייבט עוזר נישט פון קאָפּ אַרויס, נאָר פון דעם, וואָס ער האָט געהערט און געזען.

למשל דאָס ליד וועגן שוסטער:

אַן אָרימער שוסטער האָט לאַנג נישט געהאַט קיין אַרבעט; האָט ער נישט פאַרדינט. איז ער אַרומגעגאַנגען און געזוכט און געבעטן מענטשן, נאָר בשום אופן — נישט געקענט געפינען. ביז ער האָט איינמאָל גע־קריגן אַ באַשטעלונג. האָט ער זיך אַזוי דערפרייט.

צו מאַכן אָבער די באַשטעלונג דאַרף מען האָבן לעדער, און לעדער דאַרף מען קויפן, טאָ פון וואַנען נעמט מען געלט אויף לעדער?

איז ער אַרומגעגאַנגען צו זיינע באַקאַנטע נאָך אַ גמילות־חסד, האָט מען אים אומעטום אָפּגעזאָגט. טייל האָבן נישט געוואָלט געבן, אַנדערע האָבן נישט געהאַט — זיי זענען, נעבעך, אַליין געווען גרויסע אָרימע־לייט. איז ער געגאַנגען און געבעטן אַן אַדערויף אויף צו קויפן לעדער, האָט ער דאָס אויך נישט געקריגן.

אזוי אַרום האָט דער שוסטער נישט געקענט מאַכן די באַשטעלונג.

אָרימער, אָרימער שוסטער, נעבעך!

עוזר קען דעם דאָזיקן שוסטער, ער וווינט מיט אים אין איין שטוב.

עוזר געדענקט ווי אַזוי דער שוסטער איז געגאַנגען לייַדיק, ווי אַזוי ער האָט געקריגן די באַשטעלונג, ווי אַזוי ער איז געגאַנגען באָרגן געלט, און ווי אַזוי ער האָט דאָס געלט נישט געקריגן.

דאָס אַלץ געדענקט עוזר און ער האָט פאַרפאַסט אַ ליד.

דאָס צווייטע ליד איז געווען וועגן אַ שמיד. וואָס קלאַפּט טאָג און נאַכט מיטן האַמער אויפן אייַזן, און דער האַמער זינגט אים וועגן גליק פון מענטשן.

אויך דעם דאָזיקן שמיד האָט עוזר געזען. ווען מיר זענען געגאַנגען צו דער וואַסער־מיל, האָבן מיר אויפן וועג אָפּגעטרעטן אין דער קוזשניע. דאָרט האָט עוזר געזען דעם שמיד.

ער איז געשטאַנען און געהאַמערט אין צעגליטן אייַזן אַריין — און געוויזן די קינדער ווי אַזוי מען מאַכט פּאָדקאָוועס.

אַלע האָבן געזען, נאָר איין עוזר האָט אָנגעשריבן אַ ליד. ער אייַנער האָט אין קלאַפּן פון האַמער דערהערט אַ געזאַנג, אַ געזאַנג וועגן גליק פון מענטשן, ווייַל ער איינער איז אַ פּאָעט.

עוזר האָט פאַרפאַסט נאָך אַ ליד וועגן וואַלד, וווּ קראַנקע מענטשן ווערן געזונט און שטאַרק.

נישט אַלע אָבער קענען וווינען אין וואַלדער. דעריבער זענען אויף דער וועלט פאַראַן אַזוי פיל אויסגעבלייכטע און טרויעריקע מענטשן.

פון וועמען האָט געטראַכט דער קליינער דיכטער, בשעת ער האָט דאָס דאָזיקע ליד אויפגעשריבן?

מן־הסתם פון טאַטן זייַנעם.

עוזרס טאַטע מאַכט שפּרינגערלעך פאַר קינדער, לייַצעס, פּאַסקעס און באַפּוצונגען צו קליידער. ווען ער איז געזונט געווען, האָט ער אַ סך פאַרדינט און געשיקט די טאָכטער אין שול אַריין. איצט אָבער, הוסט ער

און אַרויספּאָרן אין וואַלד אַריין, וווּ ער וואָלט געקענט געזונט ווערן, קען ער נישט.

אָפּטמאָל דערמאָנט מען אין דער היים יענע גוטע צייטן, ווען די טאַכטער איז געגאַנגען אין שול אַריין, וווּ די לערערין איז געווען אַ גוטע, זייער אַ גוטע און די קינדער האָבן זי אַזוי ליב געהאַט. איצט איז דער טאַטע קראַנק. די שול האָט מען פאַרמאַכט — די לערערין איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, און דאָרטן מוזן זי די קינדער אויך ליב האָבן.

אַך, עוזר וואָלט זיך אַזוי געוואָלט לערנען.

עוזר האָט נישט ליב קיין שרייענדיקע שפּילערייען. ער הערט אָבער זייער גערן שיינע מעשיות.

ער ווייסט, אַז דער אויפזעער האָט אים ליב. ער וועט אָבער קיינמאָל נישט בעטן, מען זאָל אים געבן אַ פענדל, אָדער די פּילקע, אָדער דעם שיינעם גאָפּל, אָדער דאָס רייפטל ברויט.

עוזרס טאַטע, עוזר אַליין, זיין עלטערע שוועסטער, די מאַמע — אַלע זענען זיי שטאָלץ. זיי האָבן נישט ליב צו בעטן און ווילן נישט בעטן.

ווען עוזרס קליין שוועסטערל איז איינמאָל געלעגען אין שפּיטאָל, האָט מען געוואָלט קומען צו איר יעדן טאָג.

— מען טאָר נישט. צו קראַנקע קען מען נאָר קומען דריי מאָל אין דער וואָך.

— מאַ, אַז מען קען נישט, קען מען נישט. מן־הסתם דאַרף אַזוי צו זיין.

איינמאָל איז עוזר געקומען אין שפּיטאָל אַריין און געבראַכט דער שוועסטער אַ בינטל ווייִנטרויבן. ער האָט נישט געבראַכט קיין צוקערלעך, ווייל די קליינע איז געווען קראַנק און קיין צוקערלעך האָט זי נישט געטאָרט עסן.

שטייט ער אַזוי ביי דעם שוועסטערלס בעטל און רעדט נישט קיין וואָרט.

— רעד עפּעס צו איר, זאָג איר „גוט מאָרגן".

עוזר שטייט און טרערן רינען אים פון די אויגן.

ווען ס'איז געקומען דער טאָג פון צוריקפאָרן קיין וואַרשע, האָבן אַלע יינגלעך זיך געפרייט:

אַט פאָרט מען שוין אַ היים, מען וועט זיך ווידער זען מיט טאַטע־מאַמע, מיט שוועסטער און ברידער; מען וועט דערציילן, וואָס מען האָט אַלץ געטון אין דאָרף, ווי אַזוי מען האָט זיך געבאָדן, געשפּילט זיך, גע־פירט מלחמה — אַלץ, אַלץ...

דעמאָלט האָט עוזר אויפגעשריבן דאָס לעצטע ליד אויף דער קאָ־לאָניע:

„ס'פרייען זיך די קינדער,
וואָס פאָרן שוין אַ היים.
זיי פאָרן דאָרט פּאַרטווישן
די גרינקייט פון דעם וואַלד
אויף פּייכטע, נאַסע ווענט.
ס'לאַכט די בלום אַרויף צום הימל,
נאָר נאָענט, נאָענט שטייט דער ווינטער:
די בלום וועט באַלד אין גיכן וועלקן."

צום ליבסטן שרייבט עוזר וועגן זומער, ווען ס'איז וואַרים, ווען ס'שיינט די זון און ווען ס'בליען בלומען.

דעם ווינטער האָט ער פיינט, ווייל ווינטער איז טרויעריק.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

די קינדער גרייטן־צו אַ סיורפּריז. — דער לעצטער זונ־אונטערגאַנג און דאָס לעצטע מעשהלע

די קינדער בעטן, מען זאָל נישט אהינגיין אויף דער רעכטער זייט וואַלד, ווייל זיי גרייטן דאָרט צו אַ סיורפּריז.

עפּעס האַלטן זיי אין איין טראָגן, אין איין לייגן, און ווען אַלץ וועט ווערן פאַרטיק, וועלן זיי שוין אַליין רופן.

ס'מוז דאָרט זיין זייער אַ סך אַרבעט, ווייל ס'וועט ערשט פאַרטיק ווערן אויף דער נאַכט. י ו ז ע ף האָט זיי געמוזט באָרגן אַזש צוויי בעזימער — דערפאַר האָבן זיי אים געלאָזט פריער צוקוקן זיך צו דעם, וואָס זיי מאַכן, נאָר בתנאי, ער זאָל קיינעם נישט דערציילן.

היינט איז דער לעצטער טאָג אויף דער קאָלאָניע און מען רעדט נישט פון קיין אַנדערע זאַך, ווי נאָר וועגן וואַרשע.

ט אָ פּ צ י אָ האָט איבערגעלאָזט זיינע טויבן אין וואַרשע, צי זענען זיי אַמאָל נישט אַנטלאָפן?

ש י ד ל אָ ו ס ק י ס מאַמע איז געלעגן קראַנק, צי איז זי שוין געזונט געוואָרן?

ט אָ פּ צ י אָ רימט זיך, אַז ער קען אַרויסלאָזן דעם רויך פון אַ פּאַפּיראָס דורך דער נאָז, און אַז ער קען וואַרפן שטיקלעך ברויט זייער הויך און כאַפּן זיי דערנאָך גלייך אין מויל אַריין.

פ ל י ו ו אַ ק קען אַרויפלייגן אַ פּוס אויפן קאָפּ און שפּייען דורך די ציין זייער ווייט.

פ ר י ד מ אַ ן פּייפט מיט איין פינגער און דרייט איבער די אויגן־הייטלעך, וואָס זעט אויס זייער שרעקלעך.

אַלץ איז היינט שוין צום לעצטן מאָל:

דאָס לעצטע מאָל באָדן זיך, דאָס לעצטע מיטאָג. אויף די טעלערלעך בלייבט איבער אַ סך קאַשע, אפילו די מילך איז אויך נישט אויסגע־טרונקען אינגאַנצן.

ווי אַזוי קען מען עפּעס אויפעסן די קאַשע, אַז מאָרגן פאָרט מען שוין אַהיים?

פון פינף אַ זייגער אינדערפרי געזעגנט זיך שוין די קוקו.

— קוקו! — זייט געזונט, ליבע קינדערלעך, — קוקו, איך קען נישט שיין זינגען, — געזעגן איך מיך מיט אייך אַזוי ווי כ׳קען — קורץ און הארציק.

די יינגלעך האָבן זיך שוין איבערגעטון אין זייערע אייגענע מלבוש־שימלעך. און ס׳ווילט זיך גאָרנישט גלייבן, אַז ט י ר מ אַ ן, פ ר י־ד נ ז אַ ן און ט ש אַ ר נ ע צ ק י טראָגן לאַנגע קאַפּאָטקעלעך.

דער קליינער ס אָ ב אָ ל האָט אַ שיין אַנצוגל, מיט צוויי גאָל־דענע שטערנדלעך אויף יעדער זייט קאָלנער. דאָס האָט אים אַזוי אויס־געפּוצט אין וועג אַריין זיינע אַ שוועסטער, אַ שניידערין.

די יינגלעך פּוצן די שיך — זיי זאָלן שענער אויסזען אויפן וואָקזאַל.

— ליבע, טייערע קינדערלעך! — איר זענט דאָ געווען אַזוי פיל און כאָטש איר האָט פאַרפירט, האָט איר דאָך באמת קיין שום שלעכטס נישט געטון. ווי ליב איר זענט, ווען איר פאָרעט אייך אַזוי צוזאַמען און גרייט צו פאַר אונדז אַ סיורפּריז.

— לערער, שוין!

— לערער, דער סיורפּריז איז פאַרטיק!

אויפן רעכטן ברעג וואַלד, דאָרט, ווו מיר האָבן זיך אַלע טאָג גע־זעגנט מיט דער זון, האָבן די קינדער אויפגעשטעלט אַ גרויסע נעסט פון צווייגן, שטיינער און זאַמד. אַרומגעלייגט זי מיט סאָסנע־נאָדלען, אויס־געבעט מיט מעך און באַפּוצט מיט בלומען.

— אַ נעסט פֿון אַ בושעל.

— נישט קיין נעסט, נאָר אַ גאַנצע לאָזשע — רופֿט זיך אָן איינער, וואָס איז שוין געווען אין טעאַטער, ווייל זיין טאַטע איז אַ טאָקער און ער האָט אַמאָל געאַרבעט פֿאַר אַ טעאַטער.

דער לעצטער זון־אונטערגאַנג.

די זון האָט פֿאַרלוירן אירע שטראַלן. אַ קליין וואָלקנדל האָט איי־בערגעשניטן די זון אויף צוויי חלקים.

— דער לעצטער זון־אונטערגאַנג — זאָגן די קינדער.

מאָרגן וועלן זיי שוין זיין אין וואַרשע. און דאָרט גייט דאָך די זון קיינמאָל נישט אונטער.

אין וואַרשע איז נישטאָ קיין זון־אונטערגאַנג.

פֿאַרנאַכט באַווייזט זיך אויף דער גאַס עפּעס אַ מענטש מיט אַ לאַנגן שטעקן און צינדט אָן די מיאוסע, געלע לאַמטערנעס.

ער גייט אַריבער פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער. און שטענדיק איז ער אָרים און שוואַרץ אָנגעטון, און דאָס פּנים זעט מען אים כמעט נישט אַרויס.

ער פֿאַרטוישט דאָס אין שטאָט דעם טאָג אויף נאַכט.

אין מיכאַלאָווקע אָבער, לעשט אויס די העלע זון, אין רויט־געוואַנט געהילט, דעם טאָג און צינדט אָן די נאַכט.

אָט לאָזט זי זיך אַראָפּ וואָס אַמאָל נידעריקער, נידעריקער. זי טוקט זיך איין אין דער ערד שטיקלעכווייז — אַ שטיקל נאָך אַ שטיקל.

— שוין, — זאָגן אייניקע.

— נאָך נישט.

אָט זעט זי שוין אויס, ווי אַ קליין, העל שטערנדל, ווי אַ פּונק.

אין יענעם לעצטן אויף דער נאַכט, ביים לעצטן זון־אונטערגאַנג, איז נעבוירן געוואָרן דאָס לעצטע מעשהלע אויף דער קאָלאָניע — דאָס לעצטע וווּנדערלעכע, נישט פֿאַרענדיקטע מעשהלע.

„אפשר זאָלן מיר גאָרנישט צוריקפֿאָרן קיין וואַרשע, אפשר זאָל

מען זיך אויסשטעלן פּאָרנוויז, נעמען די פֿענער אין די הענט, זינגען אַ מאַרש און לאָזן זיך אין וועג אריין?

— וווהין?

— צ ו ד ע ר ז ו ן!

„מיר וועלן גיין און גיין... לאַנג, לאַנג... וואָס קען דאָס אונדז אַרן? שלאָפן וועלן מיר אין פעלד און אויף עסן וועלן מיר פאַרדינען.

אין איין דאָרף וועט העשל עפּעס שפּילן אויפן פידעלע — וועט מען אונדז געבן אַ ביסל מילך. אין אַ צווייטן דאָרף וועט עוזר לייענען זיינס אַ ליד, אָדער אהרן וועט דערציילן אַ מעשה — וועט מען אונדז געבן אַ שטיקל ברויט. ערגעץ אַנדערש וועלן מיר עפּעס זינגען, אָדער מיר וועלן צוהעלפן אַרבעטן אויפן פעלד.

וועלן מיר אַזוי גיין וואַלד־איין, וואַלד־אויס, וואַלד־איין, וואַלד־אויס".

— און וואָס וועט זיין? — פרעגן די יינגלעך מיט אומגעדולד.

נאָר אין מיטן האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ קלונג פון גלעקל, וואָס האָט גערופן צום לעצטן מאָלצייט, און דאָס מעשהלע איז געבליבן נישט פאַרענדיקט.

צומאָרגנס זענען מיר שוין אַלע געווען אויפן וועג קיין וואַרשע.

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן ־ וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד"ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספארקויפט)
11) ד"ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן־שטאָט לובלין (אויספארקויפט)
12) ישראל אפרת: הײמלאָזע יידן (אויספארקויפט)
13) ד"ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספארקויפט)
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו (אויספארקויפט)
15) ד"ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספארקויפט)
16) קינדער־מאַרטירע־אָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים (לידער)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספארקויפט)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשטשינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד"ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאָליאַקיעוויטש: אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין פאַבריק פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאָוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי: מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס־לידער
44) ז. סעגאַלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד״ר ח. שאָשקעס: אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואַגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ: (ראָמאַן) ערשטער באַנד
49) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) צווייטער באַנד
50) ד״ר א. מוקדוני: מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאַמף פאַרן לעבן
54) יצחק פּערלאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג: שבת־יומטובדיקע יידן
56) שלום אַש: פּעטערבורג (ראָמאַן)
57) שלום אַש: וואַרשע (ראָמאַן)
58) שלום אַש: מאָסקווע (ראָמאַן)
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
61) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד
62) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד
63) יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

מרדכי שטריגלער: ווערק „צע"
חיים גראַדע: שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
אליהו טראָצקי: גלות דייטשלאַנד־
בעלכאַטאָוו: (זאַמלבוך)
רבקה קוויאַטקאָווסקי: פון לאַגער אין לאַגער
יואל מאַסטבוים: מיינע שטורמישע יאָרן
נחמן מייזיל: געווען אַמאָל אַ לעבן ...

פּרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

מלך ראַוויטש שרייבט וועגן אברהם זאַקס בוך לידער און פּאָעמען „יאָרן אין וואַנדער" („אַרבעטער־וואָרט", פּאַריז, 16 דעצעמ־בער 1949):

דאָס 47טע בוך פון דער מערק־ווירדיקער ביכער־סעריע, וואָס דער־שיינט אין בוענאָס־איירעס אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו און ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם דאָרטיקן צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פּוילישע ייִדן, רופט זיך „יאָרן אין וואַנדער — לידער און פּאָעמען". דער מחבר איז א ב ר ה ם ז אַ ק, אַ לירישער פּאָעט און סענטימענ־טאַלער פּראָזאַאיקער, וואָס מיר קע־נען אים שוין צענדליקער יאָרן, פון 12 אייגענע ביכער און 8 ביכער, איבערזעצונגען. אברהם זאַק האָט די מלחמה־יאָרן פאַרבראַכט אין רוסלאַנד און גאָר באַלד נאָך זיין צוריקקומען קיין פּוילן איז דערשי־נען אַ טראַגישע זאַמלונג פון זיינע לידער אונטערן נאָמען „מיט אַש אויף דעם קאָפּ". איצט איז זאַק אין פּאַריז און די נייע אויסגאַבע אַנט־האַלט 248 זייטן. 6 ציקלען זענען דאָ אין איצטיקן בוך און נישט

אַלע פון די לעצטע יאָרן. אויך לי־רישע לידער פון פריערדיקע יאָרן זענען דאָ פאַראַן. די ציקלען: וואַר־שע אין פייער, נע ונד, צווישן קבר־

רים, האָבן נאַטירלעך, אַ שייכות צו די איצטיקע טעג: וואַרשע אין די ערשטע חדשים פון קריג, וואַנדערונגען פון דעם דיכטער דורך רוסלאַנד און ווידער וואַרשע — דער קבר פון מיליאָנען אָדער דער צענטער פון דעם קבר פון מיליאָנען יידישע ברידער און שוועסטערן.

די ציקלען: ווערבעם ביים וואַסער און פּאַריזער מאָטיוון, זענען לירישע נאָכקלאַנגען פון פאַרגאַנגענע בעסערע יאָרן — פּונקט ווי דאָס גאַנצע שאַפן פון אברהם זאַק איז אַ לירישער נאָכקלאַנג פון יענע צייטן, ווען אַ דיכטער האָט נאָך געקענט און געמעגט חלומען און וויינען אפילו נישט נאָר איבער די אומגליקן פון דער וועלט און דער מענטשהייט, נאָר איבער זיינע אייגענע אומגליקן און טרויערן. אָט דאָס איז געווען און — אייגנטלעך געבליבן — דער וועג פון אברהם זאַק. און נישט אַלעמאָל פּאַסן אים די פּ אַ ט ע ט י ש אויסגעשטרעקטע הענט פון אַ מקונן איבער דעם אומגליק פון אַ פאָלק, גיכער פּאַסן אים — אין זיינע אומעטיקע לידער — די פאַרבראָכענע הענט פון אַ פאַרזענלעך פאַרצווייפלטן יחיד. אָבער וואָס זאָל מען טון — די געשיכטע פרעגט נישט ביי קיינעם, זי גייט זיך איר וועג און טרעט אָפט שווער איבער מענטשן און איבער דיכטער,

אוודאי און אוודאי, און אַז זיי פילן דעם טריט פון דער צייט אויף זיך — קען מען נישט צוריקהאַלטן דאָס געשריי.

אברהם זאַק איז אַ גראָדנער און ווער דעם דיכטער וויל פאַרשטיין, מוז אַמאָל קיין גראָדנע גיין... (פּאַראַפראַזירנדיק דאָס באַרימטע וואָרט געטהעס). איצט וואָלט אוודאי נישט גרינג געווען צו גיין קיין גראָדנע, איך באַנוץ מיך דעריבער מיט מיין אַמאָליקן וויזיט אין דער דאָזיקער ראָמאַנטישער שטאָט און אָט אַזוי פאַרשטיי איך בעסער זאַקס לידער. טייך, באַרג, טאָל און אַלטע שטאָט מיט גאַסן און געסלעך און פּאַלאַצן פון ווייטן זענען דאָ אַלעמאָל געפלאָכטן געווען צוזאַמען — פון וועלכער זייט און אין וועלכער צייט פון יאָר דו זאָלסט נישט קוקן אויף גראָדנע. און עס איז קיין חידוש נישט, וואָס גראָדנע האָט דער יידישער ליטעראַטור געגעבן איינעם פון די שענסטע פאָרם־מייסטער אין לירישן ליד, דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם לייב ניידוס, אגב זאַקס האַרציקסטער חבר פון די יונגע יאָרן.

אוודאי האָט זאַק נישט געקענט שווייגן און דיכטעריש פאַרשווייגן די אַלע יידישע און מענטשלעכע איבערלעבונגען פון די לעצטע יאָרן. אָבער צום שטאַרקסטן איז ער אַלע־

מאָל דאָרט, ווו ער איז צום אינטימסטן. אַט אַזוי זינגט ער, ליגנדיק אין אַ קליינעם שפּיטאָל ערגעץ אין די פאַרוואָרפענע סטעפּעס פון ווייטן און ברייטן רוסלאַנד:

ס'ווילט זיך נישט שטאַרבן אין טייגע,
ווייט פון דער וועלט דאָס געביין,
ס'ווילט זיך אַ היימיש בית עולם,
היימישער קבר און שטיין...
הימלען! נישט לאָזט מיך דאָ
אויסגיין,
ווייט און פאַרגעסן פון וועלט.
עלנט, קיין טרער נישט פון קיינעם,
בלויז נאָר פון טייגע די קעלט.

נאָך ווירקזאַמער ווערט זיין ליד, ווען צו דער אינטימקייט קומט נאָך צו די ראָמאַנטיק. אַט אַזוי צעזינגען זיך אין אים אַלע ווינקעלעך פון דער נשמה, ווען אין מיטן אומעט גיט אַ בליץ אַ שטראַל פון ליבע:

עס שאַלט אַ ליד, אַ מאָרגנליד
דורך וויסטן סטעפּ און פעלד,
און דאָס ביסטו!
האָט ווידער זיך צעגרינט, צעבלומט
מיין חרובדיקע וועלט —
אַלץ דו! אַלץ דו! —

אין אַ לאַנגער פּאָעמע, דער לענגסטער אין בוך (40 זייטן) דערציילט זאַק וועגן זיין איינזאַם לעבן אין די אָרענבורגער סטעפּעס און אויך דאָ אַ ראָמאַנטישע איבערלעבונג. און עס זיינען דאָ אין בוך אויך לייכטערע לידער, שטייגערלידער. דער עיקר דאָס ליד, ווו עס ווערן אין פערזן געשילדערט די יאָרן אין דער רעדאַקציע פון דער גרויסער טאָגצייטונג „מאָמענט", ווו זאַק האָט מיטגעאַרבעט און טאַקע מיט דעם רעדאַקטאָר פון דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" — מאַרק טורקאָוו. קיינער קען פון זיין הויט נישט אַרויסשפּרינגען און אַן אומעטיקער עפּיגאָן פון אַ לירישער תקופה, און דאָס איז אברהם זאַקס שטילער אייגענער ווינקל אין אונדזער הערלעכער ליטעראַטור, קען פּלוצים קיין פאָלקס־מקונן נישט ווערן. דעריבער איז טאַקע צום איינדרוקספולסטן אין בוך די סעריע פון צען עלעגיעס אויף דעם דיכטערס טאַטנס טויט, וואָס איז געשטאָרבן נאָך אין יענע יאָרן — און אויך באַזונגען געוואָרן, באַטרויערט געוואָרן פון זיין זון — ווען טויט איז נאָך געווען דאָס, וואָס טויט איז און דאַרף זיין. שטילער סוף. איך ציטיר דאָס 9טע ליד:

מעריב־צייט אין שטוב פון אבל,
אַ טונקלקייט מיט שאָטנס פול.
זיי קומען אָן, די שאָטנס שוואַרצע
מיט היימישקייט אין נפטרס גבול.
אבלים זיצן שטום, פאַרזונקען,
דאָ, דאָרטן בלייכט קוים אַ געזיכט.
בלויז שכנטעס דערציילן, פּרעפּלען,
זיי פּרעפּלען ביז מען צינדט אָן ליכט.
ס'פאַרבאָרגן ערגעץ זיך די שאָטנס
און אבל־בליק גלאַנצט אויף מיט
טרער.
און: והוא רחום — זיפצט שוין יועד.
עס קלייבן יידן זיך צום מנין
און שליסט דעם טרויער־טאָג פון צער,
עס גיסט דער ניגון זיך פון מעריב
ס'צעגייען זיך די שכנות־ווייבער
מיט ברכות פאַר דעם גאָט, דעם האַר.

חיים בראַקאַוש שרייבט וועגן ד״ר א. מוקדונים בוך „מיינע באַגעגענישן״ („דוקא״, בוענאָס־איירעס, דעצעמבער 1949):

דורך א לאַנגער רייע שאַרף און בולט געצייכנטע געשטאַלטן און טיפן, דורך אינטערעסאַנטע און מיט צמצום דערציילטע עפּיזאָדן, פירן

ד״ר מוקדונים „באַגעגענישן״ אַריין דעם לייענער אין אַלטן, אַמאָליקן ליבהאַרציקן יידישן שטעטל.

א גאָר באַזונדער און אָנגעזונן אָרט פאַרנעמט דאָס שטעטל אין דער יידישער ליטעראַטור. כמעט אַלע באַדייטנדיקסטע יידישע שרייבער האָבן אָנגעהויבן זייער שריפטשטעלערישן וועג פון שטעטל. עס האָט זיך אַפילו געקענט אויסדאַכטן, אַז די יידישע ליטעראַטור איז שוין אַ ביסל צופיל פאַרקליינשטעטלדיקט. אַנדערש אָבער האָט נישט געקאָנט זיין: דער גרויסער יידישער קבוץ אין מזרח־אייראָפּע — דער באָדן ווו די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז אויפגעוואַקסן — איז געווען צעשפּרייט איבער קליינע ישובים, גרעסערע און קלענערע שטעטלעך און אַפילו דערפער; דאָרט האָט זיך אויסגעפורעמט דער באַזונדערער יידישער לעבנשטייגער און די **אייגנאַרטיקע טראַדיציע** פון די אַזוי גערופענע „מזרח־יידן״, אויף וועלכע די אַרומיקע באַדינגונגען האָבן געלייגט אַ ספּעציעלן חותם; איז דעריבער נאַטירלעך, אַז די שעפערישע כוחות, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון די פאָלקס־טיפענישן, די שרייבער, קינסטלער און דיכטער, זאָלן לכל הפחות די ערשטע יניקה ציען פון היימישן באָדן און די ערשטע שעפערישע כוחות ווידמען דער היימישער סביבה.

פאַרשידן איז דאָס שטעטל פאַרעזענטירט אין דער יידישער ליטעראַטור. עס האָט זיינע באַזינגער, אויסלאַכער און שטראָפער־סאַטיריקער. אָבער ווען עס איז די רייד וועגן ערשטראַנגיקער קינסטלעריש ע ר, דיכטערישער שילדערונג פון יידיש,

שטעטל, קומט קודם כל אויפן זין שלום אש. אש האָט דאָס פּויליש־יידישע שטעטל איינגעהילט אין אַ ראָמאַנטישן שלייער, די וואָרהייט פאַרוואַנדלט אין דיכטונג, עס אַרומגענומען מיט אַן אַטמאָספער פון יום־טובדיקייט און רוחניות און דאָס ביסל וואָכעדיקייט איבערגעלאָזט אינדרויסן אויפן צווייטן פּלאַן ווי אַ טפל. די אָרימקייט אַפילו אין אַשס שטעטל איז נישט אַזוי גרוי, אומעטיק און טראַגיש ווי זי איז עס ביי אַ סך אַנדערע שרייבער, וואָס שילדערן דאָס שטעטל, בעיקר דאָס יידיש־ליטווישע, און אַפילו דאָס פּסולת, דאָס סאַמע פּראָסטע איז אין אַשס שטעטל באַהויכט מיט אַ געוויסן חן.

ווי אַנדערש איז אָבער מוקדונים שטעטל פון „מיינע באַגעגענישן". עס איז טרויעריק, פאַראומערט, פאַרמרהשחורהט, פאַרדאַגהט, פאַרהושכט און פאַרצווייפלט. דער טרויער באַגלייט דאָרט יעדן און אַלדינג ווי אַ שוואַרצער שאָטן, ער ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים כמעט דורכן גאַנצן בוך. „אַלט, פאַרזאָרגט, צעהויקערט און קליין איז מיין שטעטל" — לייענט מען באַלד אין סאַמע אָנהייב פון בוך. „שווערע זאָרגן און דריקנדיקע דאַגות האָבן געפייניקט מיין שטעטל" — איז די ערשטע שורה פון צווייטן קאַפּיטל. „אָרים און עלנט איז געווען מיין שטעטל"—לייענט מען דעם אָנהייב פון אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל.

עס גייט דאָ נאַטירלעך נישט אין ציען **אַ פּאַראַלעל אין קינסטלערישן** זין צווישן אַשס און מוקדונים שטעטל און דורכצופירן וועלכע עס איז פאַרגלייכן צווישן אַשן דעם דיכטער און מוקדונין דעם בעלעטריסט, גלענצנדיקן פּובליציסט און אָנגעזעענעם ליטעראַטור און טעאַטער־קריטיקער. דאָס אַקעגנשטעלן די דאָזיקע שטעטלעך העלפט דאָ בלויז צו זען דעם קאָנטראַסט צווישן דעם יידיש־פּוילישן און יידיש־ליטווישן שטעטל; כאָטש יעדעס פון זיי איז אַנדערש געזען און מיט אַנדערע מיטלען און מעגלעכקייטן געצייכנט, פילט מען דעם קינסטלערישן אמת אין ביידע „שטעטלעך" און מען זעט די פילפאַרביקייט פון אַמאָליקן יידישן פאָלקסלעבן.

עס איז פאַראַן אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשיד צווישן די שטעטל־שילדערונגען פון אַמאָל און די איצט געשריבענע רעמיניסצענצן פון אַמאָליקן שטעטל. די ערשטע שפּיגלען אָפּ אַ לעבן אין זיין עקזיסטירן, אין זיין איינגעפונדעוועט־זיין, אין זיין איינגעוואָרצלטקייט; די צווייטע זענען — סיי דער שריי־

בער, סיי דער לייענער מוז דאָס פילן — אַ מצבה אויף אַ פּלוצלינג און טראַגיש פאַרשווונדן לעבן. עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס אין אַלעם אין דער לעצטער צייט געשריבענעם וועגן שטעטל נעמט ס׳רוב די אויבערהאַנט אַ טאָן פון דורכאויסיקער אידעאַליזירונג און פאַרהערלעכונג, אָפטמאָל אויף דעם חשבון פון ווארהאַפטיקייט. אין דער הינזיכט איז מוקדונים נייעסטע בוך אַ גליקלעכער אויס־נאַם. „מיינע באַגעגענישן״ איז אַ קליינער קאַלײדאָסקאָפּ פון בילדער און געשטאַלטן, וואָס זענען וואַרים אָבער גלייכצייטיק ניכטער געש־טאַלטיקט. שוין מוקדונים קריש־טאַל־קלאָרער און שאַרף־געשליפע־נער סטיל איז נישט סובל קיין אי־בערטרייבונג און מליצה. פאַרמאָגט מאַקע מוקדונים שטעטל פון כל המינים מענטשן — נישט דורכ־אויס מלאכים און צדיקים, נאָר ווירקלעכע מענטשן פון בלוט און פלייש: גוטע און בייזע, נאַאיווע און כיטרע, איידעלע און עזות־פּנימ־דיקע, געלאַסענע און בויאַנעס, ער־לעכע יגיע כפּימניקעס און לײדיק־גייער־פאַראַזיטן, פרומע און אַפּי־קורסים, אמתע חסידים און פאַל־שע פרומאַקעס, האַפּעררדיקע קנאים און באַהאַלטענע משכילים. וואָס פאַר אַ גרויסע און רייכע גאַלעריע פון געשטאַלטן מוקדוני פאַרמאָגט אין זיין קליין שטעטל!

און אויף דעם אַלעם דריקט אַ בליי־משא פון אָרימקייט.

יאָ, אָרים איז דאָס שטעטל, וואָס מוקדוני שילדערט; אָרים און פאַר־דאגהט און פאַרבימערט. דער מה־בר חזרט עס אַ סך מאָל איבער ווי אַ רעפריין; אָבער פון אונטער דער דאָזיקער שווער דריקנדיקער מאַטע־ריעלער אָרימקייט זעט זיך דאָך אַרויס גייסטיקע עשירות און שיינ־קייט. אין דער „קאַלטער שול״ קאָן מען זי זען אין דעם קינסטלערישן מאַלעריי - און - שניצעריי - ווערק פון דעם אַנאָנימען פאָלקס־קינסט־לער, וועגן וועלכן מען דערציילט לעגענדעס אין שטעטל. די פאָלקס־קינסטלער נישע דער קלעזמער (וועלכער דערמאָנט שטאַרק אָן יואל אין „וואָס אין פידעלע שטעקט״) און יענקל דער בדחן רופן אַרויס ביי די אָרימע, פאַרדאגהטע יידן פון שטעטל באַגייסטערונג פאַר מוזיק און פּאָעזיע. כאָטש נישע דער קלעז־מער אַליין איז פאַר זיי פרעמד און ווייט, אָבער זיין מוזיק ברענגט אַריין אין התפּעלות. אָדער וויפל פאָלקס־כאַראַקטער אַנטהאַלט דער פאַרטרעט פון „שפּרהטשקע״ (זייט 103), דער פאַרהאָרעוועטער, פאַר־גרעבטער יידענע, די עזות פּנימני־צע, וועלכע קעמפט מיט ציין און

נעגל פאַרן בידנעם ביסל חיונה און איז גרייט דורס צו זיין יעדן איי־נעם, וואָס גייט איר אין דער פּר־נסה אַריין — ווי אַט די שפּרהטש־קע פאַרגעסט מיטאמאָל אַלע אירע מסחרים, ווען מען דערמאָנט איר דאָס אייניקל דעם ווילנער און ווי זי פאַלט אַריין אין באַגייסטע־רונג, בעת זי קוקט דורכן פענצטער פון בית מדרש און זעט איר „נחת״ זיך שאָקלען איבער דער גמרא. פון דער כולה נשמיותדיקער שפּרהטש־קע רעדט דאָ אַרויס דאָס אין פאָלק איינגעוואָרצלטע געפיל פון דרך ארץ און ליבשאַפט צו „תורה לער־נען״ און תלמידי חכמים.

ניין, די גרויע שווערע משא פון אָרימקייט איז נישט געווען בכוח צי דערשטיקן די גייסטיקע עשירות פון שטעטל, נישט צו פאַרלעשן די התלהבות פון די חסידים „וואָס זייערע פנימער האָבן אַרויסגעשמייכלט פון די גרויע שמאַטעס, וואָס זיי האָבן געטראָגן״ (זייט 31).

מוקדונים באַגעגענישן גיבן אַ פאַרביק בילד פון אַמאָליקן יידישן שטעטל, אַ גאַלעריע אינטערעסאַנטע יידישע פאָלקס־געשטאַלטן. און איבער די בלעטער פון בוך שוועבט נאָך אַ געשטאַלט, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דאָס שטעטל — דאָס געשטאַלט פונעם מחבר, דעם גע־שטאַלטער פון די דאָזיקע אויף איי־ביק פאַרשווונדענע געשטאַלטן.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 15 DE ABRIL DE 1950, AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN, EN LOS TALLERES GRAFICOS ZLOTOPIORO HNOS., GAZCON 1231, BUENOS AIRES.